STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06494

KEGN SHTROM

Juan Gorodisky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יונה גאָראָדיסקי

קעגן שטראָם

*

JUAN GORODISKY

CONTRA LA CORRIENTE

("KEGN SHTROM")

Ensayos

Copyright 1977 by R. GORODISKY - Buenos Aires

Hecho el depósito que previene la Ley 11.723

IMPRESO EN LA REPUBLICA ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir en el mes de febrero de 1978 en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO S.A.C.I.F. Sarmiento 3149, Bs. Aires.

יונה גאָראָדיסקי

קעגן שטראָם

✶

בוענאָס־איירעס
1978

צוגעגרייט צום דרוק און ביאָגראַפיע : יצחק ניבאָרסקי



יונה גאָראָדיסקי

י ו נ ה ג אָ ר אָ ד י ס ק י

דער דאָזיקער באַנד אַרטיקלען און עסייען פֿון יונה גאָראָדיסקי איז געגרייט געוואָרן צום דרוק דורכן מחבר גופֿא, און האָט ממילא נישט געזאָלט ברענגען קיין שום ביאָגראַפֿישן אַרײַנפֿיר. נאָך גאָראָדיסקיס אומגעריכטן טויט, האָט דער ממונה צו פֿאַרענדיקן די צוגרייטונגס־אַרבעט געהאַלטן פֿאַר פּאַסיק אָנצוהייבן דאָס בוך מיט אַ קורצן איבערבליק איבער דעם — צום גרויסן ווייטיק — שוין אָפּגעשלאָסענעם קאַפּיטל פֿון זײַן לעבן.

◈

יונה גאָראָדיסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1895 אינעם שטעטל קאַזלווישטשינע, לעבן סלאָנים, אין צאַרישן רוסלאַנד, אין אַ טראַדיציאָנעלער־פֿרומער ייִדישער היים. דאָרט האָט ער באַקומען זײַן דערציִונג אין חדרים און ישיבות.

אין 1912 איז גאָראָדיסקי אָנגעקומען אין בוענאָס־אײַרעס, וווּ עס האָט שוין געוווינט זײַן עלטערער ברודער דוד. אַ גוטער בעל־חשבון נאָך פֿון זײַנע קינדער־יאָרן, האָט ער שטודירט אין בוענאָס־אײַרעס און באַקומען זײַן טיטל אויף חשבון־פֿירערײַ.

שוין אין 1912, נישט געקוקט אויף זײַן יונגשאַפֿט און אויף דער מוראדיקער עקאָנאָמישער נויט וואָס ער האָט דאַן געליטן, פּונקט ווי כמעט אַלע נײַע אימיגראַנטן און ווי די אַרבעטנדיקע באַפֿעלקערונג בכלל, האָט ער אָנגעהויבן זײַן טעטיקייט אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. ער איז דאַן געווען צווישן די גרינדערס פֿון דער אַנאַרכיסטישער ייִדישער יוגנט־גרופּע „זוכערס פֿון אמת", לויט

דעם טיטל פון פעליקס האָלענדערס בוך וואָס ש. יאַנאָווסקי האָט געהאַט איבערגעזעצט אויף ייִדיש. דער דאָזיקער קרייַז האָט אין 1916 זיך פאַראייניקט מיט די מיטגלידער פונעם ייִדיש־רעדנדיקן אָפּטייל פון דער אַנאַרכיסטישער „ליגע פאַר דער ראַציאָנאַליסטישער דערציִונג", און געשאַפן די „ייִדישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט", וואָס איז געוואָרן דער הויפּטאַדרעס פון ייִדישן אַנאַרכיזם אין אַרגענטינע.

זינט דעמאָלט איז גאָראָדיסקיס לעבן כּסדר געווען ענג־פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער גרופּע, וואָס האָט במשך פון 60 יאָר געווירקט מיט איר וואָגיקן בייַטראָג און אויסגעהאַלטענעם דרך אינעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער אַרגענטינער ייִדנשאַפט. ער איז געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט, און איינער פון די ערשטע דרייַ לערערס אין דער ייִדישער שול וואָס זי האָט געגרינדעט לויט דער ליבערטאַרישער דערציִונג־שיטה פון פראַנסיסקאָ פערער.

יונה גאָראָדיסקי האָט בייַגעטראָגן אַ היפּשן חלק צו דער אַרבעט פונעם ראַציאָנאַליסטישן פאַרלאַג, די „בוכגעמיינשאַפט", וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ וויכטיקע צאָל אַנאַרכיסטישע ביכער אין ייִדיש. צווישן זיי איז כּדאַי צו דערמאָנען „נאַציאָנאַליזם און קולטור", פון רודאָלף ראָקער, און זייַן בוך „עסייען", אָריגינעל געשריבן אויף ייִדיש, ווי אויך די פינף בענד פון ראָקערס זכרונות.

נישט געקוקט אויף זייַן איבערגעגעבנקייט צו דער ראַציאָנאַליסטישער אַרבעט, האָט יונה גאָראָדיסקי אויך געשפּילט אַ חשובע ראָלע אין דער גרינדונג און אַנטוויקלונג פון אַרגענטינער אָפּטייל בייַם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, פון וועלכן ער איז יאָרנלאַנג געווען פאָרזיצער און נאָך דעם ערן־פאָרזיצער. בעיקר האָט ער משפּיע געווען אויף דער ברייטער פאַרלאַג־טעטיקייט, וואָס אַ דאַנק איר האָט מען אַרויסגעגעבן גרונטווערק פון ייִדישער וויסנשאַפט און געדאַנק, ווי דובנאָווס געשיכטע, צינבערגס ליטעראַטור־געשיכטע, און ביכער פון שמואל ניגער, דב סדן און אַ סך אַנדערע.

מער ווי אומעטום אָבער האָט זיך יונה גאָראָדיסקי אויסגעצייכנט אויפן געביט פון אַנאַרכיסטישן זשורנאַליזם, אויף וועלכן

ער האָט געפירט זײַן אַרבעט מיטן העכסטן גראַד באַוווּסטזיניקייט, אַחריות, מוט, און אויך מיט אָנערקענטן שרײַבערישן טאַלאַנט. במשך יאָרצענדליקער איז ער געווען רעדאַקטאָר פון „דאָס פרײַע וואָרט", ווו ער האָט מיט די אייגענע כוחות, און מיט דער פרײַוויליקער הילף פון געציילטע, איבערגעגעבענע חברים, אויסגעטראָגן די גאַנצע אַרבעט פון אָנשרײַבן, איבערזעצן, רעדאַגירן, קאָרעגירן און אַפילו אַדמיניסטרירן און צעשיקן די אויסגאַבע, ווי אויך די סכנות און רדיפות מיט וועלכע אַזאַ זשורנאַליזם איז געווען פאַרבונדן אין די ערשטע עפּאָכעס פון דער צײַטונג, ביז זי איז געשלאָסן געוואָרן דורך דער דעמאָלטיקער רעגירונג, סוף פערציקער יאָרן. ווען דאָס ראַציאָנאַליסטישע בלאַט האָט זיך ווידער באַוויזן, אין 1956, און אָנגעהויבן זײַן דריטע, צוואַנציקיאָריקע עפּאָכע, איז ווידער גאָראָדיסקי געווען די נשמה פון „דאָס פרײַע וואָרט", און האָט אין דעם אַרײַנגעלייגט אַלע זײַנע פעיִקייטן און ידיעות, און אויך זײַן מי ווי אַן איבערזעצער פון שפּאַניש, ענגליש העברעיִש, פראַנצייזיש און רוסיש. זײַן התלהבות און אויסדויער האָבן מיטגעריסן אַ גרופּע פון זײַנע חברים־לדעה, און אַזוי אַרום איז „דאָס פרײַע וואָרט" געוואָרן איינע פון די בעסט־אַרויסגעגעבענע און אינהאַלטרײַכסטע פּובליקאַציעס אויף ייִדיש אין אַרגענטינע, וואָס האָט מוטיק און אָן פשרות זיך אײַנגעשטעלט פאַר ערלעכע, אין דער אמתן געמיינטע איבערצײַגונגען.

אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר איז גאָראָדיסקיס קאַמף בעיקר געווען פאַרן אויפהאַלט פון ייִדיש לשון אין דער דערציִונג און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַרגענטינער ייִדן. ער האָט שאַרף און טרעפלעך קריטיקירט די טענדענץ צו אינעווייניקסטער און דרויסנדיקער צענטראַליזאַציע, וואָס פּאַראַליזירט אין גאַנצן די שוין אָרעמע גײַסטיקע און שאַפערישע פּאָטענצן פונעם ייִשוב.

◈

יונה גאָראָדיסקיס אַרטיקלען און עסייען צעוואָרפענע איבער הונדערטער נומערן פון „דאָס פרײַע וואָרט" אָדער בלויז געלייענטע אין דער עפנטלעכקייט, האָבן געפונען אַ תיקון, צו ערשט אינעם

בוך „אַרויסגעוואָרפענע רייד" (דערשינען אין 1948), וואָס נעמט־אַרום זײַנע אַרבעטן צווישן 1931 און 1941, און איצט אין דעם פאַרליגנדיקן באַנד „קעגן שטראָם", ווי ס׳האָט טאַקע געהייסן זײַן שטענדיקע רובריק אין דער דערמאָנטער אויסגאַבע. ווען דאָס בוך איז שוין כמעט פאַרטיק געווען צום דרוק, האָט זיך דעם מחבר׳ס לעבן אויסגעלאָשן, אין בוענאָס־אײַרעס, דעם 15טן אָקטאָבער 1977.

בײַ זײַן אָפּענעם קבר האָט אים מספּיד געווען דער פאָרזיצער פון אַרגענטינער קולטור־קאָנגרעס און רעדאַקטאָר פון פילאָסאָפישן זשורנאַל „דווקא", שלמה סוסקאָוויטש, וועלכער האָט צווי"אַ געזאָגט:

„איך וועל איצטער דערמאָנען... אײַער דאָרשט נאָך דעם אמת. איר האָט זיך קיין מאָל נישט באַנוגנט דערמיט, וואָס מען האַלט פאַר אַן אמת, נאָר איר האָט אַליין געזוכט צו דער־קענען די עווידענץ פונעם אמת. אויף דעם וועג זענט איר תמיד געגאַנגען ׳קעגן שטראָם׳, ווי איר האָט עס מיט אַזוי פיל קענטשאַפט געשריבן אין אײַער שטענדיקער רובריק אין ׳דאָס פרײַע וואָרט׳, וואָס איר האָט רעדאַגירט. דאָרטן האָט איר תמיד, אויף גאָר אַ הויכער מדרגה, אַדורכגעפירט אײַער מיסיע ווי אַ שאַרפער קריטיקער פון דעם געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן ייִדישן און אַלגעמיינעם לעבן אין אַרגענטינע".

◈

אין די ווײַטערדיקע אַרטיקלען וועט דער לייענער געפינען נישט נאָר אַן אָרנטלעך גבית־עדות וועגן פאַקטן און פּראָבלעמען וואָס האָבן געהאַט און האָבן נאָך אַן השפּעה אויפן אַלגעמיינעם און ייִדישן לעבן פון אַרגענטינע, און נישט נאָר דעם פאַרזיכדיקן סטיל פון אַ שרײַבער וואָס האָט אין זײַנע אַרבעטן פאַראייניקט סײַ ייִדיש וויסן, סײַ אַלגעמיינע קולטור, סײַ דינעם הומאָר, סײַ ליטע־ראַרישע פײַנקייט; ער וועט קודם־כּל געפינען דעם תמצית פון יונה גאָראָדיסקיס מחשבה, די פּרינציפּן מיט וועלכע ער האָט געלעבט און וואָס ער האָט תמיד געשטרעבט, זיי זאָלן לעבן און אים איבערלעבן.

אנשטאט אן אריינפיר

אַ וויכוח

אויף דער פאַרזאַמלונג פון לייענערס פון „דאָס פרייַע וואָרט" האָט אַ פרייַנד אויסגעדריקט זייַן ווונטש, אַז אונדזער צייַטונג זאָל זיך ווייניקער אָפּגעבן מיט די אַקטועלע געשעענישן און זיך ווידמען, דער עיקר, צו טעאָרעטישע פאָרשונגען. דערבייַ האָט ער דערציילט, וואָס ער האָט געזאָגט אין אַ שמועס מיט ד"ר י. נ. שטיינבערגן, בעת דער לעצטער איז געווען צו גאַסט אין אַרגענטינע:

— איך בין ניט גורם אייַערע קריטיקן קעגן ישראל. עס קען זייַן, אַז אין דעם איז שולדיק דער פאַקט, וואָס איר אַליין זענט ניט אין גאַנצן פרייַ פון מלוכישקייט. איך בין אַן אַנאַרכיסט — ווייס איך אַז אַלע מלוכות זענען שלעכט!

דער פרייַנד האָט זיך אַזוי גערעדט, און בעת־מעשה האָט זיך דערוויַיל דער יצר־הרע, אָט דער אייביקער איפכא־מסתבראניק, אָט דער פאַרפאַלענער אויסטייַטשער צום שלעכטן, געאַרבעט מעשים בייַ אונדז אינעווייניק:

— איך אויף זייַן אָרט... — האָט דער יצר־הרע אָנגעהויבן — שוין אַ סאָפּיזם: „איך אויף זייַן אָרט" וואָלט געווען... ער, און עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען. אָבער לאָמיר דעם בעל־דבר לאָזן רעדן: „איך אויף זייַן אָרט וואָלט געדענקט אַז, חוץ מתנגדים און חסידים, איז נאָך פאַראַן בייַ יידן אַזאַ שיטה ווי מוסרניקעס, וואָס געטרויען זיך אַליין ניט אַזוי לייַכט. איך וואָלט מיך געפרעגט, אפשר האָב איך ערגעץ אַ באַהאַלטענע פניה מיט דעם, וואָס איך וואָרף אַרויף אַ שוואַרצן מאַנטל אויף דעם גאַנצן שטח פון דער ישראלישער מלוכישקייט. אפשר וויל איך דאָרטן עפּעס פאַרזען.

איך ווייס, אפשר האָב איך דאָרטן אין דער מלוכה אַן אייגענעם שוועסטערקינד?

וואָרום, דעם אמת געזאָגט, איז דאָס באַפרײַען די מלוכה פון קריטיק — אפילו ווען מען מיינט אַז מען טוט עס מחמת ביטול — עפּעס גאָרניט קיין גלאַטער ענין. די מלוכה וועט פון דעם ניט שוואַכער ווערן, און זי וועט אויך צוליב דעם ניט אויפהערן צו באַגיין אירע עוולות און אירע פעלערן, וואָס איר פּראָפּאַגאַנדע וועט שטענדיק פאַרשטעלן ווי גוטע מעשים אָדער וועט, לפּחות, זען צו פאַרטושן, צו קאַמופלאַזשירן. מענטשן וועלן זיך צוגעוווינען צו אָננעמען עוולות פאַר מעשים־טובים, שקר פאַר אמת און ביסלעכ־ווײַז אָננעמען די מלוכה, וואָס איר ווייסט אַז דאָס איז אַ שטן, פאַר אַ געטלעכקייט. מיר זעען דאָך אַזעלכע זאַכן אַלע טאָג. די מלו־כישע עבודה־זרה איז דאָך, אדרבה, די שטאַרקסטע עבודה־זרה איצט.

איר געדענקט דאָך מסתמא, וואָס דער מלך אחז האָט געענט־פערט רב אשין ווען דער האָט אים געפרעגט: ווי קומט עס, וואָס אַזאַ קלוגער מענטש ווי ער איז נאָכגעגאַנגען דער עבודה־זרה? „אין מײַנע צײַטן איז דער יצר־הרע פון עבודה־זרה געווען אַזוי שטאַרק, אַז ווען דו וואָלסט געלעבט דעמאָלט, וואָלסטו פאַרשאָרצט די פּאָלעס פון דײַנע קליידער כדי צו קענען וואָס גיכער נאָכלויפן דער עבודה־זרה!”.

לעבן מיר דאָך איבער אַ נײַעם אין אַזאַ צײַט ווען דאָס געצנ־דינסט איז ר"ל פאַרשטאַרקט געוואָרן, און זי האָט געקראָגן אַ שליטה אויך אויף קלוגע מענטשן, אָפט מאָל אַפילו אויף געלערנטע און קינסטלערס — איז ווי וועט איר די עבודה־זרה באַקעמפן, אויב איר וועט ניט אויסנוצן איר פּראַקטיק אויף צו באַווײַזן איר אייטל־קייט און שעדלעכקייט?

דאַרף מען דאָך כאָטש פּרוּוון אויסמײַדן, אַז מענטשן זאָלן גע־מען דווקא די קרומקייטן פון דער מלוכה פאַר אַ מוסטער פאַר זיך, אַז זיי זאָלן זוכן צו קאָפּירן אין זייער אייגענעם לעבן די אַלע אומ־גליקלעכע מידות און מעטאָדן פון „אויבן”.

ניט טשעפּען זיך צו די קאָנקרעטע כוהנים פון דער מלוכה און

זיך אָפּגעבן בעסער מיט אַבסטראַקטע אַנטימלוכישע טעאָריעס — אַהין וואָלטן דאָך אונדז געוואָלט שטויסן אַלע רעגירערס! האָט מען דאָך בימי־פּרעאָן געדרוקט און פּאַרטיילט פרײַ און אָפּן גאָדווינען, פּרודאָנען, באַקונינען, קראָפּאָטקינען, ראָקערן... בעת מיט דער „פּראָטעסטאַ״ האָט מען זיך געדאַרפט אײַנגראָבן זיבן איילן אונ־טער דער ערד! ראָקערס ביכער האָבן מיר אַרויסגעגעבן אויך אין יידיש אָן שטערונגען, און „דאָס פרײַע וואָרט״ האָט מען פאָרט געדאַרפט אָפּשטעלן — נאָך אַלע חכמות און באַהעלטענישן!

שאַ! — מישט זיך אַרײַן דער יצר־טוב — דו האָסט זיך עפּעס אַזוי לײַכט געלאָזט פאַרפירן פונעם בעל־דבר! למאי זאָל מען אַלץ אויסלייגן צום שלעכטן, ווײַבאַלד מען קען דאָך עס אַזוי לײַכט אויסטײַטשן צום גוטן! האָסט דאָך מסתמא געהערט ווי דער גערער רבי, רב יצחק־מאיר, האָט אויסגעטײַטשט דעם פּסוק: „סור מרע ועשה טוב״! אַז איינער וויל תשובה־טאָן פון אַן עבירה, וואָס ער איז באַגאַנגען! ווען איינער האַלט אין איין טראַכטן וועגן דער שלעכ־טער טאַט, געוווינט ער צו זײַן נשמה צו געפינען זיך אין טמאדיקע מחיצות. וואָס געוווינט דער רבש״ע פון דעם וואָס דער מענטש טראַכט פון שלעכטס? אָבער פאַר דער זעלביקער צײַט קען ער דאָך אָנניזשען אַ קראַנץ מיט ליכטיקע פּערל פאַרן כביכול? דערפאַר זאָגט דער פּסוק: פאַרלאָז דאָס שלעכטס און טו גוטס. — האָסט געטאָן אַ שלעכטע זאַך? באַמי זיך צו טאָן גוטע זאַכן, כדי אויסצו־גלײַכן די וואָגשאָל!

אפשר איז טאַקע אַ דרך אויפהערן זיך צו גראָבן כסדר אין דער מלוכישער אומריינקייט, אויפהערן זיך צו מטמא זײַן אין די פּאָליטישע אומווירדיקייטן, און בעסער אויפהייבן דעם געדאַנק און די פאַנטאַזיע צו דער „בעסערער און שענערער וועלט״? איז דען עפּעס אַ שלעכטער וועג צו דערציִען מענטשן צום גוטן דורך מאָלן פאַר זיי די דערהויבענע וועלט פון מאָרגן, דורך לערנען מיט זיי די שיינע, מיט זון־פאַרגאָסענע וועגן פון דער עולם־הבא? אָט האָבן דאָך יידן אין גלות ניט אויפגעהערט צו לערנען די דינים וואָס האָבן אַ שייכות צו ארץ־ישראל: בײַ אַ העלפט פון די תרי״ג מצוות זע־נען דאָך געבונדן מיט דעם לאַנד, וואָס פון אים איז מען געווען

פּאַרטריבן אַזוי ווײַט! הײַנט די אגדות וואָס מען האָט זיך געהאַלטן אין דערציילן וועגן הייליקן לאַנד — וויפל האָבן זיי בײַגעטראָגן אײַנצוהאַלטן דעם חלום און די מאָראַל!

און גיב אָקאָרשט דו אַליין אַ קוק אַרײַן צו זיך אין די טיפעניש, און פּרוּוו אויסצוגעפינען וואָס עס שטויסט דיך תמיד צו די הבלי־עולם הזה, וואָס האַלט דיך אַזוי צוגעבונדן צו די אומווירדיקייטן פון די מלוכות און צו די מיאוסקייטן פון דער בורזשואַזער אָדער מלוכה־קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. כלומרשט דו ווילסט זיי קריטיקירן — אָבער אפשר?... אָט האָט דאָך אַ תנא אַ שוסטער געאַרבעט אויפן מארק, אָבער געלעבט אין אַן אַנדער וועלט; גענומען בײַ זונות אַ מאָס פאַר סאַנדאַלן, אָבער אין פּנים זיי חס־וחלילה נישט אַרײַנגעקוקט!

אָדער — וואָס דאַרפסטו אַזעלכע דראַסטישע משלים? — האָבן דען פרומע ייִדן אָפּגעגעבן זיך מיט קריטיקירן די אויסגעלאַסנקייטן פון די פּריצים? צי אפשר האָבן זיי געזוכט צו פאַרמיאוסן די טמאַדיקע זיטן דורך מאָלן נאַטוראַליסטישע בילדער פון די זינד, אויף זאָלאַס שטייגער?

— די זונות, וואָס דער תנא האָט פאַר זיי געמאַכט סאַנדאַלן, זענען מסתמא ניט געווען קיין ייִדישע טעכטער? אַלנפאַלס, האָבן זיי ניט געהערט צום תנאס וועלט. די פּריצישע אויסגעלאַסנקייטן האָבן פרומע ייִדן אויך געקענט פאַרקוקן — וואָס וואָלט אָבער געווען ווען ייִדן וואָלטן חלילה אַרײַנגעלאָזט זיך אין די אומווירדיקייטן? וואָלטן דעמאָלט די רבנים אויך פאַרקוקט? פאַר די קלענסטע ייִדישע זינד האָבן דאָך די מגידים געשמיסן מיט פײַערדיקע ריטער!

אָדער האָבן אפשר די נביאים זיך אָפּגעהאַלטן פון שטראָפן ייִדן פאַר זייערע עבירות? אדרבא, אויב עס איז געווען איינער אַ נביא וואָס איז אַנטלאָפן פון זײַן שליחות פון שטראָפן און וואָרענען — איז דאָך עס געווען פון אַ שליחות צו גויִים! וואָס פאַר אַן אמתער נביא האָט געזשאַלעוועט מוסר פאַר זײַן אייגענעם פאָלק? די נביאי־השקר וואָס זענען איטלעכס שפּרינקעלע אויף די גוייִשקע מלוכות, סײַדן אָט די מלוכות האָבן צופעליק אַ דירעקטע „סוּווערעניטעט" אויף אָט דעם נביא: איך וויים, אין דער „אַרגענטינע פון

פּעראָן און עווא פּעראָן" האָט אַזאַ יידישער נביא זיך געחנפעט צו מלכות! אָבער אַ שאָוויניסטישן פלעק אויף דער סאָציאַליסטישער מלוכה אין פראַנקרייַך, אַן אָפּוויַיכונג פון דעמאָקראַטיע אין ענגלאַנד, אַן אוממאָראַלישקייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן — יעדער ייִד וואָס איז אַ בעל-לשון אָדער וואָס האָט אַ פּען אין דער האַנט וואַרפט זיך אַרויף אויף דעם ווי אויף אַ כשרער מציאה, פאַרדינט זיך דערבייַ ערלעך זייַן טאָג און לאָדט אוים זיין אויפגעבראַכטקייט קעגן עוולה און מיאוסקייט! — וועט אָבער אַזאַ ייִד חלילה זוכן עוולות, אומדעמאָקראַטישקייט, דעמאָראַליזאַציע, צי גאָר אַ שמיץ פון שאָוויניזם אין ישראל? און אויב אַזאַ ייִד וועט אַפילו מוזן — איינער פון הונדערט און אַ מאָל אין אַ יובל — עפּעס מאַכן אַ קרומע מינע אויף אַן עוולה קעגן ייִדיש, למשל — וועט ער זיך פריִער זיבן מאָל שווערן אַז ער האָט חלילה נישט בדעה אַוועקצוהרגענען בן-צביען, צי באַשולדיקן בן-גוריונען אין אַנטיסעמיטיזם אָדער פאַרלייקענען אַז אברהם-אבינו האָט טאַקע געוווינט אין באר-שבע!

נאָך וויניקער וועט אַזאַ נביא זיך טשעפּען צו נעענטערע אויטאָריטעטן. ער וועט נישט זוכן קיין פלעקן אויף דער זוניקער דעמאָקראַטישקייט פון וועלט-קאָנגרעס, פון דער דאַיאַ, צי אויף דער יושרדיקייט אין דער קהילה אָדער פאַראייניקטן קאַמפּיין...

— אָט ביסטו שוין ווידער פאַרקראָכן אין דער קאָראָבקע אַרייַן! ביסט נישקשהדיק פאַרליבט, וויַיזט אוים, אין דייַן כעלעם, וואָס דו קענסט זיך גאָרניט אָפּרייַסן פון איר! האַלסט איז איין קריטיקירן כלומרשט די אַלע קרומקייטן פון די כעלעמער מוסדות. פון אירע שטאָט-בעלי-בתים, פּאַרטייען, רעדלפירערס... אָבער, זייַ זיך מודה, אַז דו ביסט צוגעבונדן צו זיי אַזש ביז כלות נפש. איז אפשר ביסטו אויך אַזוי צוגעזאָטן געוואָרן צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, און גערעכט איז דער חבר, וואָס האָט דיר, אויף דער זעלביקער מסיבה, פאָרגעוואָרפן אַז דו רעדסט צו די אַרבעטערס פון דער „בורזשואַזער עקאָנאָמיע", טענהסט צו זיי וועגן קליינער פּראָדוקציע, וועגן מאַנגל אין קאַפּיטאַלן, מאַשינען, וועגן חרובן טראַנספּאָרט... וואָס גייט אָן די אַרבעטערס די פּראָדוקציע? אדרבא, זאָל

זי אונטערגיין די בורזשואַזע עקאָנאָמיע, און מיר וועלן לײַכטער קענען איבערקערן די גאַנצע צעפּוילטע אָרדענונג!

— זעסטו, דער איז שוין אַוודאי אומגערעכט! מיר האָבן נישט געזאָגט אַז די אַרבעטערס זענען שולדיק אין דער קליינער עקאָנאָמישער פּראָדוקטיוויטעט פון דער איצטיקער אַרגענטינע. אדרבא, מיר האָבן קלאָר און שאַרף, און ניט איין מאָל, אָנגעוויזן ווער און וואָס עס זענען שולדיק אין היגן עקאָנאָמישן חורבן. און פון די ערשטע האָניק-וואָכן אָן פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, בעת אַלע האָבן נאָך געהאַלטן פאַרריסן די אויגן אויף די פלאַטערנדיקע פענער, האָבן מיר ניט אויפגעהערט צו ציִען דעם עולם פאַר די פּאָלעס, אַז ער זאָל קוקן וואָס עס ווערט געטאָן אין שייכות מיט די אַרבעטערס אין דעם סאַמע 1טן נומ׳ פון באַנײַטן „דאָס פרײַע וואָרט", האָבן מיר שוין אָנגעגעבן פאַרן ערשטן תנאי אויף צו האָבן דערפאָלג אין קאַמף מיטן טאָטאַליטאַריזם — דאָס פאַנאַנדערנעמען די פּעראָניסטישע סינדיקאַלע סטרוקטור און דאָס אויפהערן צו לייזן אַלע עקאָנאָמישע שוועריקייטן פון לאַנד אויפן חשבון פון די אַרבעטערס.

די גרונט-פעלערן פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג זענען געווען דאָס וואָס זי האָט איבערגעלאָזט די געשוואָלענע פּעראָניסטישע ביוראָקראַטיע, וואָס זי האָט כמעט נישט אָנגערירט דעם פּעראָניסטישן דיריגיזם און וואָס זי האָט איבערגעלאָזט — און נאָך סטימולירט! — די פּעראָניסטישע סינדיקאַלע מאַשין, וואָס קען נאָר דינען פאַשיסטן אָדער באָלשעוויקעס! עס איז געווען ניט מער ווי גערעכט און לאָגיש, וואָס אָט די מאַשין האָט בעת דעם וואַל-פּראָצעס געאַרבעט אויף אַלע כלים לטובת יענע קאַנדידאַטן וואָס זענען מער קאָנגעניאַל מיט איר. וואָלטן מעגלעך געווען נאָך מער דיריגיסטישע, נאָך מער דעמאַגאָגישע קאַנדידאַטן — וואָלט די מאַשין אַוודאי געאַרבעט פאַר זיי!

האָבן מיר דאָס נישט געדאַרפט זאָגן? האָבן מיר נישט געדאַרפט אויסזאָגן די אַרבעטערס אַז מען נוצט אויס זייערע אַנגסטן אויף צו פּאָוואָריזירן פּאָליטיש אַ געוויסן צד, וואָס, אין פאַרגלײַך

מיט זײַן קאָנקורענט, זאָל ער הלוואי ניט זײַן ערגער פון אַ געלן פיבער פאַרגליכן מיט קדחות?

האָבן מיר ניט געדאַרפט אויפקלערן דעם גאַנצן אומזין פון די אידיאָטישע פאָדערונגען וואָס מען האָט צוגעטראַכט פאַר די שטרײַקן? איז ווי וואָלט מען געקענט אויפקלערן וועגן דעם די אַר־בעטערס, אויב מען זאָל זיי נישט אינפאָרמירן און געבן צו פאַרשטיין די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון לאַנד?

און אויב מיר וועלן דאָס אַלץ ניט אויפקלערן — איז פון וואַנען וועלן די אַרבעטער זיך אויסלערנען וואָס צו טאָן „אויף מאָרגן, נאָך דער רעוואָלוציע"? די לעכער אין דעם העמד וועלן נישט גאַנץ ווערן דערפון וואָס מען וועט דאָס העמד איבערקערן אויף דער לינקער זײַט! פון אַ רעוואָלוציע אַליין וועלן ניט צוקומען קיין מאַשינען, ניט גאַנץ ווערן קיין טראַקטאָרן, ניט נײַ ווערן די באַנען, ניט אָנ־געפולט ווערן די שפּײַערן און מאַגאַזינען!

און... דאָס ערגסטע און דאָס דרינגענדיקסטע: ווי וועסטו מאַכן אַז די אַרבעטער זאָלן ניט איבערגעבן די רעוואָלוציע צו אָט די זעלביקע פּאָליטיקערס, דעמאַגאָגן און שווינדלערס וואָס האָבן יענע שטרײַקן אָרגאַניזירט: די פּעראָניסטן, די באָלשעוויקעס, די סינדי־קאַלע פאַלשע פּאַסטוכער, אאַז"וו? — צי האָבן אַזעלכע זאַכן גאָר־ניט פּאַסירט אויף אונדזער וועלטל?

אַוודאי זאָגן מיר ניט דערמיט אַז מען דאַרף ניט קיין רעוואָ־לוציע! פּונקט ווי מיר האָבן קיין מאָל ניט געזאָגט, אַז די אַרגענ־טינישע אַרבעטערם האָבן ניט געדאַרפט האָבן נייטיק קיין שטרײַק!

— נו, געגנוג שוין! דו האָסט דאָך עפּעס גאָרנישט קיין הומאָ־ריסטישן חוש! אַוודאי ביסטו גערעכט: דער פרײַנד אַליין האָט דאָך געזאָגט אַז די אַלע זאַכן האָט אים אַרײַנגעשושקעט זײַנער אַ „לינקער" אַרבעט־חבר! אין אַרגענטינע ווערן איצט די פּיפיקסטע געשטרויכלט אָן דעם אומגעווינט־מעכטיקן שוווּנג פון דער באָל־שעוויקישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס אין אָט דער שוואַרץ־טומאהדיקער קונסט האָט נאָך די באָלשעוויקעס קיינער ניט דעריאָגט... און הלוואי זאָל זיי אין דעם קיינער ניט דעריאָגן — ניט אומזיסט שלאָגט חברטע לוטשע פּאַברי פאָר, אַז מען זאָל אַרויסוואַרפן פון אַנאַר־

כיסטישן לעקסיקאָן דאָס וואָרט פּראָפּאַגאַנדע. מיטן כוח-הטומאה וועסטו דעם שטן נישט בײַקומען!

און ווי איך וווּנדער מיך אַזוי אויף דעם יצר-הרעס ווייטגייענ-דיקע קאָנצעסיעס, מישט זיך אַרײַן דער יצר-טוב:

— אָבער פּאָרט ביסטו צו-פּויל; דו ליגסט אָן אויף זיך אַזאַ עול-דרך-ארץ, כדי צו האָבן אַ תירוץ פאַרוואָס צו באַפרײַען זיך פון דעם נאָך הארבערן, דערהייבענערן און מענטשלעכן עול-התו-רה! אפשר וואָלסטו פּאָרט געמאַכט אַ פּרוּוו צו אויפהייבן די אויגן פון די שמוציקע בלאָטעס, וואָס דער אָרעמער מענטשהייטס שטיוול טאָפּטשען זיך אין זיי, און דו וואָלסט אַרויפגעקוקט בעסער צו די ראַנדן פון די בערג וואָס אויף יענער זײַט פון זייערע שטיינערנע פאָרהאַנגען לײַכט שוין די „מאָרגנדיקע זון"!

— ווי אין פּסוק שטייט: „איך הייב אויף מײַנע אויגן צו די בערג — פון וואַנען וועט קומען די הילף?" און אַז איך וועל מצליח זײַן אויפצוניוזשען אַ שײנעם עסיי וועגן דער וועלט פון כולו-פרײַ-הייט, אָן מלוכות און מלכים — וועט אפשר בן-גוריון אַליין מיר צודינען אַ מלוכה-פּרעמיע... אויב דער עסיי וועט נאָר זײַן געשריבן אין העברעיִש, אָדער כאָטש ניט אין ייִדיש! און אַז איך וועל פאַר-בלאָנדזשען אַ מאָל אין דער ליטווישער שול אַרײַן, וועט מיך דער שיינער באַלעבאָס פון דאָרטן אַרויספירן גלײַך צו דער מזרח-וואַנט, און אפשר וועט ער מיך נאָך מכבד זײַן מיט מפטיר-יונה! און אפשר — אויך דאָס טרעפט דאָך אַלע טאָג — ווי איך וועל אַזוי שוועבן מיטן קאָפּ אין די הויכע וועלטן, וועל איך מיט די שטיוול גאָר פאַר-בלאָנדזשען אין די בלאָטיקע און בלוטיקע טאָטאַליסטישע בלאָ-טעס, און זיך גאָר דערדינען צו אַ שלום-פּרעמיע! און אויב איך וועל צופעליק פאַרקריכן אין דער בלאָטע וואָס איז געוואָרן „פלאָס-טיש" פון דעם בלוט פון ישראל צינבערג, פון משה קולבאַק, פון מאַקס ערליך, פון זלמן רייזען, פון נסתר, פון דוד האָפשטיין, פון וואָפּסי-מיכאָעלס... וועסטו זיך נאָך פאַרדינען אָן עקסטרע פּרעמיע פאַר זײַן עמאַנציפּירט פון די בורזשואַז-קלעריקאַלע מצוות — אַ שטייגער פון „זאָלסט ניט שטיין אויף דײַן ברודערס בלוט!".

פעלן דען איצט דער וועלט סאָציאַליסטישע טעאָריעס? אפשר

איז גאָר איצט וויכטיקער אויסצולערנען מענטשן אָנצוווענדן די טעאָריעס? זעסטו דען ניט אַלע טאָג, ווי מענטשן וואָס קענען כּלו־מרשט סאָציאַלע טעאָריעס אויף אויסנווייניק — ממש בקיאים און חריפים — באַווייַזן אין זייער פּראַקטיק, אַז זיי פאַרשטייען זייערע טעאָריעס ווי אַ האָן דעם בני־אדם? אפשר איז גאָר וויכטיקער אויסצוגעפינען נייַע אָנווענדונגען פאַר די אַלטע און אייביקע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן! אפשר איז וויכטיקער צו דערפירן ישעיהס פּסוקים צו אַ בעסערן תּכלית ווי איצט, ווען דעם נביאס פּסוקים און ישום באַרג־דרשה האָבן גאָר מסוגל געמאַכט דווקא די קאַטוילישע־פּרומסטע ערד אויף אייַנזאַפּן בעסער דאָס בלוט פון אַ מיליאָן קינדער, ישעיהס אייניקלעך? אפשר קען מען פון הערצענס, באַקונינס, קראָפּאָטקינס, טאָלסטאָיס, קאָראָלענקאָס, גאָרקים אידייען אויך אויפבויען עפּעס בעסערס ווי אַ וואַנט אויף צו דערשיסן בייַ איר די יידישע שרייַבערס און קינסטלערס צוליבן הייליקן ציל פון קעפּן די יידישע קולטור, כּדי טאַקע דייַן „קאָסמאָפּאָליטישע” נשמה זאָל אָפּגיין מיטן בלוט?

אויב טעאָריעס — איז אפשר טאַקע סייַדן נאָר אַזעלכע ווי עריך פראָמס, וואָס זענען פּותר־חלום דער אָרעמער פאַרבלאָנדזשעטער, און בלאָטע פאַרקראָכענער מענטשהייט. אפשר וועט געראָטן אויפצוקלערן די מענטשן די אומווירדיקייט פון זייערע הייליקייטן, די מעשה־ידי־אָדמדיקייט פון זייערע געטער, די פּחדנות פון זייערע אויפאָפּערונגען און זעלבסט־אויפאָפּערונגען, די ליגנס פון זייערע אמתן, די קריכערישקייט פון זייער שטאָלץ, די וואולגאַריטעט פון זייער אָריגינעלקייט, די אָנפּנימדיקייט פון זייער פּערזענלעכקייט, די עיפּושדיקייט פון זייערע אידעאַלן, די העסלעכקייט פון זייער שיינקייט?

לעתיד־לבוא וועלן די צדיקים זען דעם יצר־הרע גרויס ווי אַ באַרג, און זיי וועלן זיך פרייען: אָט אַזאַ באַרג האָבן מיר מנצח געווען! און די רשעים וועלן זען דעם יצר־הרע דאַר ווי אַ שטרוי, און זיי וועלן וויינען: אָט אַזאַ שטרויעלע האָבן מיר ניט געקענט בייַקומען!

יונה גאָראָדיסקי

מיר זעען דעם יצר־הרע גרוים ווי אַ באַרג. אָבער עס איז נאָך
נישט לעתיד־לבוא, און מיר האָבן אים נאָך נישט מנצח געווען.
— אפשר קען עמיצער אונדז קומען צו הילף?

לאַ־פּאַלדאַ, יוני 1958

דעסיאַמאָס אַזשער *

פון די געשעענישן אין אונדזער מדינה איז פאַראַן גאָר אַ גרויסער מוסר אַראָפּצונעמען. אָבער מ׳זעט ניט, אַז עמיצער זאָל וועלן צי קענען פאַרשטיין דעם ריכטיקן פשט פון דער טרויעריקער לעקציע. און אָט דאָס ניט פאַרשטיין איז דאָס סאַמע טרויעריקסטע פון דער איבערלעבעניש. עס איז אויסערגעוויינלעך פּיינלעך צוצוקוקן זיך צו די אָפּאָזיציאָנעלע באַוועגונגען, וואָס האָבן מיט זייער אידעאָלאָגיע און מיט זייער טאַקטיק אַליין דערפירט צו די פּאַסירונגען, וואָס וועלן מיט זייער טאַקטיק און מיט זייער אידעאָלאָגיע פאַטאַל דערפירן נאָך אַ מאָל צו דעם אייגענעם, אויב אַפילו דאָס לאַנד וועט זיך אין גיכן צוריקקערן צו דעם נאָרמאַלן צושטאַנד.

מיט אַ פופצן־צוואַנציק יאָר צוריק, איידער דער יד־אחת צווישן סאָציאַליסטישע פּאָליטיקער, סטאַלינישע כאַמאַלעאָנען און געל סינדיקאַליסטישע ביוראָקראַטן האָט באַוויזן אויסצונוצן די „גינסטיקע״ קאָניונקטור, וואָס אוריבורוס שטאַטסקלאַפּ האָט געשאַפן, אויף צו פאַרשטופּן אין די אומלעגאַלע קעלערס די אויטענטישע אַרגענטינער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָלט אויסגעזען אומזיניק צו דענקען, אַז מ׳זאָל קענען קאָנטראָלירן, צי גאָר אָנפירן סינדיקאַטן דורך פונקציאָנאַרן, וואָס די אַרבעטער אַליין האָבן ניט אויסגעוויילט. דעקרעטן וועגן לעגאַליזאַציע און געצוווּנגענע אונטערוואַרפונג צו באַשלוסן, וואָס שטאַמען ניט פון אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג

---

* „דעסיאַמאָס אַזשער״ — טייטש: „מיר האָבן געזאָגט נעכטן״. מע דערציילט, אַז מיט אָט די ווערטער האָט באַנייט זיינע לעקציעס אינעם סאַלאַמאַנקער אוניווערסיטעט נאָך אַ הפסקה פון זיבן יאָר— דער באַרימטער שפּאַנישער פּאָעט פראַי לויס דע לעאָן (1527־1591). די זיבן יאָר האָט דער פּאָעט „פאַרבראַכט״ אין דער אינקוויזיציע, ביי וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן אונטער אַ חשד — אפשר צוליב זיין איבערזעצן דעם „שיר השירים״ פון העברעישן אָריגינאַל.

פון די מיטגלידער פון סינדיקאַטן, וואָלטן געבליבן טויטע בוכשטאַבן, מחמת זיי וואָלטן ניט געקענט דורכגעפירט ווערן און לעבן.

אַ יאָרצענדליק קלאַפּן אין אַלע פּויקן וועגן „געזעצן נומער אַזעלכע און אַזעלכע״, אַ יאָרצענדליק לויפעניש אין די מלוכה־דעפּאַרטאַמענטן און שתדלנותן אין די מיניסטעריומס האָבן דערפירט די אַרבעטער־סינדיקאַטן צו אַזאַ מין גוואַלדיקן צושטאַנד, אַז זיי וואָלטן ניט געקענט באַוויזן דעם קלענסטן זשעסט אויף אַנטקעגנצושטעלן זיך אַן עווענטועלן פאַשיזם. נאָך ערגער — וועלכע ניט־איז רעגירונג, פון וואָס פאַר אַ פּאַרטיי זי וואָלט ניט געקומען, וואָלט געקענט קריגן פון די סינדיקאַטן די באַקאַנטע „אַנ־שליסונגען״ נאָך לײַכטער, ווי מ׳קריגט זיי פון די בירזשעס, האַנדלס־קראַמען, אאַז״וו.

אָפן גערעדט דאָס, וואָס מ׳קען רעדן אָפן: די מאַרקסיסטן, ביידע: רעכטע און לינקע, האָבן בשותפות מיט די סינדיקאַלע אויסנוצערס מסרס געווען די אַרגענטינישע אַרבעטער־באַוועגונג, אָפּגענומען בײַ איר די אייגענע פערזענלעכקייט, דעם אייגענעם ווילן, לײַב און נשמה, און פאַרוואַנדלט די אַרבעטער־אַנשטאַלטן אין מעכאַנישע גולמס, וואָס לאָזן זיך אָנפירן פון איטלעכן שאָפער און צו איטלעכן ציל, וווהין דער עווענטועלער שאָפער וועט זיי וועלן אָנטרײַבן.

לאָמיר שוין ניט רעדן דערפון, וואָס עס האָבן ניט קיין רעכט צו באַקלאָגן זיך די, וואָס האָבן מיט אַזוי פיל ברען „געשטעקט אַ האַנט״ און... געקושט דעם רינג.״

(„דאָס פרײַע וואָרט״, סעפּטעמבער 1943)

אוודאי איז בײַ אונדז דער בייזער חלום לײַכטער געוואָרן —

קודם־כל איז פאַרשוווּנדן פון דער אייבערפלאַך דער עקלדי־קער געצנדינערישער קולט פון „פּעראָן און עוואַ פּעראָן״. עס מאַזאָליען שוין מער ניט די אויגן די אַלע מילי־מיליאָסן בילדער פונעם פּאָרל אויף אַלע ווענט און אין אַלע עפנטלעכע פּלעצער, די תּרפ׳ט אלפים סטאַטוען זייערע און די טויזנטער באַבלומטע אַל־טאַרן פון דער „גײַסטיקער שעפין פון דער נאַציע״. עס זענען ריין

געוואָרן די פּראָנטן פון די הײַזער, די אָמניבוסן און טראַמװײַען, די אײַזנבאַן־װאַגאָנען, די שטײנער בײַ די װעגן, די סלופּעס בײַ די באַן־ליניעס, די פעלדזן אויף די בערג, פון די אַלע פּעראַנישע אויפשריפטן, װאָס פלעגן, מעטאָדיש און זאָרגפעליק, זיך כסדר באַנײַען אין נאָכגעמאַכט־המונישן סטיל: עס זאָל הייסן, אַז כלל־מרשט „דאָס פאָלק" שרײַט עס אַזוי אַרויס זײַן ענטוזיאַזם פאַר זײַנע מענטשן־געטער. אויס אויך מיטן „פּעראָן קומפּלע" בײַ יעדן גאָסן־ברוק, װאָס מ'האַלט אין פאַרריכטן, בײַ איטלעכן עפנטלעכן בנין, װאָס מ'בויט אָדער מ'מאַכט צו רעכט.

די צײַטונגען און די ראַדיאָס האָבן אָפּגעשטעלט די אומהיים־לעכע, אײַנפאָרמיקע, מושטירטע שירות ותשבחות צו די געטשעס. די אויערן רוען זיך אויס פון די װילדע קולות פון די אַלע הויכרע־דערס אויף די גאַסן, װאָס פלעגן פאַרהילכן די װעלט מיט דער בעטהאָװענישער מוזיק און די שעקספּירישע װערטער: „פּעראָן, פּעראָן, קע גראַנדע סאָס, מי כענעראַל, קואַנטאָ װאַלעס". די שכנישע ראַדיאָס (דעם אײגענעם ראַדיאָ האָט איר געהאַט אַ ברירה אָפּצו־שטעלן), האָבן אויפגעהערט אַרײַנצושרײַען צו אײַך פון אַלע זײַטן די אומאויפהערלעכע, געשמאַקלאָזע, באַרימערישע רעדעס „זײַנע", װאָס ער פלעגט האַלטן אָפּט עטלעכע אַ טאָג, און װאָס איטלעכע רעדע פלעגט, צײַטנװײַז, איבערגעחזרט װערן צו עטלעכע מאָל אויף די ראַדיאָס.

אַז מ'איז שוין אַ ביסל אויסגערוט פון דעם קאַרנאַװאַל, פרעגט מען זיך ערשט: פון װאַנען האָט מען גענומען כוחות דאָס אַלץ אַריבערצוטראָגן און נישט משוגע צו װערן? הײַנט װי האָט מען עס געקענט אויסהאַלטן פון די כסדרדיקע גראַבע, יונישע ליגנס? האָט מען געהערט די שטײַערן, פלעגט מען אין די צײַטונגען און דורך די ראַדיאָס אַנאָנסירן, אַז מ'האָט „פאַרקלענערט די שטײַערן". איטלעכע העכערונג פון די פּרײַזן אויף סחורות און טאַ־ריפן פלעגט, אין גרעסטן פאַל, באַקאַנט געמאַכט װערן װי אַ „נײַע אָרדינאַציע פון פּרײַזן". איטלעכע נײַע קאָמפּליקאַציע אין דער גי־גאַנטיש־אויסגעװאַקסענער ביוראָקראַטיע פלעגט פאַרעפנטלעכט װערן װי אַ „פאַראײנפאַכונג פון די טראַמיטעס".

אָדער גאָר אַזעלכע מינים שקרים: אַז אַ דרוקער פלעגט עפּעס דרוקן פאַר דער אָפּאָזיציע, האָט מען אים פאַרמאַכט די דרוקעריי „צוליב אומפאַסיקע היגיענישע באַדינגונגען". אַז מ'האָט געוואָלט באַשטראָפן אַן אָפּאָזיטאָרישן אינדוסטריאַל, פלעגט מען אויסגעפינען, אַז זיינע פּראָדוקטן זענען געמישט מיט „מייזן-אָפּפאַל". האָט אַ צייטונג אַרויסגעוויזן אַ זכר פון מענטשלעכער חשיבות, האָט מען זי עקספּראָפּיאירט „כדי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון אירע אַרבעטער". די דיקטאַטור האָט, אין משך פון איר עקסיסטענץ, פאַרגרעסערט די פּאַפּירגעלט-צירקולאַציע אין לאַנד אויף גאַנצע זעכצן מאָל אַזוי פיל ווי פיל זי האָט געטראָפן. דער ווערט פון דער פּעזע פלעגט דעריבער כסדר האַלטן אין איין פאַלן, אָבער פאַרן „יקרות" (די נאָמינאַלע שטייגונג פון די פּרייזן) פלעגט מען תמיד מיט גרויסער פּאָמפּע באַשטראָפן די „שפּעקולאַנטן" (ס'רוב, מאַרק-זיצערס, קצבים, שפּייזקרעמערס). די אַדמיניסטראַציע איז ווי אין איטלעכער טאָטאַליטאַרישער רעגירונג, געווען מאוימדיק צעפוילט — בפרט, אַז פון אויבן איז געגעבן געוואָרן דער ריכטיקער ביישפּיל. אָבער מ'האָט דווקא געהאַלטן אין איין פּויקן וועגן דער „אָנשטענדיקער אַדמיניסטראַציע, וואָס פּעראָן האָט איינגעפירט".

און אפשר איז די גרעסטע פאַרלייכטערונג גאָר דאָס, וואָס מען איז פּטור געוואָרן פון דעם אומגעלומפּערטן ספּעקטאַקל פון מענטשלעכער געפאַלנקייט: פון דעם כסדרדיקן לעקן די שטיוול פון דעם גענעראַל. איטלעכע פאַרבעסערונג (און אויך פאַרערגערונג) אין אַ פאַך אָדער אַ פּראָפעסיע, פלעגט מען פריִער מוזן „בעטן" ביים גענעראַל, און נאָכדעם פלעגט מען מוזן „דאַנקען" („גראַסיאַס, מי כענעראַל!"). די אַרבעטער האָבן קיין מאָל גאַרנישט געטאָרט עפּעס אויסקעמפן אַליין (שטרייקן האָט מען געדאַרפט נאָר דאַן, ווען מ'האָט געהייסן — ווער ווייסט צוליב וואָס פאַר אַ טעמים) — אַליץ האָבן די אַרבעטער געדאַרפט קריגן ווי אַ מתנה פון דעם געטש.

און צו ביסלעך פילט מען טאַקע איצט, ווי דער עולם טשוכעט זיך אויס, פּרוווט די כלים, צי מ'איז טאַקע אויף אַן אמת פריַיער. די ערשטע האָבן זיך אויפגעכאַפּט די סטודענטן: צו זייער לויב דאַרף מען זאָגן, אַז זיי האָבן זיך געראַנגלט די גאַנצע צוועלף יאָר,

זיך נישט אונטערגעגעבן ביז לעצט, ניט געקוקט אויף אַלע שווערע קרבנות. אגב, האָבן די סטודענטן זיך אויך היפּשלעך באַפרייט פון די באָלשעוויקישע אײַנפלוסן — מחמת די באָלשעוויקעס זענען כמעט די גאַנצע צײַט פון פּעראָנס פּרעזידענץ געווען יד־אחת מיטן פּעראָניזם (צו להכעיס אַמעריקע!). לאַנגזאַם אָבער קריגט אויך דאָס לאַנד בכלל צוריק זײַן פריערדיקן רעפּובליקאַנישן פּנים: מ׳גלײַכט אויס די ביינער, מ׳שמייכלט, מ׳רעדט הויך, מ׳דיסקוטירט, זשור־נאַלן פאַרשיידענע באַווײַזן זיך, ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן.

ס׳איז אַראָפּגעפאַלן דער פּאַרהאַנג אויף אַ לאַנגן און גרויליקן ספּעקטאַקל פון דערנידערונג, ליגן, געשמאַקלאָזיקייט, עקלדיקן פּער־זאָנען־קולט.

דער בייזער חלום איז לײַכטער געוואָרן, אָן ספק — אָבער ער איז נאָך נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן. דערפאַר, וואָס דער קאָש־מאַר האָט זיך נישט אָנגעהויבן פּונקט דעם 4טן יוני 1943, און האָט זיך נאָך נישט געענדיקט מיט פּעראָנס ויברח.

מיר שטעלן נישט אויף זיך צו זאָגן, אַז אַ פאָלק זאָל האָבן אַלע מאָל די רעגירונג, וואָס עס פאַרדינט זיך — אָבער דער אַרגענ־טינער רוקן איז שוין, מיט יאָרן פאַר פּעראָנען, געווען גרייט פאַר אַ רײַטער. און אַ סך, גאָר אַ סך, דאַרף געטאָן ווערן אין פאָלקס באַוווסטזײַן, כדי רײַטערס זאָלן מער קיין שאַנסן נישט האָבן.

די לעקציע פון דער עקלדיק־טרויעריקער דיקטאַטור האָבן אפשר אַ ביסל געלערנט די בירגערלעכע שיכטן, וואָס האָבן אַ מאָל —איידער פּעראָן איז אַרויף— גאָר שטאַרק צוגעחלומט מיט די טאָטאַליטאַרישע גליקן. עס בלײַבט אָבער דערווײַל נאָר צו האָפן, אַז אויך די אַרבעטער־מאַסן זאָלן עפּעס אָפּלערנען פון דער געשיכטע.

און אָט זענען מיר געקומען צום סאַמע עיקר: אַרבעטן אין דער ריכטונג אַז די אַרבעטער זאָלן עפּעס לערנען פון אָט־דער דראַמע — דאָס איז די אויפגאַבע אין אָט דער גורלדיקער שעה!

למשל, אין אַ היגער יִדישער אינסטיטוציע האָט מען אין לעצטן חודש אויגוסט באַקומען אַ טעלעגראַמע פון דעם אַרבעטס־מיניס־טעריום זיך צוזושטעלן אין אַ באַשטימטער שעה פון אַ באַשטימטן טאָג. דער ענין האָט זיך פאַרצויגן, מחמת די פּאָליטישע געשעענישן

און „דאָס קעסטעלע האָט זיך געעפנט" שוין בעת דער נײַער רע־גירונג: „די אָנגעשטעלטע פון דער אינסטיטוציע זענען נישט אָנ־געשלאָסן אין זייער סינדיקאַט. בכן דאַרף די אינסטיטוציע אײַנ־צאָלן פאַר זיי צו צען פּעזעס אַ חודש און איין פּראָצענט פון זייער געהאַלט, אָנגעהויבן פון יאַנואַר אָן".

דאָ האָט איר אַ בילד, ווי עס ווערן „אָנגעשלאָסן" די מיטגלי־דער אין די „אַרבעטער־סינדיקאַטן" פון דער סע־כע־טע.

ווײַטער — אין אַ שיינעם טאָג וועט מסתמא די אינסטיטוציע קריגן (לפּחות, אַזוי פלעגט זיך עס פירן ביז איצט) אַ מעלדונג, אַז „דער סינדיקאַט האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך" אויף אַ פּאָר יאָר, לויט וועלכן די געהאַלטן פון די אָנגעשטעלטע ווערן געהעכערט לויט אַ באַשטימטער סקאַלע. די העכערונגען הייבן זיך אָן רעטראָאַקטיוו, און איין חודש העכערונג דאַרף דעפּאָזיטירט ווערן פאַר דעם סינ־דיקאַט, אאַז"וו. דאָס איז, מער אָדער ווייניקער, דאָס בילד, ווי די אַרבעטער קריגן די העכערונגען אין די סינדיקאַטן פון דער סע־כע־טע.

ווי די פאַרוואַלטונגען פון די סינדיקאַטן פלעגן צוזאַמענגע־שטעלט ווערן אין די צײַטן פון דער דיקטאַטור, דאָס פאַרשפּאָרן מיר צו מאָלן אײַך. דער עיקר איז וואָס היות די עצם־עקסיסטענץ פון סינדיקאַט און אַלע פאַרבעסערונגען זענען אָפּגעווענדט פון דער רעגירונג, וועלן די פאַרוואַלטונגען אַלע מאָל זײַן אָפּהענגיק פון דער רעגירונג. בעסער געזאָגט די גאַנצע סטרוקטור וועט זײַן ניט מער, ווי אַן אָפּענדיקס פון דער רעגירונג.

על־כל־פּנים זענען שוין די סע־כעטעיִשע סינדיקאַטן ניט געווען פיל מער ווי דאָס, נאָך פון זינט די אוריבוריסטישע צײַטן. אוי־ווײ, די עיקרדיקע סע־כעטעיִשע סינדיקאַטן (באַן־אַרבעטער, למשל), זע־נען שוין אַזוי געווען נאָך זינט דער ערשטער איריגאָזשענישער פּרעזידענץ.

דאָס איז די לאָגיק פון די שתדלנותן בײַ די רעגירונגען, פון די פּאָליטישע שפּילן, פונעם אַרויסקוקן אויף „אַרבעטער־געזעצן". ניט מער, וואָס בעת טאָטאַליטאַרישע רעזשימען ווערט דער מעכאַניזם פון אָט דעם סאָרט סינדיקאַט דערפירט ביז צו זײַן קאָנסעקווענטער

שלימות. די סינדיקאַטן (פּאַראַן מענטשן, וואָס רופן זיי אָרגאַניזאַציעס) ווערן פּאָלגעוודיקע מאַטאָרן, וואָס די רעגירער פונעם מאַמענט פירן מיט זיי אָן ווּהין און ווי אַזוי זיי ווילן נאָר.

ווּ אַזעלכע גולמדיקע סינדיקאַטן עקסיסטירן, דאָרטן זענען זיי די גרעסטע סכנה פאַר דער דעמאָקראַטיע בכלל. אַ פּאַסיקער דעמאַגאָג קען מיט זיי אויספירן, וואָס ער וויל נאָר. דערהויפּט, אויב ער איז ביכולת דורך דער רעגירונג צו „שטאָפּן" זיי מיט פעטע פאַרבעסערונגען צי גוט גרימירטן סוראָגאַט פון פאַרבעסערונגען. דעמאָלט קען ער זיי פליקן די פעדערן, צי קוילען, ווען נאָר עס וועט זיך אים פאַרגלוסטן.

די היגע אַרבעטער־פאַראייניגן האָבן זיך אָנגעהויבן דווקא גוט — קיין שום קאָמפּראָמיסן מיט דער רעגירונג און מיט די פּאָליטיקער! קיין שום אויסקוק אויפן געזעץ: דירעקטע אַקציע! ווײ, וויפל די סאָציאַליסטן פלעגן עס באַקעמפן און אויסלאַכן די „פּאַראַ" פאַר איר אומקאָמפּראָמיסלעכער אַפּאָליטישקייט! אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז די פּאַראַ־פאַראיינען זענען געווען די איינציקע, וואָס האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דער דיקטאַטור. די איינציקע אַרבעטער־פאַראיינען, וואָס האָבן זיך געשלאָגן ביז לעצט, נישט געקוקט אויף אַלע קרבנות. די איינציקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן מענטשלעכע חשיבות! פּאָלאַסיאָס און אַנדערע סאָציאַליסטישע פירערס האָבן, אין משך פון דער דיקטאַטור, נישט איין מאָל זיך מודה געווען אין די סאָציאַליסטישע אויסגאַבן, אויף זייער טעות. זיי האָבן געהאַט דעם מוט עפנטלעך צוצוגעבן, אַז די „פּאַראַ" איז געווען גערעכט מיט איר עקשנותדיקן אָפּזאָגן זיך פון דער מלוכהשער אינטערווענץ אין די אַרבעטער־קאַמפן. — וועלן די סאָציאַליסטן איצט ציִען די קאָנסעקווענצן פון זייער ביטערער עקספּעריענץ אויף אָט דעם געביט?

עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז די נײַע רעגירונג וועט זיך קיין עצה נישט געבן מיט דער סע־כע־טע. דאָס האָט נאָר באַוויזן, אַז ניט זיי קענען די געשיכטע פון דער סע־כע־טע, און ניט זיי פאַרשטייען דעם כאַראַקטער אירן: די סע־

כע־טע איז פאַרמשפּט צו זײַן אַן אינסטרומענט פון איטלעכער רע־
גירונג, וואָס וועט האַלטן די מאַכט אין דעם געוויסן מאָמענט!

פאַר דער סע־כע־טע איז פאַראַן איין און איינציקער מיטל:
אונטערגיין. די אַרבעטער וועלן מוזן אָנהייבן איבער אַ נײַם צו אָרגאַ־
ניזירן זיך — פרײַוויליק, אויסמײַדנדיק פאַר יעדן פּרײַז די אינטער־
ווענץ פון דער רעגירונג. ווען אַפילו די אַרבעטער זאָל דערבײַ
אויסקומען זיך אָפּצוזאָגן פון אַלע נדבות, וואָס פעראָן אָדער אַנ־
דערע רעגירונגען האָבן זיי צוגעוואָרפן, און דאַרפן איבער אַ נײַם,
דורך דירעקטער אַקציע, אויסקעמפן זייערע פאַרבעסערונגען, דאַרפן
זיי אויך באַצאָלן דעם פּרײַז.

ווײַל דאָס איז די איינציקע גאַראַנטיע, אַז זייערע פאַרבעסע־
רונגען וועלן זײַן אמתע און ניט קיין געגאַרטע, און דער איינציקער
מיטל אויפצוהאַלטן די אייגענע מענטשלעכע חשיבות, — ניט זײַן
קיין אינסטרומענט בײַ יעדן עקלדיקן געטש.

און די איינציקע האָפענונג, אַז מענטשן וועלן אַ מאָל זײַן פרײַ,
אַז זיי וועלן אַ מאָל זײַן מענטשן — ניט קיין סטאַדע שאָף.

יאַנואַר 1956

ניט מיט כוח און ניט מיט רמאות

מיר זענען געזעסן אין זאַל פון דער קהילה בעת דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון וועד הקהילות און אויסגעהערט די פּראָגראַם-רעדע, וואָס עס האָט געהאַלטן דער דעמאָלטיקער שליח פון וועלט-קאָנגרעס.

געוווּסט האָבן מיר, אַז דער רעדנער איז אַ סאָציאַליסט און אַ פּראָפעסאָר. אָבער דעם סאָציאַליזם זײַנעם האָט ער געטראָגן מיט גרויס עניוות און נישט אַרויסגעוויזן מיט גאָרניט. דעם אַקאַדע-מישן טיטל זײַנעם האָט ער דווקא פאַרגעסן אויסצוטאָן איידער ער איז אַרויף אויף דער בינע. דער לאַפּסוס האָט זיך באַלד דערקלערט. ער האָט געדאַרפט אָנוואַרפן אַן אימה אויפן ציבור, פון וועמען ער האָט געמאָנט קיום און המשך מיט אַזאַ שטעל און מיט אַזאַ טאָן, ווי להבדיל, די שוטרים און די נוגשים אין מצרים האָבן גע-מאָנט ציגל פאַר פּיתום מיט רעמסס.

דער פּראָגראַם-רעדנער האָט געעצהט צו שאַפן אַ שטײַפע אָר-גאַניזאַציע און צו האַלטן דעם עולם שטרענג בתכלית השטרענג-קייט. דערבײַ האָט ער מיט אַן אויטאָריטעטן טאָן געבראַכט ראיות פון דער ייִדישער געשיכטע, פון די אַמאָליקע ייִדישע קהילות און אַלע אַנדערע אויטאָנאָמע מוסדות. נאָך זײַן סברה נאָך, האָבן זיי דאָס אויפגעהאַלטן די עקסיסטענץ פון אונדזער אומה — מיט זייער שטאַלענער דיסציפּלין און אומבארחמנותדיקער שטרענגקייט: „אין רחמים בדין!"

וואָס פאַר אַ מצוות דער וועד הקהילות זאָל פאָדערן פון עולם, האָט ער ניט דערקלערט. — צי זאָל מען מחרים זײַן אַלע ברוך שפּינאָזעס? פאַרשטיינערן אַלע מחללי שבת? באַשטראָפן מיט מלקות

די, וואָס שיקן ניט זייערע קינדער אין די ייִדישע שולן? באַשטראָפן די, וואָס רעדן ניט און פירן ניט זייער קאָרעספּאָנדענץ אין ייִדיש? די וואָס לייענען ניט און קויפן ניט קיין ייִדישע ביכער? וואָס זענען מבלה זייער צײַט אין קאָרטן-שפּיל? וואָס חובבן ניט די ייִדישע קולטור, אָדער וואָס זיי חובבן זי יאָ, אָבער זיי גיבן פּרוטות (צי קיין פּרוטה אויך ניט) פאַר זייער ליבע? — מיר האָבן מורא, אַז דער עולם האָט אָנגענומען, אַז דער פּראָפעסאָר וואָלט זיך באַגנוגנט מיט מחרים זײַן די, וואָס גיבן ניט פאַרן „פּאַראייניקטן קאַמפּיין" און, מסתמא, אויך יענע ייִדן, וואָס נעמען זיך די מי צו טראַכטן אַליין וועגן פאָלקס-גורל.

די וואָס טראַכטן אַליין, דאַרפן זייער ניט לוינען פאַר יענע קרײַזן, וואָס האָבן אויסגעדיסטילירט און אויסגעקינצלט אַזעלכע במקום-מלוכהדיקע אינסטיטוציעס, וואָס די ניצוצות דעמאָקראַטיע זייערע קומען צו זיי אויף (צו נוצן אַ קאַבאַליסטישן אויסדרוק), ווי די שטראַלן ליכט, וואָס רײַסן זיך דורך אַ דיקער, נישט דורכזיכטיקער וואַנט (דער וועלט-קאָנגרעס, די דאָיאַ, די מאַשין פון דעם „פּאַראייניקטן קאַמפּיין").

עס איז דאָ, פאַרשטייט זיך, אַ סך וואָס אויסצוזעצן מכוח די איבערגעטריבענע השערות וועגן דעם כאַראַקטער און וועגן דער השפּעה פון די קהילות און פון די אויטאָנאָמע מוסדות אויף דער ייִדישער געשיכטע. מיר וואָלטן לײַכט געקאָנט דורכשטעכן דעם פּראָפעסאָרישן אויטאָריטעטן קיווער מיט ראיות פון, לאָמיר זאָגן, אַזאַ מין טיפּן קענער פון דער ייִדישער געשיכטע, ווי דאָס איז אַב־רהם מענעס (לייענט, למשל, זײַן „אַלטע און נײַע ייִדישקייט" אין די „פרײַע שריפטן"). אָבער איטלעכער ייִד, וואָס קען דעם אלף-בית פון דער ייִדישער געשיכטע, קען זיך דערמאָנען, אַז די שטרענגע אויטאָריטעטרע אינסטיטוציעס האָבן ניט אַרויסגעפירט דאָס ייִדישע פאָלק פון זײַנע גרויסע קריזיסן. ניט מלכות בית-דוד אין צײַט פון חורבן בית-ראשון, ניט די (העלעניזירטע!) כהנים אין די צײַטן פון אַנטיוכוס און ניט די מלכים און (צדוקישע!) כהנים אין די צײַטן פון חורבן בית-שני — דאָס האָבן די נביאים, די חסידים, די פּרושים געהאָלפן אַריבערגיין איבער די תהומות.

און די מערהייט פון אונדזערע לייענער געדענקען דאָך גאָר גוט, אַז אין מזרח-אייראָפּע האָט מען ניט געוואַרט אויף דעם וועלט-קאָנגרעס, ניט אויף דער דאַיאַ און ניט אויפן וועד-הקהילות אַז זיי זאָלן בויען בתי-מדרשים, די תלמוד-תורות און ישיבות. אַז די רעכטע און די לינקע פּועלי-ציון זאָלן באַשטימען אַן „אב בית-דין". אדרבא, ווייסן מיר אַלע, אַז דאָס פּריוואַטלעכע יידיש-געזעלשאַפטלעכע לעבן אונדזערס אין דער אַלטער היים, אַט די טיף-איינגעוואָרצלטע געוווינהייט צו נעמען אַליין די איניציאַטיוועס אין פאַרשיידענע אַספּעקטן פון פאָלקסלעבן — האָט אונדז געהאָלפן אין די נייע אַמעריקאַנער היימען אַזוי וווּנדערלעך שנעל אויפצובויען אַט-די אַלע אומצייליקע מוסדות.

און לאָמיר שוין אגב זאָגן, אַז די אַלע פאָלקס-מוסדות זענען ניט פריי פון פעלערן: זיי לעבן ניט אין קיין וואַקום און זיי זענען ניט אימונירט קעגן די קרענק פון דער סביבה. זענען טאַקע אונדזערע פאָלקס-אינסטיטוציעס אָנגעשטעקט מיט שלעכטע באַצילן. אַ „פּאַטריאַטישער" דעת-הקהל, אַריינגערעכנט זשורנאַליסטן שונאי-בצע, צייטונגען שונאי-אמת, „פּאָליטיקערס" שונאי-פּניות און דעמאָקראַטן שונאי-תקיפות, וואָלט געקענט און געדאַרפט עפּעס טאָן אין דעם. אָבער מיר גלייבן ניט אין דעם מיטל, און מיר גלייבן אפילו ניט אין דעם גוטן ווילן פון די, וואָס ווילן „סאַנירן" די אינסטיטוציעס דורך... באַהערשן זיי מיט צענטראַליזירטער תקיפות. דאָס איז אַן עכט-פאַראַניסטישע רפואה, וואָס איז ערגער ווי די קרענק גופא — תקיפות איז די בעסטע נאַרונג פאַרן מיקראָב פון קאָרופּציע. עס מאַכט ניט, וואָס דער תקיף האָט פיינט צו קוקן אין שפּיגל — די זאַכן ווערן ניט בעסער דערפון!

אויב די יחידים וועלן ניט מאַכן קיין אָנשטרענגונג אַריבערצוקומען אין זיך די אָנגעוואַקסענע דעמאָראַליזאַציע, אויב די אַלע פאַרשידענע סעקטאָרן וועלן ניט אַריבערוואַקסן דעם ציניזם — וועלן די מיאוסן בלייבן! עס וועט גאָרניט העלפן דאָס, וואָס די דאַיאַ, וואָס מיט איר זייער שיטערער, און זייער פעלערהאַפטיקער פאַרטרעטערשאַפט, איבט זי שוין אויס די פונקציעס פון אַן עקזעקוטיווע, פון אַ געריכטלעכער און פון אַ געזעצגעבערישער מאַכט,

וועט נאָך צוטיילן זיך צו דעם אַלעמען אויך די פונקציעס פון אַ... וואַל-קאָמיטעט. אדרבא, דאָס קען נאָך פאַרענדיקן קאַליע צו מאַכן אונדזער לעבן. ערשט איצט קען אונדזער ישוב אַרײַנקריכן אין דער דיקטאַטור, פון וועלכער דאָס לאַנד מאַכט איצט אַ קרבנות-פולע אָנשטרענגונג זיך צו באַפרײַען!

מיר זעען אַלע, ווי דער שם-המפורש פון סאָציאַליזם און אפילו פון קאָמוניזם האָט ניט געהאָלפן צו מאַכן פון אַ דיקטאַטור אויס דיקטאַטור, מיט אַלע אירע שיינקייטן. אויך בײַ אונדז וועט ניט העלפן דער שם-המפורש פון דעמאָקראַטישן ציוניזם, צי פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, אָדער פון „פאָלקס-דעמאָקראַטישן" ציוניזם צו פאַרוואַנדלען צענטראַלע תקיפות אין עפּעס אַנדערש ווי אַ זייער פּאַסקודנע זאַך; דיקטאַטור האָט אירע קאָנסעקווענצן, וואָס זענען שוין בדוק ומנוסה!

אָט האָבן מיר אָפּגעצאָלט אונדזער צינז אַן אַקטועלן ענין. איצט קענען מיר שוין זאָגן, אַז מיר געטרויען אויך ניט די „געשיכטלעכע טעאָריעס", און אויך אַז די כוונה פון דעם „כיבוש-הקהילות" זעט אונדז ניט אויס צו זײַן אַזוי הערצליאַניש ריין — דער אופן, ווי דער דאָזיקער כיבוש ווערט דורכגעפירט איבערצײַגט ניט!

אַלע פילאָסאָפיעס, וואָס מיר האָבן געהערט אַרום דעם ענין —די דאָקטאָרישע און די הדיוטישע— זעען אין אונדזערע אויגן אויס, ווי די באַקאַנטע „טיפע" פילאָסאָפיעס, וואָס זענען צוגעטראַכט געוואָרן אויף צו באַרעכטיקן די הערשערס פון טאָג: בורזשואַזיע, פּריצישאַפט, אפילו אויטאָקראַטיע.

דאָס געוויסן איז ניט ריין בײַ די אַלע ביוראָקראַטן און תקיפים, וואָס האַלטן אויף פּאָזיציעס, וואָס זענען ניט דערגרייכט געוואָרן מיט קיין גלײַכע וועגן, און ווערן ניט באַנוצט יושרדיק.

מסתמא האָבן זיך אונדזערע תקיפים —דאָס רוב סאָציאַליסטן!— ניט איין מאָל פאַרטראַכט אויך וועגן דעם גאַנצן מהות פון די כלי-זין, וואָס האַלט-אויף זייער מאַכט: קבורת-ישראל און... פּלעצער צו דאַוונען אין די ימים-נוראים. פריקרע געוועזער פאַר וועלטלעכע מענטשן און ניט קיין זיכערע אויך — איצט, אַז די אגודה-

ניקעס האָבן באַוויזן, אַז דער מאַנאָפּאָל אויף קבורת-ישראל איז ניט זיכערער, ווי דאָס איז געווען די מאַזשינאָ-ליניע.

— ווער ווייסט? די מלוכהניקעס אונדזערע קענען נאָך טראַכטן בײַ זיך, אַז מיר זענען „אַנטיסעמיטן" ר"ל — ס'טײַטש, מיר לאַכן פון דער ברוכיקייט פון זייער במקום-מלוכה! דער אמת איז, אַז ניט נאָר ווילן מיר די רעאַליסטן אונדזערע צושפּאָרן צו דער וואָר, כדי זיי זאָלן זיך ניט אָנשפּאַרן אויף קיין צעבראָכענע שטעקנס — מיר ווילן טאַקע ניט די במקום-מלוכה זייערע! מיר וואָלטן זי ניט געוואָלט אַפילו, ווען זי וואָלט געווען ריינער, ווי זי איז עס איצט...

ס'איז ניט קיין וועג! מלוכה איז קיין מאָל און אין ערגעץ ניט געווען שעפעריש! ס'איז העכסטנס געווען אַ מיטל אויף צו אויזור-פירן דאָס, וואָס אַנדערע האָבן געשאַפן. „מלוכה טויג אויף צו בויען פּיראַמידן, אויף צו בויען קאַזאַרמעס — די מיטלעלטערלעכע קאַ-טעדראַלעס האָט געשאַפן פּרײַע מאַסן-איניציאַטיוו" און אין דער ייִדישער געשיכטע האָט מען אין די תפוצות אויך צו בויען געמוזט אָנקומען צו פרײַער מאַסן-איניציאַטיוו!

אונדזער ייִדיש לעבן דאַ פאָדערט אַנדערע כוחות, ווי די, וואָס מען האָט דאָ קאָנצענטרירט. אפשר וואָלט גערעכטער געווען צו זאָגן — אַנדערש אָנגעווענדטע כוחות: מחמת אין די במקום-מלו-כהדיקע אינסטאַנצן גייען אָן ספק לאיבוד אויך פּרוכפּערדיקע כוחות, וואָס ווערן מסורס, וואָס ווערן גלײַכגעשאַלט מיט די פּוסטע ביימער —און אויך מיט די דאָרן-ביימער— וואָס זענען קופּץ בראש אין אונדזער גאָרטן.

די, וואָס האָבן אַמאָל געלערנט אין חדר, וועט אונדזער פאַר-גלײַך מיט די ביימער דערמאָנען די אַלע אַלעגאָריע פון יותם, גדעונס זון. פאַראַן אַ באַרימטער נאָמען, איינער פון די באַרימטסטע נעמען פון די חכמי אומות העולם, פּלאַטאָן, וואָס פון אים וואָלט מען אויך געדאַרפט אָפּלערנען: דאָס פאַרקערטע דערפון, וואָס מען האָט אין די לעצטע צײַטן געלערנט פון אים.

פּלאַטאָן איז געווען אפשר דער ערשטער טעאָרעטיקער פון דער „שטאַרקער" מלוכה. אָבער מען פאַרגעסט אָפט, אַז פּלאַטאָן האָט זײַנע טעאָריעס געפּרוווט אָנווענדן אין לעבן, און האָט גע-

ליטן מוראדיקע דורכפאַלן — ווי אַלע עקספּערימענטן פון דיקטאַ־טורן ביז איצט!

בן־גוריון האַלט זיך פאַר פּלאַטאָנס אַ תלמיד, און דאָס דערמאָנט אונדז, אַז פּלאַטאָן וואָלט אוודאי ניט געהאַלטן פון בן־גוריונס חלו־ציזם — ער וואָלט, אַנשטאָט דעם, מסתמא געוואָלט באַנוצן שקלאַ־פן־אַרבעט, אָדער דאָס נאָענטסטע דערצו. און... וואָלט, פאַרשטייט זיך, דורכגעפאַלן.

אויך מיר דאָ דאַרפן נישט האָבן קיין שטאַרקע במקום־מלוכות — מיר דאַרפן האָבן חלוצים! מיר דאַרפן ניט קיין מענטשן און קיין אינסטאַנצן, וואָס זאָלן שטערן די פרײַע איניציאַטיוועס פון דעם ישוב. מיר דאַרפן נישט קיינעם, וואָס זאָל „פירן" (ס'הייסט, רוקן שטעקנס אין די רעדער!) דאָס ביסל וואַכע ענערגיע פון ישוב מיט זייער פאַרנאַרישטן, פאַרתקיפטן שכל. מיר דאַרפן ניט קיין מענטשן —פאַרטייען גאַנצע זענען שוין פאַראַן אַזעלכע— וואָס האָבן שוין באַלד פאַרגעסן, ווי אַ קאָץ אַן עק צו פאַרבינדן. מיר דאַרפן ניט קיין פירער — מיר דאַרפן האָבן טוערס!

אונדזער לעבן וויאַנעט דאָ. די עם־הארצות וואַקסט. זי וואַקסט אין שטאָט און נאָך מער אין די פּראָווינצן. נײַנציק פּראָצענט פון אונדזער ישוב זינקט אין עם־הארצות. מיר האָבן שוין באַגעגנט זוכערישע יוגנט אונדזערע, וואָס באַמיִען זיך צוצוקוקן צו דער שײַן פון אַ פּסוק תנ"ך דורך פרעמדע פּרעדיקטן. און דער נײַער דור קומט ערשט אָן! אַ פאַרוואַרלאָזטער! מיר דאַרפן חלוציזם, וואָס זאָל זיך לאָזן אין די פאַרשידענע שטאָט־געגנטן, אין די פאַרוואָר־פנסטע ישובים (דאָס הייסט — דאָס רוב ישובים, חוץ בוענאָס־איי־רעס!) לערנען אַ פּסוק תנ"ך, אַ פּרשה דובנאָוו, אַ קאַפּיטל פּרץ! אָדער וואָס זאָלן דערציילן וועגן די די גײַסטיקע אומרוען פון אונ־דזערע לעצטע דורות, וועגן די אידעאַלן, וואָס האָבן געשאַפן אונ־דזער ישוב.

חלוציזם דאַרפן מיר! מיר דאַרפן מענטשן מיט גלויבן אין זייער אייגענעם לעבן און אין דעם לעבן פון אונדזער כלל — נישט אַזעל־כע, וואָס וואָלטן די גאַנצע עולם־הבא זייערע אויפגעגעסן אין איין טאָג!

כדי צו קריגן אַט די חלוצים, וואָלטן מיר אויפן ערשטן פּלאַן געדאַרפט קריגן חלוצים לערערס, וואָס זאָלן אַרײַנברענגען אַ ביסל מער גײַסט און אַ ביסל מער אידעאַליזם. אין די „פּרעכטיקע בנינים״ אונדזערע, אַ ביסל מער „מלמדות״ צווישן אונדזערע נײַע לערערס.

מען קלאָגט זיך אויף די הי־דערצויגענע לערערס, אַז זיי זענען שוין כמעט אינגאַנצן „פּראַקטישע״ מענטשן, אָבער די גאַנצע אינ־טעליגענץ אונדזערע —די לערערס פון אונדזערע יונגע לערערס!— לעבן עפּעס לעצטנס ווי אין אַ לעטאַרגיע; אָן שווונג; אַז אונדזערע טוערס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָליטיקערס אָדער אין ביוראָקראַטן; אַז אונדזערע קינסטלערס זוכן ווייניקער קינסטלע־רישע שלימות ווי פּירסום; אַז אונדזערע זשורנאַליסטן זוכן ניט אַזוי פיל ווירקונג ווי „דערפאָלג״; אַז אונדזערע פּעדאַגאָגן שלאָגן זיך ניט פאַר קיין אידייען און אידעאַלן, נאָר בלויז פאַר שכירות — איז פון וואַנען זאָלן זיך די יונגע סעמינאַריסטן אָנשטעקן מיט אידעאַליזם?

אַ ראיה האָט איר, אַז דאָרטן, ווו די זעלביקע יוגנט טרעפט זיך אָן אויף אידעאַליסטישע מוסטערן —חלוציזם פאַר ישראל!— ענטפערט זי גאָרנישט אַזוי שלעכט!

אָבער אויף חלוציזם פאַר ישראל קען ניט לעבן דער גאַנצער ישוב אונדזערער! מיר דאַרפן האָבן אַ סך מער חלוצים איצט פאַר אונדזער אייגענעם לעבן דאָ!

מיר דאַרפן נייטיק ווי דאָס לעבן חלוציזם פאַר אונדזער קול־טור! און ניט ווייניקער נייטיק דאַרפן מיר חלוציזם פאַר דעם גרעסטן אויפטו אונדזערן אין לאַנד — איינעם פון די גרעסטע אויפטוען אין אונדזער מאָדערנער געשיכטע בכלל! די ייִדישע ערדאַרבעטע־רישע קאָלאָניעס! אַ פּאָר דורות פּיאָנערן האָבן געגרונטפעסטיקט די ערדאַרבעט בײַ אונדז. אַ פּאָר דורות פּיאָנערן האָבן געגרינדעט און פאַנאַנדערגעוויקלט די אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוון אין אונדזערע קאָלאָניעס. איצט נייטיקט זיך די קאָלאָניע אין אַ פרישן אידעאַל, וואָס זאָל גאַלוואַניזירן די יונגע כוחות, וואָס זאָל אַרײַנברענגען פריש לעבן אין די וועגעטירנדיקע קאָלאָניעס. דער אידעאַל איז נישט אויפן הימל — אין ישראל איז ער אײַנגעוואָרצלט אין די

ערדן: דאָס איז די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט, אין אירע פאַרשידענע וואַריאַציעס (סאַראַ אויפטו דאָס וואָלט, אגב, געווען אויך פאַרן לאַנד און פאַרן סאָציאַליזם!).

ס'זענען פאַראַן מענטשן בײַ אונדז, בײַזע שטיפמוטערס, וואָס האַלטן שוין די קאָלאָניעס אונדזערע פאַר חרוב, און זיי רײַסן לע־בעדיקע שטיקער וועגנט פון זיי אויף אַריבערצופירן די ציגל קיין ישראל. דאַרפן וואָלט דאָס פאָלק גיכער געדאַרפט חלוצים פון יש־ראל אויף אַהער, וואָס זאָלן דאָ באַווײַזן, ווי מען גרינדט קיבוצים!

און למאי זאָלן מיר באַפרײַען —וויבאַלד מען רעדט שוין— פון דעם חוב יענע קרײַזן (אונדזער אייגענער קרײַז בתוכם), וואָס רעדן תמיד פון דאָיִקייט?

מיר דאַרפן טוערס! עס איז וויכטיקער פאַר אונדז איצט איין חלוץ, וואָס זאָל אַרבעטן אין זײַן „ווינקל", שטיל און מיט אידעאָ־ליסטישן ברען, איידער טוצן פירערס, וואָס אַליין טוען זיי גאָרניט, אָבער זיי זענען זיכער, אַז זיי קענען פירן יענעם. „פירערשאַפט" איז די מאַניע, וואָס איז איצט גראַד אין דער מאָדע בײַ חרש, שוטה וקטן. מען האָט אין אונדזערע דורות, צום אומגליק, ניט איין אי־דיאָט געגעבן די מעגלעכקייט אויסצופרוּוון זײַנע פירערישע טאַ־לאַנטן. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דעם איינציקן שכל, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן, איז יענעם, וואָס אַלע נאַראָנים האָבן: — דעם שכל פאַר זיך אַליין.

מיר דאַרפן האָבן ניט קיין פירערס, נאָר טוערס. לאָזט איבער דאָס שפּיל אין פירערשאַפט פאַר אידיאָטן און מנוולים — זיי וועלן עפּעס האָבן דערפון.

אײַך און אונדז און דעם פאָלק וועט פון דעם פירן גאָרניט אַרויסקומען — חוץ האַרצווייטיק!

פעברואַר 1956

ש. ניגער

אין יעדן לאַנד און אין יעדן דור וואָלט דאָס אַוועקגיין פון אַזאַ געשטאַלט, ווי ש. ניגער, געוועזן אַ שווערער קלאַפּ. פון יענע קלעפּ, וואָס פאַרהיילן זיך ניט אַזוי לײַכט.

אַוודאי איז דער ווייטיק אומדערטרעגלעך אין אונדזער חרובן יידישלאַנד, ווו געציילטע מענטשן, מיט פאַרווונדיקטע הענט און הערצער, זוכן אויפצושטעלן וווּ-ניט-וווּ פראָוויזאָרישע בײַדלעך, וווּ-ניט-וווּ, פונדאַמענטן פון נײַע קליינע במקום-מקדשים. אַוודאי איז גרויס אונדזער צער, ווען מיר מוזן צוקוקן, ווי דערווײַל פאַלן אײַן, איינער נאָכן אַנדערן, די לעצטע ווענט פון אונדזער יידישלאַנדישן בית-המקדש, וואָס אָט-אָט איז ער נאָך געשטאַנען פאַר אונדזערע אויגן אַ גאַנצער, אַ פראַכטיקער, אַ שײַנענדיקער, אַ וואַרעמענדיקער, אַ שיצנדיקער... און די טרייסט דאַרף מען צוטראַכטן, צוחלומען: ווען וועט אונדז געבוירן ווערן אַ צווייטער שמואל ניגער?

שמואל ניגער איז געבוירן געוואָרן אין דעם פרוכטיקן יידישגײַסטיקן באָדן פון ווײַסרוסלאַנד. זײַנע עלטערן האָבן ביידע געשטאַמט פון אַלטן רבנישן יחוס. ניגער אַליין האָט זיך אין משך פון זײַנע יונגע יאָרן געוואַלגערט אין ישיבות, און אָט-אָט שוין געדאַרפט קריגן סמיכה אויף רבנות. דער אומרו, וואָס האָט אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט אויפגערודערט דעם מזרח-אייראָפּעיִשן יידנטום ביז די סאַמע גרונטן, און די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע, האָבן פאַרכאַפּט דעם „דוקאַרער עילוי" און אים אַוועקגעפירט אויף די נײַע וועגן. ניגער ווערט גיך איינער פון די פירערס פון דער טעריטאָריאַליסטיש-סאָציאַליסטישער פאַרטיי (ס"ס), און ער הייבט אָן זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט אין יאָר 1903 מיט אַ פּראָקלאַמאַציע צום ערשטן מײַ, וואָס דער צענטראַל-קאָמיטעט פון זײַן פאַרטיי

האָט בײַ אים באַשטעלט. אין משך פון זײַנע קעמפערישע יאָרן ווערט ניגער באַהאַוונט אין דער סאָציאָלאָגישער ליטעראַטור, און ער קריגט אַ לעבעדיקע באַקאַנטשאַפט מיטן פאָלק, ער ווערט פאַר־האַרטעוועט אין קאַמף, ווי ער האָט איין מאָל שוין געזען דעם טויט ממש פאַר די אויגן, בעת ער איז אַרעסטירט געוואָרן פון דער קור־לענדישער שטראַף-עקספּעדיציע. טאַקע נאָר די העראָיִשע מסירת־נפש פון די עלטערן און חברים ראַטעוועט אָפּ ניגערן פון טויט, אין דער לעצטער מינוט. אפשר אַזוי האָט עס ניגערס סענסיטיווע, אפשר סענטימענטאַלע נשמה געקראָגן איר פאַרהאַרטעוועטע שיכט, וואָס איז אים מסתמא שטאַרק צו ניץ געקומען אין זײַן קאַריערע. צו דער ליטעראַטור-קריטיק קומט ער, געטריבן פון אַ טיפער נייגונג, און אין 1908 זעען מיר שוין ניגערן ווי איינעם פון די דרײַ רעדאַקטאָרן פון די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן", וואָס האָבן אָפּגעצייכנט אַ וויכטיקן עטאַפּ אין דער ייִדיש-ליטעראַטור.

פון דעמאָלט אָן — ווען ניגער איז אַלט געוואָרן 25 יאָר — און ביז זײַן פּלוצלינגדיקן טויט, וואָס האָט אים אַוועקגעריסן אין מיטן פון זײַן ניט-איבערגעריסענער, אַקטיווער אַרבעט, איז שמואל ניגער געשטאַנען אויף איינעם פון די אָנזעעוודיקסטע פּאָסטנס אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

ניגער לאָזט זיך ניט באַרווישן פון זײַנע נצחונות און פאָרט אַוועק לערנען פילאָסאָפיע און ליטעראַטור אין דײַטשלאַנד און אין דער שווייץ. ניגער ווײַזט אַרויס אַ גוואַלטיקע פעיִקייט צו אַסימילירן זײַנע קענטשאַפטן — זיי סטאַרטשען בײַ אים ניט אַרויס. איר פילט אויך ניט בײַ אים קיין פאַרשיידענע שיכטן פון קולטור, הגם זײַן קולטור איז צו אים געקומען פון ממש פאַרשיידענע וועלטן, איר פילט בכלל ניט בײַ אים דעם „געלערנטן", און אוודאי ניט חלילה דעם פעדאַנט, וואָס דאָס איז אַ מענטש, וואָס האָט קוים מיט צרות „דעראָבערט" — ניט פאַראייגנט — זײַנע ידיעות. אַזאַ איינעם איז אויך פיזיש שווער איבערצונעמען יעדן נײַעם ענין, אי די נײַעסן לייגן זיך אײַן שווער אין זײַן אינגעווייד.

ניגערס התמדה און זײַנע פעיִקייטן צו אַסימילירן נײַעם וויסן, זײַן זעלטענער זכרון, זײַן פרישער, יוגנטלעכער נײַגיר, האַלטן אָן

דורך זײַן גאַנצן לעבן. הגם די אוניווערסיטעטן האָט ער געדאַרפט פאַרלאָזן פרי — ווילנע האָט אים גערופן איבערצונעמען די רעדאַקציע פון „די יִדישע וועלט": דעם צענטראַלסטן זשורנאַל פון דער אַזוי קורץ דויערנדיקער און טראַגיש-איבערגעריסענער גלאַנץ-תּקופה פון דער יִדיש-ליטעראַטור. זײַן גרויסער גורל האָט באַשטימט ניגערן, בײַ זײַנע דרײַסיק יאָר, צו זײַן דער רעדאַקטאָר פון אַ זשורנאַל, ווו עס האָבן מיטגעאַרבעט מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם, אַש, בערגלסאָן, נאָמבערג, זשיטלאָווסקי — אַ כּהן-גדול אין אַ בית-המקדש! און ניגער האָט געהאַט דעם יחוס דערצו, אי די חשיבות, אי דעם אַצילותדיקן בירגערלעכן מוט, אי די שפּירעוודיקע אָרנטלעכע וואָג, אי דעם ריזיקן, שטראָמיקן טאַלאַנט, וואָס האָט געקוואָלן פון טיפע מקורות.

ניגערס לשון איז געווען רײַך, קוואַליק און פּונקט אַזוי פּאַראייגנט, ווי דאָס זענען געווען זײַנע ידיעות. אפשר דערפאַר פלעגט ער אויסמײַדן דאָס זשאָנגלירן מיט דער שפּראַך, ווי נײַע גבירים, אפשר גאָרניט אַזעלכע גרויסע גבירים, זענען עלול צו פּאַראַדירן מיט זייער עשירות. ער העלפט זיך נאָר אָפּטער מיט דעם פאַרפײַנערטן וואָרטשפּיל אויף אַרויסצוברענגען דינע ניואַנסן פון געדאַנקען. בכלל זעט עס אויס, ווי ניגער וואָלט, וואָס שײַך לשון, זיך בלויז באַמיט צו זײַן קלאָר. און ער האָט זיך אויסגעהאַמערט און אויסגעשליפן אַ לשון, וואָס איז ריין און דורכזיכטיק ווי אַ בריליאַנט. מיט טיפע פײַערלעך אונטערן אייבערפלאַך! מיט הייסן פײַער, דאַרף מען זאָגן: מחמת עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס באַנעמען ניט קיין פײַער אָן רויך!

ניגערס טאַלאַנט ווי אַ קריטיקער איז פּונקט אַזוי פּשוט און פּונקט אַזוי אומדערקלערלעך, ווי דאָס איז יעדער עכטער טאַלאַנט. איבסען האָט אידענטיפיצירט דאָס דיכטן מיט זען. פאַר ניגערן פאַסט די דאָזיקע אידענטיפיקאַציע פולשטענדיק. ניגער זעט ליטעראַטור מיט אומענדלעכע פּרטים און ביז די טיפסטע טיפענישן. דערפאַר מסתמא האָט ניגער קיין מאָל ניט גערעדט קיין דברים-בטלים בײַ זײַן עבודה: ער איז געווען פאַרכאַפּט פון דער עשירות, וואָס ער האָט געזען, און איז געווען פאַרנומען מיטן מאָלן, ווי ער

וואָלט אויסגעפאָלגט געטעם אָנזאָג: „קינסטלער, בוי! פּלאַפּל ניט!” ניט נאָר קיין דברים-בטלים — אפילו סתם קיין זייטיקע רייד האָט ניגער ניט אַרייַנגעמישט. די ליטעראַטור איז בייַ אים ניט געווען קיין מיטל אַרויסצוטייַטשן אָדער אַרייַנצוטייַטן חיצוניותדיקע גע־דאַנקען. דאָס בוך איז בייַ אים ניט געווען קיין אויסרייד אפילו פאַר קיין, מער אָדער ווייניקער, גייַסטרייַכן ליטעראַרישן שמועס. ניגער האָט געהאַט גענוג וואָס צו טאָן אַרום בוך גופא, וואָס ער האָט באַשריבן.

צוליב דער זעלביקער סיבה האָט ניגער ניט געברויכט קיין אַלגעמיינע אַדיעקטיוון: גרויס, גוט, קליין, שלעכט אאַז״וו. — ער האָט אַרויסגעבראַכט די אייגנשאַפטן פון דעם בוך און פון שרייַ־בער, און דער לייענער אַליין האָט שוין געקענט שאַפן זייַן פּסק-דין, אויב אַזאַ פּסק-דין איז איבער הויפּט נייטיק!

ניגערס פּובליציסטיק ווייַזט בכלל אַרויס די זעלביקע אייגנ־שאַפטן, וואָס זייַן קריטיק: טיפע וואָרצלען, אַן עילוישע ערודיציע, אַ קלאָרע און קוואַליקע שפּראַך, אַ נשמהדיקער אינטערעס פאַר זייַנע טעמעס, אַן אויג פאַר די וויכטיקסטע געשעענישן און ערב־געשעענישן פון זייַן צייַט און גאָונישע מאָס און וואָג! — אויב אין דער קונסט קען מען ניט אַרויסברענגען קיין דבר של קימא אָן מאָס און וואָג, איז דאָס אין דער פּובליציסטיק אַן ענין פון לעבן און טויט ממש. ווייַל מען האָט דאָך צו טאָן מיט לעבעדיקע פּער־סאָנאַזשן און מיט וואָרע געשעענישן.

און — וואָס זאָל מען טאָן? היינטיקע צייַטן דאַרף מען אפילו אַ ניגערן ליבן דערפאַר — בירגערלעכן מוט! ניגער האָט אַרויס־געוויזן אַ העראָישע מאָס פון בירגערלעכן מוט און ערלעכקייט: צוויי אייגנשאַפטן, וואָס אָן זיי איז פּובליציסטיק בטל ומבוטל כעפרא דארעא. בייַם פּובליציסט, וואָס פאַרמאָגט ניט אָט די אייגנשאַפטן, ווערן אַלע מעלות זייַנע פאַרוואַנדלט אין חסרונות.

ניגער האָט פאַר די גאַנצע 52 יאָר פון זייַן כהונה, אַלע מאָל און אונטער אַלע אומשטאַנדן, געהאַט דעם מוט צו זאָגן זייַן אמת, נישט צו באַהאַלטן זייַן אמת! אַ נביא-האמת אין אַ צייַט, ווען די עולמות ווערן פאַרפּויקט פון די פאַלשע נבאים!

פופציק יאָר זענען אונדזערע דורות געווינט געוואָרן צו זען ניגערן בײַ זײַן הייליקער עבודה. אַלע שרײַבערס, אַפּילו די כּלו־מרשטע קעגנערס זײַנע, האָבן געשריבן פֿאַר אים! אַלע לייענערס האָבן געוואַרט אויף זײַן אָפּשאַצונג פֿון אַ נײַ בוך, אויף זײַן וואָרט וועגן אַ געשעעניש! מיר זענען שוין געווינט געווען צו אים, ווי מיר זענען געווינט צו דער זון בײַ טאָג, צו לבֿנה און שטערן בײַ נאַכט! אָט ערשט איצט באַנעמען מיר, פֿאַר וואָס אונדזערע עלטערן פֿלעגן אַזעלכע געשטאַלטן רופֿן „מאור הגולה!".

עס וועט אונדז זײַן ביטער אײַנזאַם אָן ניגערן! אַזאַ סאָרט פֿאַרלוסט האָבן מיר ניט געהאַט, זינט פּרץ איז נפֿטר געוואָרן. אָבער דעמאָלט איז נאָך געווען אַזוי פֿיל מיט וואָס צו טרייסטן זיך!

***

ניגערס לעבנס־אַרבעט באַווײַזט אויף אַן עכטן פֿרײַהייטלעכן גײַסט. ווייניק ווייסן אָבער, אַז ער האָט געפֿילט אַ טיפֿע סימפּאַטיע פֿאַרן פֿרײַהייטלעכן סאָציאַליזם. בעת ער האָט געוווײַלט אין בוענאָס־אײַרעס, אין יאָר 1935, האָט די „ייִדישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפֿט" געמאַכט פֿאַר אים אַן אויפֿנאַמע אין איר לאָקאַל. מען האָט אים, אַגבֿ, געוואָרנט, אַז קיין דערלויבעניש פֿאַרן אַקט האָט מען ניט געגעבן, און אַז די לעצטע עטלעכע יאָר איז די פּאָליציי צוויי מאָל איבערגעפֿאַלן דעם לאָקאַל און אַרעסטירט אַלע אָנוועזנדיקע. ניגער האָט אויף דעם געענטפֿערט אָט וואָס:

— „וואָס קענען זיי מיר טאָן? אַרויסשיקן קיין אַמעריקע? — נו, זאָלן זיי!"

בײַם קבלת־פּנים האָט ער געהאַלטן אַ זייער אינספּירירטע רעדע. ער האָט געעצהט די מיטגלידער פֿון דער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפֿט אָפּצוגעבן זיך מער מיט פּאָליטישער אַרבעט, אַפֿילו פֿאַרן פּרײַז פֿון פֿאַרלאָזן אַ ביסל די קולטור־אַרבעט: „די וועלט נייטיקט זיך איצט אין אײַער פּאָליטישער אַרבעט אַ סך מער און דרינגענדיקער, ווי אין קולטור!"

עס איז ניט שווער צו פֿאַרשטיין, וואָס אָט אַזעלכע ווערטער האָבן געמיינט אין ניגערס מויל.

פֿעברואַר 1956

דער ערשטער מײַ דאַרף רעגענערירט ווערן

„אין די דיקטאַטאָרישע לענדער זענען די פעלקער אין גאַנצן שטום. צו אונדז דערגייען בלויז די פאַרריסענע רייד פון די היטלערס, מוסאָליניס, סטאַלינס. מיר ווייסן ניט, וואָס עס טראַכטן און פילן די הונדערטער מיליאָנען מענטשן אין די פאַשיסטיש־באָלשעוויסטישע לענדער.

„ערגער איז, וואָס אויך אין די דעמאָקראַטישע לענדער פאַרמשכונען די פעלקער פרײַוויליק זייער קול בײַ פאַרשיידענע רעגידערס און פירערס. עס ווײַזט, אַז די מאַסן פון דער וועלט זענען אינעווייניק פאַרשקלאַפּט און אָפּהענטיק. אָט פאַרוואָס די פעלקער זענען צײַטווײַליק טויט פאַר דער געשיכטע. זיי שלאָפן גראָד, בעת מע גרייט די פּעטליע אויף צו פאַרציִען זיי איבערן האַלדז. — — — — דעם ערשטן מײַ זענען מיר אַרויס אין גאַס דעריבער מיט באַזונדער צוגעשפּיצטע אויערן: אפשר וועט זיך אונדז אײַנגעבן צו דערשפּירן אַ מאַסן־שטימונג, אַ זכר פון פאָלקס פאַרלוירענעם קול.

„אומזיסט געחלומט. — די צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, וואָס האָבן אויסגעפּילט עטלעכע קוואַדרעס פון דיאַגאָנאַל, זענען געווען שטום ווי פיש. עס איז ניט געווען קיין פאָלקס־מאַניפעסטאַציע, נאָר עפּעס אַ קאַזיאָנער פּאַראַד אויסגעפירט לויט אַ גרויען נוסח. — — — — צו וואָס פאַר אַ קאָשמאַר זאַכן קענען דערגיין, בעת דאָס פאָלק שטומט! — איז דאָס די רומרײַכע, רעבעלישע, לעבעדיקע אַרגענטינישע אַרבעטער־מאַסע?

„די הויכריידערס האָבן פאַרקלונגען די לופט מיט רייד וועגן אַרבעטער יום־טוב, אַרגענטינישע נאַציאָנאַלע פענער האָבן געפלאַטערט. עולם האָט געזונגען אין כאָר דעם שיינעם נאַציאָנאַלן הימן. אָבער צווישן די

יום־טובדיקע מאָסן זענען אומגעגאַנגען — ליידער ניט אַזוי פיל ווי מ׳האָט געדאַרפט — אַרבעטער מיט איכה־שטימונגען. און בלויז אָט די זענען איצט ווערט״.

(„דאָס פֿרייע וואָרט״, יוני 1938)

לויט דער דאַטע, וואָס מיר גיבן אונטערן ציטאַט, קענט איר אויסרעכענען, אַז אָט די באַטראַכטונג איז וועגן אַן ערשטן מײַ־פֿײַערונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט פֿינף יאָר פֿאַר דער דיקטאַטור, וואָס איז אויפֿגעקומען דעם 4טן יוני 1943. די מאַניפֿעסטאַציע, וואָס האָט בײַ אונדז דעמאָלט אַרויסגערופֿן אַזעלכע טרויעריקע געדאַנקען (וואָס די ווירקלעכקייט האָט נאָך דעם אַזוי אַכזריותדיק באַרעכטיקט!), איז געווען פֿון „פֿאַראייניקטן פֿראָנט״: סאָציאַליסטן, ראַדיקאַלן, באָלשעוויקעס, סע־כע־טע.

און ווײַל דער ציטירטער נאָטיץ האָט געקענט פּונקט אַזוי גוט באַנוצט ווערן וועגן דער מײַ־מאַניפֿעסטאַציע פֿון פֿאַר אַ יאָרן ניט הײַנט געדאַכט — זענען מיר אין דעם פֿאַל געצוווּנגען צו זאָגן דעם פּסוק: די געשיכטע איז גערעכט און איר משפּט איז גערעכט! דאָס, וואָס דאָס פֿאָלק האָט זיך פֿרײַוויליק (און... ווילנסלאָז!) צוגעגרייט, האָט די דיקטאַטור נאָך דעם פֿאַרפֿיקסירט!

פֿאַר אַ יאָרן, ניט הײַנט געדאַכט (אַ צענדלינג אַזעלכע פֿאַראַיאָרנס!), איז דער ערשטער מײַ געפֿײַערט געוואָרן נאָכן עכט־טאָטאַליטאַרישן מוסטער נאָך: אַלע רעדער זענען געשטאַנען שטיל, חוץ די רעדער, וואָס האָבן געפֿירט די מענטשן־שאָף צו פּלאַסאַ מאַזשאָ צו, צופֿוּסנס פֿון דעם געטשעם טריבונע. קיין שום אַנדער אַרבעט האָט ניט געטאָרט געטון ווערן, קיין שום טעאַטער, קיין שום קינאָ, קיין שום קאַפֿע, קיין שום רעסטאָראַן אַפֿילו האָט ניט געטאָרט זײַן אָפֿן, כּדי ניט צו צעשטרײַען קיין שאָף מיט קיין „זײַטיקע״ זאַכן. אַלע ראַדיאָס איבערן גאַנצן לאַנד האָבן געמוזט זײַן קאָנעקטירט מיט די מיקראָפֿאָנען אויף פּלאַסאַ מאַזשאָ — דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך געדאַרפֿט צוהערן צו די געשמאַקלאָזע, געמיינע, ליגנערישע, פֿאַרריסענע, שונדישע, עיפּושדיקע רייד פֿונעם געטשש!

די ווענט פון דער שטאָט זענען געווען פאַרקלעפּט מיט אילוס־טרירטע אַפישן: אויף איין זײַט איז געווען אויסגעמאָלט, ווי מע האָט געפּײַערט דעם ערשטן מײַ אַ מאָל: פּאָליציי שיסט אויף אַן אַרבעטער־מאַניפעסטאַציע! אויף דער צווייטער זײַט איז געווען אויסגעמאָלט די „גליקלעכע" פּײַערונגען הײַנט: מאַסן אַרבעטער שטייען יום־טובדיקע אויף דער פּלאַסאַ מאַזשאָ, און „ער" אַליין רעדט פאַר זיי!

די ערשטע דאָגמע פון אַלע טאָטאַליטאַריער איז, ווײַזט אויס, אַז דער עולם איז אַ גולם, אַז אויף דעם פאָלקס נאַרישקייט מעג מען בויען בריקן. די דיקטאַטור האָט קיין מורא ניט געהאַט, אַז עמעצער זאָל חלילה פאַרטראַכטן, וואָס פאַר אַ בלוטבאָד עס וואָלט אויפגעריסן דעם „גליקלעכן הײַנט", ווען חלילה עמעצער וואָלט געפּרוּווט צו „צעשטערן די אייניקייט פון פאָלק" דורך אַ „סעפּאַראַטיסטישער" מאַניפעסטאַציע, מיט אַן אַנדער רעדנער, ווי דער „זשעניאַלער טריבון" (פּה־רון — „אַ מויל, וואָס זינגט" — האָט אים חניפהדיק פאַרטײַטשט זײַן נאָמען אַ קריכערישער ציוניסט, אויף אַ מה־יפיתדיקן באַנקעט).

און אַוודאי האָבן די טאָטאַליטאַרישע בדחנים ניט מורא געהאַט, אַז דער אילוסטרירטער אַפיש זאָל עמעצן אַרויפברענגען אויף אַ פּײַנערער מעדיטירונג: למשל, אַז צווישן דעם אַמאָליקן ערשטן מײַ, בעת אַרבעטער האָבן מאַרשירט קעגן די פּאָליציייִשע קוילן, און פאַראָנם „אידילישן" ערשטן מײַ, בעת אַרבעטער־סטאַדעס זענען געשטאַנען „כּאָטש מעלקט זיי אויס" און געלאָזט זיך באַגיסן מיט די פּאָמויעס פונעם אַליינהערשערס מויל אַרוים — איז פאַראַן אַ דיסטאַנץ, ווי צווישן הויכע דערהויבענע הימלען און טיפן טײַוולאָנישן אָפּגרונט.

דער ערשטער מײַ האָט אויפגעשפּראָצט אויף די קברים פון די הייליקע קרישטאָל־ריינע און דערהויבענע קרבנות פון 1טן מײַ 1886. אין אורשפּרונג פלעגט ער טאָקע אויפבליִען יעדעס יאָר מיט דערהויבענע חלומות פון גערעכטיקייט, מיט דורשט צו אמת און מיט נשמהדיקער גרייטקייט זיך אויפצואָפּפערן פאַר הייליקע און קרישטאָל־ריינע אידעאַלן. די לופט פלעגט דעמאָלט גליִען פון די

ברענענדיקע גלוסטונגען צו אַ וועלט אָן הערשער, אָן עקספּלואַטי־רער און אָן עקספּלואַטירטע, אָן אָפּנאַרערס און אָן אָפּגענאַרטע, אָן רײַכע און אָן אָרעמע, אָן פֿאַלאַצן און אָן דאַכלאָזע, אָן איבערגע־פֿרעסענע און אָן הונגעריקע, אָן יחסנים און אָן באַשפּיגענע, אָן שנאות, אָן קעגנזײַטיקן פֿעלקער־מאָרד, אָן שקר... דער ערשטער מײַ פֿלעגט פֿאַרמאָגן אַ ליכט און אַ פֿײַער, וואָס פֿלעגט לײַטערן דעם מענטשן און גרייטן די נשמות צו אַ לעבן אין סאָציאַליזם — אין הארציקער ברידערלעכקייט צווישן אַלע מענטשן אויף דער ערד, וואָס זיי האָבן געמיינזאַם געקראָגן בירושה פֿון אָדם און חוהן!

דער ערשטער מײַ פֿון פֿאַראַיאָרן נישט הײַנט געדאַכט (און פֿון צענדלינג פֿריִערדיקע אַזעלכע פֿאַראַיאָרנס) האָט סימבאָליזירט דאָס פֿאַרקערטע פֿונעם גײַסטיקן און נשמהדיקן ריינעם — עס האָט גערעדט צום פֿאָלק דאָס חיהשע און נידעריקע: די געמיינע אַפּעטיטן צו יִוונישע פֿאַרגעניגנס, די תאווה צו מאַכט, די קינישע מאָרד־לוסט, די ווערעמדיק־קריכערישע גלוסטונגען, שנאה און שקר און גאווה...

אַלע רעליגיעס אויף דער וועלט האָבן סימבאָלן פֿאַר אַזעלכע מינים קאָנטראַסטן: דאָס געטלעכע און דאָס אַשמדאיקע! דאָס זענען אַלטע קאַמפֿן אין דער מענטשלעכער נשמה! און מיר האָבן מיט אַ כּיוון אָנגעהויבן אונדזערע חשבון־הנפשדיקע ווערטער צום ערשטן מײַ מיט איבערדרוקן אַמאָליקע אײַנדרוקן אונדזערע פֿון אַ פֿאַר־פֿע־ראַניסטישער מײַ־מאַניפֿעסטאַציע, אויף וועלכער עס האָבן קאָנקו־רירט די מאַכט־אַפּעטיטן פֿון די פּאָליטיקער פֿון די „אַרבעטער־פּאַר־טייען”, פֿון דער „ראַדיקאַלער פּאַרטיי” און פֿון די ביוראָקראַטן פֿון דער סע־כע־טע. מיר דערמאָנען עס, ווײַל עס טויג ניט, אַז מענטשן זאָלן פֿאַרשרײַבן אַלע זייערע געפֿאַלנקייטן (זיכער צײַטווײַליקע גע־פֿאַלנקייטן — מיר גלייבן אין מענטשן!) אויפֿן אויסשליסלעכן חשבון פֿון ערגעץ אַ נישטיקן געטש.

אַלע געטשעם —אַפֿילו די מענטשן־געטשעם— שעפּן זייערע כּוחות פֿון דער קראַפֿט און פֿון דער געפֿאַלנקייט פֿון די המונים, וואָס גלייבן אין זיי, און פֿון דער פּחדנות, אָפּגעלאָזנקייט, ווילנס־

לאָזיקייט און דעמאָראַליזירטקייט פון די מענטשן, וואָס זייערע חו־שים זענען אַפילו יאָ געגנוג וואַך אויף צו דערשפירן דעם עיפּושדיקן ריח פון די געטשעס און פון דעם געטשן־דינסט.

ווען דעם ערשטן מײַ 1938 וואָלטן אויף די גאַסן מאַרשירט אַזעלכע דערהויבענע מאַסן, למשל, ווי די, וואָס האָבן אין 1909 גע־מאַרשירט קעגן פּאָלקאָנס קוילן — דעמאָלט וואָלטן אַזוי גיך נאָך נישט געקענט אָנקומען אַזעלכע טײַוולאָנישע ערשטע מײַען, ווי פּעראָנס.

דער ערשטער מײַ דאַרף צוריקקריגן זײַן אורשפּרינגלעכע ריינ־קייט און הייליקייט! פּונקט ווי דער סאָציאַליזם בכלל דאַרף זיך אַרויסקריגן פון די טעמפּע ווינקלען, וווהין עס האָבן אים פאַרפירט אַלע מאַכט־גיריקע און אויסנוצערישע קאָמיסאַרן־קאַסטעס, פּאָלי־טיקער און ביוראָקראַטן, וואָס פאַרשטעלן זיך הינטער „פּראָלעטאַ־רישע" פּענער! פון די אַלע פּאַסטוכער, וואָס האָבן אין זינען זיך — נישט די שאָף! — פון די אַלע געטשעס, וואָס וואַרפן צו אַ פּאָר ביינער און נאָגן דערפאַר אוים פון די אַרבעטער־מאַסן דאָס לעצטע ביסל מענטשלעכע חשיבות!

פּאָר אַ רעגענערירטן ערשטן מײַ, וואָס זאָל מיט זײַן לויטערן פײַער באַלײַכטן דעם וועג צו פרײַהייט, צו גלײַכהייט, צו ברידער־לעכקייט, צו מענטשלעכער חשיבות, צו שלום צווישן אַלע קינדער פון דער ערד, צו אמת און יושר און שיינקייט — צו סאָציאַליזם!

אַפּריל 1956

40 יאָר נאָך דער קולטור־קאָנפערענץ אין לאַ פּלאַטאַ

מע דערציילט, אַז בעת אוסישקין האָט זיך דערוווּסט, אַז מע גייט יום־טובן זשאַבאָטינסקים יובל, האָט ער זיך אָנגערופן: „אַ װעלטל געוואָרן הײַנט — איטלעכער שנעק איז דיר אַ בן־חמישים!".

מיר ייִדישיסטן, האָבן זיך איצט דערלעבט צו אַזאַ מין צײַט, און ס'איז אונדז טרויעריק. דערפאַר טרויעריק, וואָס אונדז איז ניט באַשערט דער קלוגער גורל פון אַנדערע פּיאָנערן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט — די שפּיטעלער און סאַנאַטאָריעס וועלן שטיין! עס וועלן זיך זיכער געפינען יורשים פאַר די בענק! אָבער מיר דאַרפן עפּעס אַזעלכע טשעקאַווע איידעלע זאַכן, כדי אונדזער לעבנס־אַרבעט זאָל האָבן אַ המשך:

גיי זוך צווישן אונדזערע „ניכטערע", „קלוגע" יורשים, ווער עס זאָל אָפּהיטן יעדן טאָג אַרײַנצושטעלן פרישע בלומען אין אונדזערע וואַזעס! ווער עס זאָל צוגיסן פרישן אייל אין אונדזער פאַקל! ווער עס זאָל חלומען דעם חלום!

דאָס זענען האַרבע שאלות פאַר די פּיאָנערן, וואָס זענען מיט 40 יאָר צוריק, אין אַ דורכוים יונגער חברותא, געזעסן דרײַ־פערטל נאַכט, דרײַ־פערטל טאָג און אַ גאַנצע נאַכט אין לאַ פּלאַטאַ און געברענט אין בשותפותדיקן הייסן ייִדיש־חלום, ווי אין אַ קאַלך־אויוון!

נו, מיר זענען וואָלונטאַריסטן און מיר גלייבן באמונה־שלימה, אַז דער ווילן קען אָן ספק לייזן אונדזער פּראָבלעם אָבער מע דאַרף נאָך —מיינען מיר— וועקן בײַ אונדזער עולם דעם ווילן צו וועלן.

מיר ווייסן, אַז מיר רעדן בלויז צו אַ באַוווּסטזיניקן עולם, וואָס ווייסט וואָס ער וויל. מיר וואָלטן אָבער געוווען רויִקער, ווען מיר האָבן די זיכערקייט, אַז דער עולם וויל דאָס וואָס ער ווייסט!

דערפֿאַר האָט דער קולטור־קאָנגרעס גוט געטאָן, וואָס ער האָט אין צענטער פֿון דער פֿײַערונג פֿון 40 יאָר נאָך דער לאַ־פּלאַטער קאָנ־פערענץ אַוועקגעשטעלט דאָס ביסל יוגנט, וואָס דער חלום פֿון ייִדי־שער קולטור האָט זיך בײַ זיי אָנגענומען. אַז איר ווילט, איז דאָ אַפֿילו אָנגעטײַט אַ באַשייד:

מיר דערמאָנען זיך, ווי דער טײַך אין דער ליטע פֿלעגט זיך שטעלן אָנהייב ווינטער — פּלוצים פֿלעגט זיך באַווײַזן אַ קרי‌ַע אײַז אויפֿן טײַך און באַלד אַוועקשווימען מיטן שטראָם. נאָכדעם פֿלעגן נעמען אָנשווימען אַלץ אָפֿטערע און גרעסערע קריִעס. אָט אַזוי — ביז דער טײַך פֿלעגט אין גאַנצן געשמידט ווערן און מענטשן פֿלעגן גיין איבערן אײַז, ווי איבער פֿעסטער יבשה.

אָט ווען אַזעלכע יוגנטלעכע קרײַזלעך וועלן זיך פֿאַרמערן אין אונדזער ישוב, וועט ביסלעכווײַז באַשאַפֿן ווערן אַ נײַע יבשה פֿאַר אונדזער קולטור. אוודאי וועט נאָך דער באָדן לאַנג זײַן רוי, און אוודאי וועט ער זײַן אַנדערש, ווי דער מזרח־אייראָפּעיִשער איז גע־ווען. אָבער דווקא אין אָט דער רויקייט ליגט פֿאַרבאָרגן דער זוימען פֿון אַ קומענדיקער באַנײַטער תקופֿה אין אונדזער ייִדיש־קולטור.

בעטן מיר בײַ אײַך פֿאַרשטענדעניש און צוטרוי צו אונדזער יוגנט. אוודאי האָבן זיי נאָך נישט פֿאַר אײַך קיין פּירות. און אפֿשר אַפֿילו נאָך נישט קיין בלומען. מסתּמא האָבן זיי ערשט קנאָספּן. אָדער גאָר יונגע בלעטלעך מיט זייער יונג־פֿרילינגדיקן אומזיכערן גרין — נו, איז ווער האָט עס געזאָגט, אַז קנאָספּן און יונג־פֿרילינג־דיקע בלעטלעך זענען נישט שיין?

***

מיר האָבן בײַ זיך געפּועלט ניט צו פֿאַרנעמען זיך צו דערציילן הײַנט די געשיכטע פֿון דעם ערשטן אַרגענטיניש־ייִדישן קולטור־צוזאַמענפֿאָר, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין לאַ־פּלאַטאַ שבת, דעם

26סטן נאָוועמבער, זונטיק דעם 27סטן און די גאַנצע נאַכט אויף מאָנטיק, דעם 28סטן נאָוועמבער 1915.

מע איז אַליין אין קאָך פון אונדזער קולטור־אַרבעט און די געשעענישן זענען ניט אָפּגעקלערט אין זכרון. עס קאָן אַרויסקומען אַ מטושטשע זאַך. עס איז אויך מעגלעך, אַז מע זאָל דעם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט צורוקן צו נאָענט צו אַ קלענערער גרופּע — מסתמא וואָלט עס געווען, צום אייגענעם קרײַזל — און עס זאָל זיך באַקומען אַ חוזק. מענטשן ווערן אַפילו געשטרויכלט אין אַזעלכע פאַלן צו ווען אָפּקאָכן פאַר זיך אַ טעפּל כבוד אויף דעם נאָך וואַרעמען געשיכטלעכן אויוון. עס האָט שוין נישט איין מאָל געטראָפן, אַז מענטשן האָבן געפּרוווט אַרײַנמאַשטשען אַ טאָפּ כבוד, וואָס איז גרעסער פון דעם גאַנצן אויוון!

וועלן מיר בלויז דערציילן, אַז אויפן צוזאַמענפאָר זענען געווען פאַרטראָטן 14 פאַראיינען; 6 פון דער פּראָווינץ און 8 פון ב. אײַרעס. אַלע צוזאַמען האָבן פאַרמאָגט 642 מיטגלידער און געשיקט האָבן זיי 20 דעלעגאַטן. נאָך צוויי פּראָווינציעלע פאַראיינען האָבן זיך אָנגעשלאָסן טעלעגראַפיש און בריוולעך אין משך פון צוזאַמענפאָר.

פון אַ נאַטוראַליסטישן קוקווינקל האָט דער צוזאַמענפאָר ניט אויפגעטון מער, ווי דאָס טוען בכלל אויף צוזאַמענפאָרן: מע האָט גערעדט אַ סך. די ערשטע זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן שבת פאַר נאַכט און האָט זיך פאַרצויגן ביז 2 אַ זייגער פאַר טאָג. די צווייטע זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן זונטיק, 10 אַ זייגער אין דער פרי, און האָט זיך פּאַקטיש ניט איבערגעריסן ביז אויף מאָרגן, 5 אַ זייגער אין דער פרי, מחמת מע האָט גערעדט אַפילו בעתן מיטיק און בעת דעם אָוונטברויט. אדרבה, ערשט בײַ די מאָלצײַטן האָט מען געהאַלטן די ריכטיקע רעדעס!

פון די אַלע רייד זענען געבליבן — ווי תמיד — אַ שורה רעזאָלוציעס, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ פּראָטאָקאָל און געוואָרן אַרכיווירט.

די „קולטור־פעדעראַציע", וואָס יענער צוזאַמענפאָר האָט אויפגעשטעלט, האָט ניט געהאַט קיין אריכת־ימים. מיר אַליין געדענקען דרײַ זיצונגען. חברים, וואָס זענען געווען אין עקזעקוטיוו פון יענער

פעדעראַציע, זאָגן, אַז די אָרגאַניזאַציע האָט זיך געהאַלטן בײַ אַ יאָר צײַט. מען דאַרף אָבער פון דעם אַליין ניט דרינגען, אַז די צײַט איז ניט געווען רײַף פאַר אַזעלכע זאַכן — דאָס קאָן מײַנען בלויז, אַז צווישן דער אויסדערוויילטער פאַרוואַלטונג האָבן אויסגעפעלט אַ פּאָר פּראַקטישע און עקשנותדיקע טוערס. על־כל־פּנים קענען מיר אײַך עדות־זאָגן, אַז פון דער צווייטער אַרגענטיניש־ייִדישער קולטור־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין בוענאָס־אײַרעס, אין יוני 1948, און וואָס איז געווען די ערשטע קולטור־קאָנפערענץ פון קול־טור־קאָנגרעס, וואָלט ניט אַרויסגעקומען עפּעס אַנדערש — ווען ניט געציילטע עקשנים, וואָס האָבן אַריבערגעטראָגן די התחלהדיקע חדשים. מע דאַרף נאָך דאָרטן איצט אויך האָבן עקשנים!

אויף צו קענען שאַצן די מעגלעכע ווירקונג פון דער קולטור־צוזאַמענפאַר, דאַרף מען זיך באַקענען אַ ביסל מיט די אומשטאַנדן פון יענער צײַט. דער עיקר דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז דער ישוב איז געווען גאָר אַ נײַער, צוזאַמענגעשטעלט פון זייער יונגע מענטשן, וואָס אַ זייער הויכער פּראָצענט פון זיי האָט נאָך ניט געשאַפן קיין פאַמיליעס און ווייניק זענען געווען אײַנגעאָרדנט מאַטעריעל. ניט נאָר האָט דער ישוב דעמאָלט געהאַט זייער ווייניק פאַרמעגלעכע מענטשן, נאָר אויך די אַרבעטער, וואָס דעמאָלט האָבן זיי אויסגע־מאַכט דעם רוב בנין און מנין פון ישוב, האָבן ניט געהאַט קיין פעס־טע אַרבעט־פּלעצער. ס'האָט געהערשט דעמאָלט אין לאַנד אַ שרעק־לעכער קריזיס און ס'זענען געווען פאַכן, וואָס מענטשן האָבן אין זיי יאָרן נאָך אַנאַנד ניט געקראָגן קיין אַרבעט.

אַ גרעסערער מינוס איז געווען אַ שטריך, וואָס איז כאַראַקטע־ריסטיש פאַר אַלע נײַע אימיגראַנטן־ישובים: די צעשאָטנקייט פון דער עדה. דער מאַטעריאַל, וואָס האָט אין דער אַלטער היים צוזאַ־מענגעבונדן די מענטשן און געמאַכט פון זיי אַן עדה, איז אונטער־וועגס פאַרשוווּנדן. לשם אילוסטראַציע ווילן מיר בלויז דערמאָנען, אַז אַזוי פיל ייִדן, וואָס וואָלטן אין דער אַלטער היים מורא געהאַט פאַר זיך אַליין צו רויכערן אום שבת אָדער צו פאַרפעלן אַ דאַווענען, האָבן תיכף בײַם אָנקומען אין נײַעם לאַנד אַרײַן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלע יאָכן.

עס זענען, קענטיק, פֿאַראַן ווייניק מענטשן, וואָס האָבן דעם גאַנצן מאָראַלישן סקעלעט זייערן אינעווייניק. דאָס רוב שפּאַרט זיך מאָראַליש אָן אויף דרויסנדיקע קאָלעקטיווע סקעלעטן — אָט ווי קאַ־רעלן־גרופּעס טוען עס פֿיזיש. עס האָט געמוזט נעמען צײַט, ביז די מאַסן, וואָס די שיפֿן האָבן אָנגעשאָטן אין דער נײַער סביבה אַרײַן, האָבן געשלאָסן באַקאַנטשאַפֿט צווישן זיך און אָנגעהויבן אויסצופֿו־רעמען אַ נײַע געזעלשאַפֿט.

מיר דערציילן עס אַלץ, כדי מע זאָל ווייניקער טענות האָבן צום עבר, צו די „פֿאַרלאָרענע דורות". צוועקמעסיק איז בלויז צו האָבן טענות צום הווה און צו זיך — אָט איצט און מיר דאַרפֿן ניט דע־זערטירן פֿון די אויפֿגאַבן, וואָס דער גורל האָט אויף אונדז אַרויפֿ־געלייגט.

סײַ ווי דער שכל איז מחייב, אַז די לאַ־פּלאַטער קאָנפֿערענץ האָט אונטערגעיאָגט דעם פּראָצעס פֿון צונויפֿפֿירן די טוערס פֿאַר דער ייִדישער קולטור און האָט דעריבער אַ חלק אין דעם אויפֿבלי פֿון דער קולטור־טעטיקייט, וואָס האָט זיך געמערקט קורץ נאָך דער צײַט, ווען יענע געשעעניש איז פֿאָרגעקומען.

זינט סוף 1915 און ביז אָנהייב פֿון די 20ער יאָרן זענען אויפֿ־געקומען צענדליקער ביבליאָטעקן אין אַלע שטאָט־געגנטן און אין אַלע פּראָווינץ־שטעט און שטעטלעך. מיר האָבן דעמאָלט כמעט אין איטלעכן גרעסערן שטעטל געהאַט אָן אַדרעס: „ביבליאָטעקאַ אים־ראַעליטאַ". עס געהערט ניט צו אונדזער איצטיקער טעמע צו דער־ציילן, ווי דאָס אַלץ איז חרוב געוואָרן אין די צוואַנציקער יאָרן (דער עיקרדיקער גורם איז אַוודאי געווען דער באָלשעוויזם, וואָס האָט באַהערשט גרויסע טיילן פֿון דער אימיגראַציע אין די 20ער יאָרן!).

די ערשטע וועלטלעכע זונטיקשול איז אויפֿגעקומען אין יאָר 1917, און די ערשטע וועלטלעכע טאָגשול איז געעפֿנט געוואָרן ערשט אין יולי 1918 (ביידע אין דער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפֿט). אויף דעם לאַ־פּלאַטער צוזאַמענפֿאָר האָט מען זייער אַ סך גערעדט וועגן דערציִונג, און מען האָט אַפֿילו אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו גרינדן „ראַציאָנאַלע שולן" (ס'איז נאָך געווען פֿריש נאָך פֿראַנסיסקאָ פֿערערן!). ס'האָבן אָבער פּשוט געפֿעלט קינדער אין שולעלטער, וואָס

זאָלן זײַן קאַנדידאַטן פֿאַר אַזעלכע שולן (הײַנט איז לעגאַל אוממעג־לעך צו שאַפֿן ראַציאָנאַלע שולן).

מיר געדענקען, ווי מיר האָבן באַהאַלטן אונדזער געלעכטער הינטער די ברייטע פּלייצעס פֿון לוי מאַס ע"ה, בעת ער האָט — בײַם אָוונטברויט — געזאָגט, אַז די ראַציאָנאַלע שולן זענען נאָר אַ חלום, מחמת „די אַרבעטער האָבן ניט קיין קינדער". געמיינט האָט ער, פֿאַרשטייט זיך, צו זאָגן, אַז אין די ייִדישע אַרבעטער־פֿאַמי־ליעס אין אַרגענטינע איז נאָך נישטאָ קיין גענוגנדיקע צאָל קינדער אין שולעלטער.

***

מיט 40 יאָר צוריק איז בוענאָס־אײַרעס בכלל געווען אַ יונגע שטאָט. מע דאַרף געדענקען, אַז אַרגענטינע איז בס"ה אַרײַן אין דער מאָדע ערשט אין די 80ער יאָרן. אין די 70ער יאָרן האָט מען נאָך קיין אַרגענטינע אימפּאָרטירט ווייץ. בעת דער רעוואָלוציע קעגן אַוועזשאַנעדאַן האָט מען אויף דער גאַס קאַזשאַ געגראָבן טראַנ־שייען. אין 1915 זענען נאָך אַלע הײַזער צום מערב־זײַט פֿון קאַזשאַ געווען נײַ. די מענטשן זענען געווען נאָר־וואָס אָנגעפֿאָרענע. צו 300 טויזנט אימיגראַנטן אַ יאָר פֿלעגן אין אַרגענטינע אַרײַנפֿאָרן אַרום „סענטענאַריאָ"־צײַט. די עלטערע אײַנגעבאָרענע זענען בכלל געווען אין דער מינדערהייט.

ייִדן, גרויסע בר־מזלס, האָבן געגרינדעט מאָזעסוויל ערשט אין 1889 — פּונקט איידער דער שמש פֿאַרשליסט די שול: אין 1890 האָט געבושעוועט אַ קאַטאַסטראָפֿאַלער קריזיס. בעת מיר האָבן געקאָנפֿערענצעוועט אין לאַ־פּלאַטאַ, האָט מאָזעסוויל נאָר וואָס אָפּגעיומטובט איר זילבערנע חתונה. אָבער די שטאָטישע מאַסן־אימיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבן אין גאַנצן ערשט אין 1904. אימי־גראַנטן זענען בכלל אַ יונגער עלעמענט, און, ווערליק אונדזערע איצטיקע באַגריפֿן נאָך, זענען אין בוענאָס־אײַרעס דעמאָלט כמעט קיין אַלטע ייִדן ניט געווען. צווישן די קולטור־טוערס זענען אַזעלכע אוודאי ניט געווען.

עס האָבן זיך פֿאַרוואַלגערט אויף יענעם צוזאַמענפֿאָר בס"ה

צוויי מענטשן אין עלטער פון אַ 45 יאָר —ביידע פון דער האַלב־אוואַנטוריסטישער שיף „פּאַמפּאַ" נאָך. האָבן מיר טאַקע איינעם פון יענע „זקנים" משלח געווען פון צוזאַמענפאָר, און אַרום דעם צווייטן האָט געפלאַקערט אַ מחלוקת. סײַ ווי, פאַר אַזעלכע חטאים, ווי די פון די דיסקוטירטע דעלעגאַטן, וואָלט מען הײַנט אין בוענאָס־אײַרעס קיינעם ניט אויסגעשלאָסן פון כלל. ס'איז געווען דער אומצוטרוי פון יונג און אַלט, וואָס האָט די מענטשן דעמאָלט געשאָט מער ווי אַלץ.

און, ווײַזט אויס, אַז דער צוטרוי פון די דערוואַקסענע צו די יונגע איז דעמאָלט אויך געווען גאַנץ קליין. אַ ראיה איז דער אופן, ווי דער אויסגעשלאָסענער דעלעגאַט, אַ זשורנאַליסט, האָט זיך אָפּגערעכנט: מיט 40 יאָר צוריק זענען די ווײַנטרויבן, וואָס מען קען ניט דערלאַנגען, נאָך געווען אומצײַטיק, און יענער אויסגעשלאָסענער זשורנאַליסט האָט אין זײַן צײַטונג געמאַכט פון דער קולטור־קאָנפערענץ אַש און פּראָך. דער פאַרניכטנדיקסטער פּאַסאַזש פון דער אַטאַקע געדענקט זיך נאָך אונדז גאַנץ שאַרף, מחמת ער האָט אונדז דעמאָלט ווײ־געטון ביז בלוט: „צוויי פּערצן־פּופצן־יאָריקע יִינגלעך האָבן פאַרטראָטן אַ פאַראיין פון 10 מענטשן".

יענער פאַראיין, די „זוכער פון אמת", איז דער פאָרגייער פון דער „יִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט", וואָס וועט דעם 13טן סעפּטעמבער הײַיאָר אַלט ווערן 40 יאָר. אָט די „געזעלשאַפט" האָט איצט שוין אַ סך מער ווי צוויי און אַפילו דרײַ מאָל אַזוי פיל מיטגלידער, ווי די „זוכער פון אמת" האָבן געהאַט, און זי האַלט נאָך אַלץ ווײַט פון דער מיטגלידער־צאָל פון דער „העבראַיִקאַ". און די צוויי „פּערצן־פּופצן־יאָריקע יִינגלעך" האָבן פאַר די 40 יאָר געיאָגט און אַריבערגעיאָגט די דעמאָלטיקע עלטער פון דעם ברוגזן זשורנאַליסט — צי זיי זענען אָבער איצט קליגער, ווי זיי זענען געווען דעמאָלט, דאָס איז, זעט איר, אַ האַרבע שאלת־חכם!

צו דאַנקען אָבער זייער דעמאָלטיקער יוגנט, זענען זיי הײַנט נאָך דאָ „פּאַראַ קאָנטאַר על קוענטאָ" (אויף צו דערציילן די מעשה). די גרעסערע העלפט פון יענע 20 דעלעגאַטן זענען, צו די 40 יאָר זינט יענעם צוזאַמענפאָר, אַנוועזנדיק בלויז אין גײַסט. לאָמיר זיי

דערמאָנען צום גוטן! דאָס האָבן זיי צוזאַמען מיט די אַנדערע 642 מיטגלידער פון די דעמאָלטיקע קולטור־פאַראיינען, און צוזאַמען מיט די קולטור־טוערס, וואָס זענען געקומען נאָך זיי, געשאַפן אַט יענע דינע און שיטערע אַטמאָספער, וואָס אין איר געדייט אונדזער קול־טור־לעבן. מיאוס וואָלט געווען דאָס לעבן אָן זייער אַרבעט!

45־יאָריקע ייִדן, וואָס זאָלן זיך אינטערעסירן מיט „קולטור״, זענען דעמאָלט געווען אַ ווילדע זעלטנקייט ביי אונדז. בכלל זענען די ייִדן פון יענער עלטער אויף אַרויף געווען „תלמוד־תורה־ייִדן״. זיי האָבן געטראָגן לאַנגע בערד, און אַ טייל פון זיי האָבן אויך גע־נוצט די לאַנגע קאַפּאָטע. זיי פלעגן זיך קהלן אַרום שולעכלעך און מנינים אין „סאַלעס״, און „קאַמעדאָרן״.

מיר, די דעמאָלט יונגע האָפּערדיקע ייִדישיסטן, זענען געווען זיכער, אַז ווען אָט די אַלטע באָבאָרדטע ייִדן וועלן אויסשטאַרבן, וועט זיך מיט זיי ענדיקן די רעליגיע. בלייבן וועט נאָר די וועלטלע־כע (דעמאָלט פלעגט מען נוצן דאָס וואָרט „ראַדיקאַלע״) ייִדישקייט.

אויסגעלאָזט האָט זיך, ווי איר ווייסט, פּונקט קאַפּויר: די צענד־ליקער ביבליאָטעקן, קולטור־קרייזן, וואָס זענען דעמאָלט אויפגע־קומען, ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן, זענען אין גרעסטן טייל פאַר־שוווּנדן, צוזאַמען מיט די מוטואַליסטישע און קאָאָפּעראַטיווע אַר־בעטער־אינסטיטוציעס. אַפילו די ייִדישע סינדיקאַטן זענען אונטער־געגאַנגען. אויסגעוואַקסן זענען גראָד די מוסדות פון די באָרד־ און קאַפּאָטע־ייִדן. פון די מנינים און תלמוד־תורות זענען אויסגעוואַקסן גרויסע בנינים אין אַלע שטאָט־געגנטן.

און זאָל אונדז צו קיין גנאי נישט זיין — אַפילו אונדזערע „וועלט־לעכע״ שולן און קולטור־מוסדות שפּאַרן זיך שטאַרק־שטאַרק אָן אָן דער „פאַרשימלטער״ „חברה־קדישא״, וואָס די יורשים פון יענע „בטלנישע״ זקנים האָבן משנה־שם געווען אויף „קהילה״, אָבער אין עיקר איז דאָס אַליין דער המשך פון דעם, וואָס די כלומרשט „אָפּ־געלעבטע״, כלומרשט „אָפּשטאַרבנדיקע״ אַלטע ייִדן האָבן איינגע־שטעלט.

מיר דערציילן עס באַריכות, ווייל מיר ווילן אָפּלערנען עפּעס פון דער געשיכטע: ערשטנס, אַז מיר מעגן האָבן מער צוטרויען צו

אונדזער זקנישער אַרבעט. לאָמיר נאָר ריכטיק אַרבעטן, און די זריעה, וואָס מיר זייען, וועט ניט גיין לאיבוד. און צווייטנס, דאַרפֿן מיר טאַקע לערנען פֿון יענע ייִדנס „בטלנות״: מיר מיינען דערמיט, ניט צוצופּאַסן זיך צו די אומשטאַנדן, נאָר, ווו נייטיק, טאַקע אַנט־קעגן צו שטעלן זיך אַלע שטראָמען.

מײַ 1956

40 יאָר ייִדישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט

זלמן רייזען ע״ה האָט אין בוענאָס-איירעס דערציילט אַט דעם וויץ:

אין אָנהייב פון די 90ער יאָרן, בעת דער באַראָן הירש האָט גענומען דורכפירן זיין גרויסצוגיקן פּראָיעקט פון ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, און ער איז געוואָרן אַ לעגענדאַרער העלד אין אַלע ייִדישע שטעט און שטעטלעך, איז איין מאָל געשטאַנען אויפן מאַרק פון אַ ווייסרוסישן שטעטל אַ רעדל ייִדן און זיך דערציילט מעשות פונעם באַראָנס גדולה: „זיין פּאַלאַץ איז פון ריינעם מאַרמאָר"; „זיין קאַרעטע איז אין גאַנצן פון גאָלד"; אאַז״וו. מישט זיך אַריין אַ ייִדענע: „זאָלט איר מיר געזונט זיין — און וווּ וווינט ער עס, דער באַראָן זאָל לעבן?". ענטפערט מען איר, אַז ער וווינט אין פּאַריז. — „אַזוי, נעבעך, איז צו וואָס טויג אים זיין גאַנצע גדולה, אַז ער לעבט אַזוי פאַרוואָרפן?".

נו, איצט, אַז יעדע ווייסרוסישע שטעטל איז חרוב, און אַלע זענען מיר פול מיט נאָסטאַלגיע נאָך אונדזער אומגעקומענער היים, איז אונדז ניט שווער צו פאַרשטיין, וויפל אמת עס האָט געשטעקט אין יענער ייִדענעס אָפּשאַצונג פון היימישקייט און פאַרוואָרפנקייט — אַ סברה, אַז דאָס ביסל היימלעכקייט און איינגעבירגערטקייט אונדזערס אין די גרויסע לוקסוסדיקע שטעט ציִען מיר נאָך אַלץ פון דער מאַמע-שטעטל, וואָס לעבט אין אונדז, און מיר וואָלטן דערפראָרן געוואָרן פון עלנט, אויב זי וואָלט אונדז, חלילה, געלאָזט אַליין.

אָבער מיר ברענגען אַט דעם משל אַנטקעגן דער „ייִדישער ראַ-

ציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט", וואָס איז אויפגעקומען דעם 13טן סעפּטעמבער 1916, מיט גאַנצע 40 יאָר צוריק. ימים מיט בלוט און טרערן האָבן זינט דעמאָלט געוויקט די ערד. אַ מבול מיט שקר און עוולה האָט פאַרטרונקען אונדזער וועלט. בייזע שטורעמס האָבן גע־טראָגן די מענטשהייט, ווי אָפּגעריסענע בלעטער אין האַרבסט, און פאַרטראָגן ווײַט פון די וועגן, וואָס ליכטיקע רעיונות און חלומות האָבן געצייכנט אין יענע יאָרן. די וועלט האָט פאַרגעסן (דערווײַל, מסתמא) אָן פראַנסיסקאָ פערערס הערויִשן קאַמף פאַר די „ראַציאָ־נעלע שולן", וואָס האָבן געזאָלט אויפציִען מענטשן אַזוי, אַז „יעדער מוח זאָל באַוועגן אַ ווילן". די וועלט האָט פאַרגעסן פערערס מאַר־טירערשאַפט און אַפילו דעם נאָמען פון זײַנע שולן, וואָס זענען גע־ווען אַזוי פּאָפּולער ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. מענטשן ווייסן אַפילו ניט דעם טײַטש פונעם נאָמען „ראַציאָנאַליסטישע" — אַזוי גרינטלעך ווייסן זיי עס נישט, אַז זיי מיינען אַפילו, אַז זיי ווייסן עס יאָ (וואָס דאָס איז די גרינטלעכסטע מדרגה פון אומוויסן!).

עס האָבן געדאַרפט זײַן מעכטיקע אידעאַלן, וואָס האָבן די מיטגלידער פון דער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט פאַראַנקערט אין די ענגע דלד־אמות פון זייער בוידעם־שטיבל, אין מיטן פון אַ גרוי־סער און רחבותדיקער שטאָט. — וואָס פאַר אַ מעכטיקער מאַגנעט האָלט זיי צוזאַמען אין משך פון 40 שטורעמדיקע יאָרן? וואָס פאַר אַ גאָט האָט זיי באַשיצט קעגן דער תאווה צו אַלע עבודה־זרות, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ מאַכט איבערן רוב מענטשן פון אונדזער דור?

אָפט טראַכטן מיר וועגן דעם, וויפל אַפילו גרויסע שרײַבערס און גרויסע געלערנטע עס זענען אין משך פון אָט דער צײַט אַזוי אָפט געשטרויכלט געוואָרן אין די פאַרשיידענע עבודה־זרות, וואָס קענען דעם מענטשן נישט העלפן, אָבער זיי דעגראַדירן אים, און זיי פאָדערן פון אים אַזעלכע אַכזריותדיקע און דערווידערדיקע קרבנות. דערמאָנען מיר זיך אָן דער אַגדה וועגן אַ תנא, וואָס אים איז געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט צו רעדן מיטן גײַסט פון אחז דעם קעניג פון יהודה. האָט דער תנא אים געפרעגט, ווי קומט עס, וואָס ער, אַזאַ קלוגער מענטש, האָט זיך געלאָזט פאַרנאַרן פון געצנדינסט, און אחז האָט געענטפערט: „ווען דו וואָלסט לעבן אין מײַן צײַט,

וואָלסטו פאַרהויבן די פּאָלעס פון דײַן בגד, כדי צו קענען גיכער נאָכלויפן דער עבודה־זרה".

עס איז נאָך נישט אויפגעקומען אין דער פּסיכאָלאָגיע דער פּאַס־טער, וואָס זאָל אונדז אויפקלערן פון וואַנען נעמען זיך אַזעלכע אַבעראַציעס, למשל, ווי די, וואָס מאַכט מעגלעך, אַז געוויסע ייִדן זאָלן זיך נאָך אַלץ קלעפּן צו יענעם הזרישן רעזשים, וואָס פירט דורך אויפן ייִדישן פאָלק דעם שוידערלעכסטן פּאָגראָם, אויב מע זאָל ניט רעכענען די מעשים פונעם ימח־שמו, וואָס מיט אים איז, אַגב, יענער רעזשים אויך געווען אַ שותּף אין אַ גורלדיקער צײַט.

און אָט איז אַ גרופּע מענטשן געבליבן אימוניזירט קעגן דער ווילדסטער מגפה, און נאָך מער — זיי האָבן געהאַט דעם מוט צו בלײַבן יאָרן „אויסער דער מאָדע", וואָס דאָס האָט אוודאי געדאַרפט זײַן נאָך שווערער, ווי אויסצוהאַלטן די כסדרדיקע „שלעכטע באַציִונ־גען" מיט דער מאַכט. און די מאַכט האָט געביטן איר הויט אַ סך מאָל, און צו אַנדערע אפשר אויך געביטן איר באַציִונג, אָבער פאַר די ראַציאָנאַליסטן האָט זי תּמיד דווקא געוויזן נאָר איר פײַנטלעכע נאַטור.

די גרופּע מענטשן האָט אַפילו אַרויסגעוויזן גענוג ענערגיע אויף צו זײַן גאַנץ טעטיק און אויפצוטאָן גאָרנישט קיין מינדער־ווערטיקע זאַכן: געשאַפן די ערשטע ייִדיש־וועלטלעכע שול אין אַר־גענטינע, קינדער־קלובן און יוגנט־קלובן, אַ זייער שיינע ייִדישע לײַ־ביבליאָטעק, וואָס איז יאָרנלאַנג געווען אַזוי גוט ווי די איינציקע אין שטאָט, אַרויסגעגעבן אַ ריי וויכטיקע ביכער, דורכגעפירט אַ סך הונדערטער לעקציעס און קורסן, אײַנגעאָרדנט אַ קאָלעקטיוון אַפּרו־פּלאַץ, אאַז"וו. אָבער אונדז זעט אויס, אַז די וויכטיקסטע דערגריי־כונגען פון דער געזעלשאַפט זענען אָט די:

ערשטנס, דאָס וואָס אין די צוואַנציקער יאָרן האָט די געזעל־שאַפט באַוויזן אויסצוהאַלטן אַ טריבונע אין ייִדישן בוענאָס־אײַרעס, וואָס האָט ניט געפּאָדערט פון רעדנער, אַז ער זאָל פאַרקויפן זײַן נשמה. הײַנט זענען פאַראַן אויך עטלעכע אַנדערע טריבונעס, וואָס פאַרלאַנגען פון רעדנער בלויז, אַז זייערע רעדעס זאָלן האָבן אַן אינטע־רעסאַנטן ווערט: די זונטיק־פרימאָרגנס אין דער קהילה, די שבת־

פאַרנאַכטן אין יִוואָ, די איבערפּאַרטייִשע טריבונע פון קולטור־קאָנגרעס. אין די צוואַנציקער יאָרן איז די טריבונע פון דער יִי. ר. ג. געווען זייער אָפט די איינציקע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן די טראַדיציע פון טאָלעראַנץ און פרייַהייט.

צווייטנס, און די דערגרייכונג איז לדידו איינע פון די וווּנדערלעכסטע: דאָס, וואָס די, וואָס געהערן צום קרייַז פון דער יִי. ר. ג., זענען כמעט אַלע קולטור־אָפּנעמערס. זיי זענען אַ טייל פון יענעם פונדאַמענט, אויף וועלכן אונדזער פאָלקסקולטור האַלט זיך. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז אַזאַ קרייַז מוז אויך האָבן אויסגעשטראַלט זייַן קולטור־ווירקונג אויף אַ געוויסער פּעריפעריע ניט נאָר פון סימפּאַטיזירערס, נאָר אַפילו פון אַנדערש־דענקענדיקע און אַפילו פון קעגנערס. די זעלישע השפּעה, וואָס די יִי. ר. ג. האָט געהאַט אויף די טויזנטער מענטשן, וואָס זענען דורכגעגאַנגען דורך איר, איז מסתּמא וויכטיקער פון אַלע קאָנקרעטע דערגרייכונגען.

עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן טענות למאַי די יִיִד. ר. ג. איז געבליבן אַ „ווינקל־אינסטיטוציע", למאַי זי האָט ניט באַוויזן צו שאַפן קיין „פּרעכטיקן בנין" און, בכלל, צו ווערן אַ גרויסע מאַסן־באַוועגונג. בייַ אונדז איז אַפילו קיין ספק נישטאָ, אַז אָט די טענות זענען ניט גערעכט:

דער רעצעפּט פאַר אייבערפלעכלעכן „דערפאָלג" איז ניט קיין פּאַטענטירטער און עס איז ניט איבעריקס שווער אים צו מאַכן — דער רעצעפּט איז נאָכצוגיין און „באַדינען" די מאַסן, האַלטן זיך בייַם כלל, אַז „דער קליענט איז תּמיד גערעכט". די, וואָס ווילן פאָרויסלויפן די מאַסן, משפּיע זייַן אויף זיי — יענע מוזן זייַן אויסגעשטעלט צו בלייַבן אָפט אַליין. אויב איר ווילט זאָגן צו די מאַסן עפּעס, וואָס זיי ווייסן ניט (דערפאָלגרייַכע רעדנערס רעדן נאָר דאָס, וואָס די צוהערערס ווייסן שוין סייַ ווי), מוזט איר נעמען אויף זיך די ריזיקע ניט צו פאַרשטאַנען ווערן, אַפילו ווען איר רעדט אין קלאָרסטן לשון; ניט צו דערהערט ווערן, אַפילו ווען איר רעדט הויך און שאַרף.

אָבער די, וואָס זוכן נישט פון זייער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אַרויסצוקריגן דאָס ביסל קלינגענדיקע: אין מאַטעריעלע דער־

גרייכונגען, אין נאַרישן פּירסום, אין מאַכט, וכדומה, יענע דאַרפֿן באמת זײַן נאַריש ווי פֿיש אויף צו נאָכגיין די טריוויאַלע רעצעפּטן.

די יידישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפֿט האָט גרויסע „ברי־דער אין אומגליק": משה רבנו האָט נאָך נישט באַוויזן צו „אַרויפֿ־צווינגען" אַפּילו זײַנע עלעמענטאַרע צען געבאָטן, נאָך אַ פּראָפּאַ־גאַנדע פֿון עטלעכע טויזנט יאָר. דער נביא ישעיהו האַלט ערשט איצט ווײַט פֿון זײַן אידעאַל, אַז „אַ פֿאָלק קעגן אַ פֿאָלק וועט ניט הייבן אַ שווערד". און ניט נאָר אָן פֿערערן האָט מען פֿאַרגעסן און אָן דעם טײַטש פֿון „ראַציאָנאַליסטישע שולן" — סטאַלין־כרושטשעוו האָבן אַרויסגעטריבן קראָפּאָטקינען און טאָלסטאָיען. זייער שותּף דער ימח־שמו האָט פֿאַריאָגט געטען און קאַנטן.

עס זענען פֿאַראַן צײַטן אַזעלכע, ווען די שדישע כּוחות אין דער נאַטור וועלטיקן איבער דעם מענטשן, און די מענטשלעכע גע־דאַנקען און געפֿילן ווערן פֿאַרשטויסן אין די שפּאַלטן און אין די לעכער. אַזוי וועט עס פּאַסירן, ביז דער מענטש וועט זיך אויסלער־נען צו באַהערשן די בייזע כּוחות.

אָבער ביז דער מענטש וועט אויסלײַדן און אויסקעמפֿן אָט די גרעסטע דערגרייכונג זײַנע — איז ווויל צו די, וואָס פֿאַרקערפּערן אין זיך דעם נר־תּמיד פֿונעם מענטשלעכן — וואָרעם אָט די זענען די האָפֿענונגען פֿון דער וועלט.

מיר באַגריסן די חברים פֿון דער „יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפֿט" פֿאַר זייער ווּנדערלעכער דערגרייכונג אויסצוטראָגן דעם הייליקן פֿײַער 40 יאָר נאָך אַנאַנד, דורך אַלע ווילדע שטורעמס.

מיר גלייבן, אַז די צײַטן האָבן זיך געביטן צום בעסערן. מיר האָבן אונדזערע מאָטיוון צו מיינען, אַז דינע ערב־פֿרילינגדיקע ריחות שפּירן זיך אין דער לופֿט.

אָבער מיר זאָגן אײַך פֿון דעסט וועגן, אַז מיר וואָלטן אויסגע־קליבן אײַער וועג אַפּילו, ווען דער פֿרילינג זאָל זיך נאָך פֿאַרזאַמען.

בעסער אַ גאַנצן לעבן צו בלײַבן פֿאַרוואָרפֿן פֿון דעם דרך־המלך (אוי, ווי פּאַסקודנע אַ דרך־המלך קען עס זײַן), בעסער אַ גאַנצן לעבן בלײַבן פֿאַרשטעקט אין די לעכער און אין די שפּאַלטן — איידער, חלילה, זײַן איין שעה אַ רשע!

סעפּטעמבער 1958

קולטור־פּלוראַליזם

עס וואָלט געווען זייער גוט, ווען לפּחות אַרטור לערמערס חברים דאָ זאָלן נישט פאַרגעסן יענעמס רייד בײַ אונדז וועגן אַסימילאַציע און אינטעגראַציע און וועגן קולטור־פּלוראַליזם אין די אַמעריקאַנער לענדער. דאָס זענען פּראָבלעמען, וואָס האָבן שוין מיט אַ סך צענד־ליקער יאָרן צוריק געדאַרפט שטיין אויף אונדזער סדר־היום. אָבער בעסער שפּעטער איידער קיין מאָל ניט!

דערמאָנען מיר זיך אָן אַ בלעטל פון אַנדרע זשידס טאָגבוך (1914,1-24) וועגן פראַנצייזישע שרײַבערס פון ייִדישער אָפּשטאַ־מונג:

„צו וואָס זאָל איך רעדן פון חסרונות? פאַר מיר קלעקט, אַז די מעלות פון דער ייִדישער ראַסע זענען ניט קיין פראַנצייזישע מעלות. אַפילו אויב די פראַנצייזן זאָלן זײַן ווייניקער אינטעליגענט און זאָלן אין אַלץ זײַן הינטער־שטעליק לגבי די ייִדן — בלײַבט נאָך אַלץ אמת, אַז דאָס וואָס די פראַנצייזן האָבן צו זאָגן, קענען בלויז זיי אַליין זאָגן. און אמת איז אויך, אַז די בײַ־שטײַערונג פון ייִדישע קוואַליטעטן צו דער ליטעראַטור (ווו בלויז דאָס פּער־זענלעכע אינטערעסירט!) איז ווייניקער עלול צוצוגעבן נײַע עלעמענטן (דאָס הייסט צו באַרײַכערן), ווי צו שטערן די בהדרגהדיקע אויפקלערונג פון אַ ראַסע. גיכער פעלשט די ייִדישע בײַשטײַערונג דעם באַטײַט פון יענער אויפ־קלערונג. און זי פעלשט זי גאַנץ ערנסט, אַפילו אומטאָלערירלעך. עס איז אַן אַבסורד, עס איז אַפילו געפערלעך צו פּרווון לייקענען די גוטע זײַטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור. וויכטיק איז אָבער די דערקענונג, אַז עס איז פאַראַן הײַנט אין פראַנקרײַך אַ ייִדישע ליטעראַטור, וואָס געהערט ניט צו דער פראַנצייזישער ליטעראַטור, און וואָס האָט אירע אייגענע מעלות, אירע אייגענע באַטײַטן און אירע אייגענע טענדענצן.

מיר ווייסן ניט, צי אין די אַסימילירטע יידישע קרײַזן אין פראַנקרײַך האָט מען רעאַגירט אויף אַזעלכע אויסדרוקן זשידס. מיר שטעלן זיך פאָר, אַז, אַלנפאַלס, האָבן די אַסימילירטע יידן עס ניט געקענט פאַרשטיין צו געווי. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז די „פראַנצייזן פון יידישן גלויבן" (דער עיקר די אַטעיִסטן צווישן זיי) האָבן דאָס געדאַרפט אָננעמען פאַר אַנטיסעמיטיזם: ביי זיי איז אַטראַפירט דער הויש, וואָס דורך אים שפירן מענטשן די זאַכן, וואָס זשיד ווייזט אָן אויף זיי.

לכל-הפחות, מיר גופא האָבן אויך אונדזער עקספּעריענץ מיט די יידן (אַרגענטינישע, דײַטשישע, עסטרײַכישע, „טשעכאָסלאָוואַקישע", רוסישע...), וואָס די טאַטעס זייערע האָבן זיי געגעבן אַ „גלענצנדיקע" בילדונג, נאָר זיי האָבן דורכגעלאָזט איין פּינטעלע — צוליב נאַכלעסיקייט, אומוויסן אָדער צוליב באַוווסטזיניקער באַמיונג אָפּצוהווישן די „שרײַיקע", „אומהאַרמאָנישע" יידישע שטריכן (אַלע וואַנדאַלן פאַרשטייען ניט קיין אַנדער האַרמאָניע, ווי... איינטאָניקייט). זעען טאַקע אָט די יידן אויס אין אונדזערע אויגן ווי שיין אָפּגעפאַרבטע ליאַלקעס, וואָס מען האָט אויסגעלאָזט אין זיי געוויסע טיילן, און וואָס אַ שלעכטער מכשף האָט אין זיי אַרײַנגעהויכט לעבן. נו, אַוודאי וועלן אַזעלכע ליאַלקעס אַ סך זאַכן קיין מאָל ניט פאַרשטיין. זיי וועלן קיין זאַך ניט באַנעמען אין גאַנצן אַזוי, ווי דאָס באַנעמען נאָרמאַלע מענטשן. דאָס זענען, נעבעך, קאַליקעס!

נו, ס'איז נאָר אַ משל — אַפילו מיט דער וואַנדאַליסטישער דערציִונג קאַסטרירט מען ניט אַזוי פולשטענדיק. פאַראַן צווישן אָט דעם טיפּ יידן אַ סך שרײַבערס, קינסטלער, און שעפערישע מענטשן צווישן זיי. אָבער אַ מבין דאַרף גאָרניט וויסן דעם אָפּשטאַם פון אַזאַ מחבר אויף צו דערשפּירן עס פונעם ווערק גופא: עפּעס אַ פּינטעלע פעלט אין דעם! אָט ווי אַ געאיבטער עופות-ציכטער דערקענט צווישן די הינערשע אייער, וועלכע מען מעג אַרײַנלייגן אין אינקובאַטאָר, און וועלכע עס טויגן בלויז אויף קאָנסום.

אַזעלכע ניט קיין גאַנצע מענטשן מוזן קומען אָפט אין קאָנפליקט מיט זייער סביבה — פאַר זיי אומפאַרשטענדלעכע קאָנפליקטן, מעגן

די צוזאַמענשטויסן פּאַרקומען אַפילו ניט אויף אַזאַ דינעם באָדן ווי דעם ריין־קולטורעלן. שטעלט אײַך פאָר אַן אומגליקלעכן פאַרליבטן, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין פאַרברעכערישע נקמה־געדאַנקען. נו, אַוודאי איז די מענטשהייט אַריבערגעוואַקסן די חיישע רעאַק־ציעס פונעם אָקס אָדער פון דעם האָן. אַ פרײַנד פון דעם אומגליק־לעכן איז מחויב אַרויסצופירן אים פון זײַן פסיכישן פּלאָנטער, און עס וועלן דעם פרײַנד ניט פעלן קיין אַרגומענטן און אַנדערע מיטלען דערצו. וואָס אָבער וואָלט פּאַסירט, ווען צו יענעם אומגליקלעכנס ווונדן וואָלט זיך צוגערירט דווקא אַ געשלעכטלאָזער, און ער וואָלט גענומען זאָגן מוסר, און ער וואָלט — מיט דער באַגרענעצונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע סריסים — געהייסן דעם אומגליק־לעכן זיך אַראָפּצונעמען אַ מוסר פון אים?

אַזאַ אײַנדרוק האָט געמוזט מאַכן אויף אַ סך דער ייִדישער קעמפער פאַרן פאַנגערמאַניזם, דער „עסטרײַך־אונגערישער" פּאַ־טריאָט (ייִדן זענען געווען די איינציקע „עסטרײַך־אונגערישע"), דער „טשעכאָסלאָוואַק" (דיטאָ), דער פּאַן־אייראָפּייער, דער קאָסמאָפּאָ־ליט... אַוודאי, איז דער אינטערנאַציאָנאַליזם די איינציק־מענטשלעכע לייזונג פון די חייש־שאָוויניסטישע קאָנפליקטן, וואָס דראָען אומצו־ברענגען די ערד. אָבער דאָס פרידלעכע צוזאַמענלעבן צווישן פעל־קער וועט ניט — און טאָר ניט! — דערגרייכט ווערן דורך אָפּווישן די פעלקישע באַזונדערקייטן, דורך איינפאָרמיקייט, דורך איינטאָ־ניקייט, דורך פאַרטעמפּונג, דורך קאַסטרירונג.

און מיר זענען אַרויפגעקומען אויף איינעם פון די שאַרפסטע און דרינגענדיקסטע פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט: די אוניפאָרמי־רונג פונעם מענטשן, די פאַרווישונג פון דעם מענטשנס פּערזענלעכ־קייט, די אַנטמענטשונג פונעם מענטשן. דאָס איז אַ שווערע פּראָבלעם פאַר זיך גופא, און עס איז אויך איינע פון די סיבות פון דער סכנות־דיקער אָפּגעשוואַכטקייט פון דער מענטשהייטס ווידערשטאַנד קעגן פאַרשיידענע אָביעקטע געצנדינסטן, קעגן טאָטאַליזם, קעגן דער אַבעראַציע פונעם פּערזאָנען־קולט, קעגן דעם לײַכטן אַרונטערפאַלן אונטער דער ווירקונג פון די אַלע באַצאָלטע פּראָפּאַגאַנדעס און פּובליציטעטן.

די מענטשהייט נייטיקט זיך דרינגענדיק אין שאַרף־אינדיווידואַ־ליזירטע „קריטיש־דענקענדיקע פּערזענלעכקייטן", מיט אייגענע געדאַנקען און מיט אייגענע ווילנס, וואָס זיי זאָלן אי קענען אי וועלן אַנטקעגנשטעלן זיך די אַלע עבודה־זרות. מיט אַפּווישן באַזונדערקייטן, צי דאָס זאָלן זיין נאַציאָנאַלע, רעגיאָנעלע צי יחידישע באַזונדערקייטן — וועט מען די זייער נייטיקע שטאַרקע פּערזענלעכקייטן ניט קריגן!

דאָס האָבן שוין מיט צענדליקער יאָרן צוריק פאַרשטאַנען באַטייטנדיקע אַמעריקאַנער פּערזענלעכקייטן — דער באַרימטער דזשאָן דיוי צווישן זיי, און זיי האָבן געפּרוּווט זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן דעם אַמעריקאַנער „שמעלצטאָפּ", קעגן דער כלומרשטער אַקסיאָמע, אַז אין אַמעריקע דאַרפן אַלע פעלקערשאַפטן זיך צונויפשמעלצן אין איין פורעם. דעמאָלט איז אויפגעקומען דער אַזוי גערופענער „פּלוראַליזם", ווי אַ רעאַקציע קעגן שמעלצטאָפּ: אַמעריקע, הייסט עס, דאַרף ניט זוכן די אַפּווישונג פון די פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן, וואָס האָבן אײַנגעוואַנדערט צו איר, נאָר זי דאַרף, אדרבא, סטימולירן די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון די קולטורן פון די אַלע פעלקער־גרופּעס. די אַמעריקאַנער האַרמאָניע דאַרף זיך ניט באַקומען פון דער אַסימילאַציע פון די באַזונדערע קולטורן, נאָר פון דער אינטעגראַציע זייערער: אָט ווי אַ קראַנץ בלומען דאַרף ניט צוזאַמענגעשטעלט ווערן דווקא פון איין מין בלום!

די בונדיסטן, וואָס האָבן ערשט נאָך חורבן־אייראָפּע מתיר געווען בונדישע אַלוועלטלעכקייט און דערמיט זיך באַפרײַט פון אַן אַ שיעור (פאַר אונדז אומפאַרשטענדלעכע) האַמונגען, האָבן זיך געדאַרפט אָנכאַפּן אָן דעם „פּלוראַליזם" מיטביידע הענט: ס'איז דאָך אין דער אמתן בלוט פון איין בלוט מיט דער „קולטור־אויטאָנאָמיע"! אונדז איז אַ גרויס ווונדער, וואָס דער ענין האָט דעם „בונד" ניט פאַרכאַפּט אַ סך מער!

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס הייסט ניט, אַז מיר מיינען, אַז עס דאַרף עקסיסטירן ערגעץ אַ גרופּע יידן, וואָס דער קולטור־פּלוראַליזם דאַרף ניט פאַרכאַפּן: קעגן „פּלוראַליזם" קענען בלויז זײַן עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן, פון קאַנסיל פאַר דזשודאַיזם־טיפּ, און... משוגעים. ס'איז

קעגן שטראָם

ניטאָ קיין תירוץ פאַר גלײַכגילטיקייט בנוגע אַן ענין, וואָס איז קאַר-דינאַל וויכטיק פאַר דער וועלט, און איז פשוט לעבנס-וויכטיק פאַר אונדזער המשך ווי אַ פאָלק.

עס איז זייער אַ וויכטיקער ענין, וואָס מען וואָלט ניט געטאָרט לאָזן שלאָפן.

אָקטאָבער 1956

„די געשיכטע איז מיט אונדז"

די טאָטאַליטאַרישע פּראָפּאַגאַנדע באַנוצט זיך, דער עיקר, מיט ליגנס — דאָס רוב, משונהדיקע ליגנס — וואָס די פּראָפּאַגאַנדיסטן גופא גלייבן אין זיי — פאַרשטייט זיך, ניט. פון דעסט וועגן, טרעפט אַ מאָל, אַז זיי לאָזן אין גאַנג אַ ליגן, וואָס זיי אַליין גלייבן אין דעם. צו אָט דער לעצטער קאַטעגאָריע שקרים געהערט, מסתמא, אָט דער שאַלקהאַפטיקער סלאָגאַן, וואָס די מאָסקווער טאָטאַליטאַריער האָבן זיך לעצטנס גענומען פאַרטויבן מיט אים דער וועלטס אויערן: „די געשיכטע איז מיט אונדז", אָדער „קיינער וועט ניט קענען איבער־דרייען די געשיכטע אויף צוריק", אאַז"וו. למשל, ווען אונגערן וויל זיך באַפרייַען פון דעם קאָשמאַרן מאָסקווער ווילקיר — וויל מען כלומרשט „דרייען די געשיכטע אויף צוריק". ווען מען וויל קעמפן קעגן דער סאָוועטישער פאַרכאַפּונג פון מיטל־אַזיע, וויל מען „דרייען די געשיכטע צוריק".

די מעשה מיט דער „געשיכטע" איז אין דער אמתן אַ וואַריאַנט פון די עקלדיקע „געשעענע פאַקטן" און „רעאַליטעטן פון אַכט מי־ליאָן שפּיזן", וואָס זענען שוין איצט „אויסגעשען" און „אויסגערעאַ־ליטעטעוועט". פון דעסט וועגן זעט אָט די „געשיכטע" אוים באַזירט אויף איינער פון די „אמתע" דאָגמעס פון דער מאַרקסיסטישער טעאָלאָגיע. עס איז אַ דאָגמע, וואָס די, איצט שוין שטאַרק פוילע, עבודה־זרה, האָט בשעתו — מיט אַ יאָרהונדערט צוריק — אויסגע־באָרגט ביַי אַ מעטאַפיזיקער, וואָס ראָקער — אַ געזונט אויף אים, — האָט אים אָנגערופן „געניאַלער אידיאָט".

פאַר דער צײַט, זינט מאַרקס האָט אָט דעם מעטאַפיזישן שפּינ־וועבס אַרײַנגעקנאָטן אין זײַן „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם", זענען

שוין אַ סך אַפילו אויף אַן אמת פּעסטע וויסנשאַפטלעכע אמתן פון דעמאָלט, זינט לאַנג צעשטויבט געוואָרן אויף אַש און פּראָך. אויב איר זענט ניט קיין פאַרפאַלענער עבודה־זרה־דינער, וועט איר פאַרשטיין, וואָס מיר זאָגן אײַך:

די „געשיכטע" איז פון ווײַבלעכן מין און דווקא פון דעם ווייניקער צניעותדיקן סאָרט. זי איז שוין איבערגעווען מיט גלית הפּלישתי און מיט דודן, מיט שלמה המלך און מיט נבוכדנצרן, מיט אַלכּסנדר מוקדון און מיט זײַנע אַפּשײַלעכע עפּיגאָנען, מיט יולי צעזאַר און מיט קאַליגולאַן, מיט נאַפּאָלעאָנען און מיט ניקאָלאַי דעם ערשטן, מיט פּרודאָנען און מיט כרושטשאָוון, מיט סאַרמיענטאָן און מיט פּעראָנען, מיט לואיזע מישעל און עוויטאַן.

די געשיכטע איז אַ ווײַבספּאַרשוין, וואָס גיט זיך איבער דעם שטאַרקערן פון דעם מאָמענט. אויב איר ווילט זי נעמען, זאָלט איר ניט בטל ווערן פאַר איר, ניט קריכן אונטער אירע פיס. ווײַל ס'איז נישטאָ אַפילו פאַר וועמען צו פאַלן אויף די קני און וועמען צו דערקלערן זיך אין ליבע: „ס'איז ניט פון דײַן זיידנס פעלד די שיקסע, וואָס דו זעסט!"

מילא, מיר פאַרשטייען נאָך די רעליגיעזע מענטשן, וואָס גלייבן, אַז „פערציק טעג איידער זי איז באַשאַפן געוואָרן" איז שוין פון אויבן באַשטימט געוואָרן צו וועמען די „געשיכטע" זאָל געהערן.

אָבער ווען אַן אַטעיִסטישער געצנדינער נעמט פּלאַפּלען פון „געשיכטלעכן דעטערמיניזם" — האָט ער אַ פּנים פון חוזק!

אויב די „געשיכטע" געפעלט אײַך, און איר זענט אַ פאַרפאַלענער ראָמאַנטיקער דערצו — זינגט אײַך איר לידער אַפילו!

אָבער אויב די „געשיכטע" איז אַ ליגנערין, אַ זונה, אַ כוליגאַנקע, אַ מערדערין, אַ חזירטע — האָט קיין מורא ניט צו קעמפן קעגן איר! די „געשיכטע" האָט פײַנט פּחדנים!

דעצעמבער 1956

ס׳איז נאָרמאַל

זיצן מיר זיך אַזוי בײַ דער קאַווע און קוקן אַרײַן אין דער צײַטונג. מאָדנע — אַלע נײַעס האָבן פּאַסירט, בעת די דרוקערס האָבן געשטרײַקט און עס זענען נישט געווען קיין צײַטונגען. איצט, אַז עס זענען פֿאַראַן צײַטונגען, איז נישטאָ קיין נײַעס.

אין אונגערן „הערשט שלום״! נישטאָ קיין נײַעס אונטער דער זון — ס׳איז דער זעלביקער, באַרימטער מוראַוויאָווס „שלום אין וואַרשע״. ניט מער, וואָס אָט דער בודאַפּעשטער שלום פֿון די „שלום״-קאָנגרעסניקעס איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ שפּאָר ביסל אַכזריותדיקער ווי מוראַוויאָווס.

נאָסער טרײַבט אַרויס 50 טויזנט ייִדן פֿון עגיפּטן — אויך מיר אַ נײַעס! אַז ייִדן האָבן געיאָגט די עגיפּטער, איז געווען אַ נײַעס, אַזש די וועלט איז געגאַנגען כּאַדאָראַם. ס׳איז שיעור ניט אַרויס קיין וועלט-מלחמה צוליב דעם. אָבער אַז מען זאָל רודפֿן ייִדן, איז קיין נײַעס ניט — שוין הונדערטע דורות, אַז מען פּלאָגט ייִדן! די ייִדן אַליין האָבן זיך שוין „צוגעוווינט״ דערצו. מיר האָבן מורא, אַז אַפֿילו נערו וועט וועגן דעם ניט מאַכן קיין פֿאָרשלאָג אין דער „און״.

די „איזוועסטיאַ״ מוסרט ישׂראל — „זינט ישׂראל איז אויפֿגעקומען, איז צעשטערט געוואָרן דער שלום אין מיטעלן מזרח״. נו, אין מיטעלן מזרח האָט מען, וואָס אַן אמת, קיין מאָל ניט געהערט פֿון קיין שלום — נאָך פֿון איידער אַברהם איז געבוירן געוואָרן. און מאָסקווע וויל ניט אַז דאָרטן זאָל זײַן שלום. מאָסקווע טוט אַלצדינג, אַז דאָרטן זאָל ניט זײַן קיין שלום! ס׳איז די אַלט-אַלטע טענה פֿון וואָלף צום שעפּעלע: „דו האָסט מיר שמוציק געמאַכט דאָס וואַסער פֿון טײַך״. אפֿשר די איינציקע וואַריאַציע איז דאָ, וואָס אַנשטאָט אַ וואָלף, טענהט דאָ זיך אוים מיטן שעפּעלע אַ ווילדער חזיר, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אויסגעקײַקלט אין די דאָזיקע וואַסערן טאַקע

פון נילוס און פון ירדן (און דונײַ אויך!) און אָנגעמאַכט אַ בלאָטע, ווי פּאַר אַ חזיר פּאַסט. אָבער שולדיק איז אַלץ ישראל — אויך ניט קיין נײַעס.

יאָ, באַרלעטאַ שווערט זיך בײַ זײַנע 40 יאָר טעאַטראַלישער און שרײַבערישער טעטיקייט, אַז ער איז ניט קיין באָלשעוויק, און זײַן „פּראָפּאָסיטאָס" איז ניט קיין באָלשעוויקישע. מיר האָבן שוין דאָס אויך געהערט. אַגבֿ, איז זײַן טעאַטער עפּעס אויך ניט טעאַט־ראַליש, און זײַן שרײַבערײַ איז אויך ניט אַזוי דאָסיק. אַלטע נײַעס!

אָן אָנאָנס אין דער צײַטונג האָט אונדז פֿאַראינטערעסירט — אָן אָנאָנס פון אַ גוט בוך פון אַ גוטן יִדישן פּאָעט! יאָ, אַז גאָט וויל, האָט אַפילו אַ פּאָעט מזל. און אַפילו אַ יִדישער פּאָעט: בכלל שרײַבט מען בײַ אונדז ניט קיין סך וועגן קיין גוטע ביכער, און דערפּאַר — ווען עס פּאַסירט און מען שרײַבט אַ סך וועגן אַ יִדיש בוך, קריגן מיר עפּעס וועגן דעם בוך אַ פּאָראורטייל: מיר קענען דאָס בוך ממש אין האַנט אַרײַן ניט נעמען.

אָט, למשל, האָבן מיר נאָך עד־היום צוליב יענעם טעם ניט באַוויזן אַרײַנצוקוקן אין ד"ר עמנואל פּאַטס בוך, הגם מיר האָבן אַ געפיל, אַז עס דאַרף ניט זײַן שלעכט. אָבער אַזוי פיל רעצענזיעס אַרום וועגן דעם! אָבער מיר האָבן זיך צוגעזאָגט גובר צו זײַן אונד־זער ווידערווילן און פּאַרט איבערלייענען ווען עס איז עמנואל פּאַטס בוך — מיר ווילן פּשוט וויסן: איז עמנואל פּאַטס בוך טאַקע 40 מאָל בעסער ווי רודאָלף ראָקערס „נאַציאָנאַליזם און קולטור", אָדער צי איז דאָס בוך ניט מער ווי האַלב אַזוי גוט ווי טורקאָוום בוך.

אָבער דאָס בוך לידער, וואָס מיר רעדן וועגן דעם, איז דווקא גוט. און מזל צו קריטיק האָט עס אויך געהאַט. און אין אַלע יִדישע בוכהאַנדלונגען שטייט עס אויסגעשטעלט אויפֿן שענסטן פּלאַץ אין די שויפענצטער. אַפילו אין אַ מעצענאַטישער יִדישער בוכהאַנד־לונג, וואָס האַלט בכלל ניט קיין בוך אין יִדיש (אַ פּרינציפּ אַזאַ?), האָט אָט דאָס בוך דווקא יאָ גענומען און אַרויסגעשטעלט אין פענצ־טער. און פּראָפּאַגאַנדע קאָסט, ווײַזט אויס, דעם פּאָעט קיין געלט ניט (צי וואָס?) און לייענען לייענט זיך דאָס בוך אויך גוט: פּאַראַן פּאָעזיע, וואָס איר מוזט פריִער גובר זײַן די אינערציע, געבן אַ

שפּרונג אַרײַן אין דעם ראַפּטום, זיך אָפּטובלען אין דעם — כדי איר זאָלט נאָך דעם קריגן הנאה. די לידער, וואָס מיר רעדן וועגן זיי, האָבן עפּעס אין זיך אַזאַ מין אַראָמאַט, וואָס נאַרט אײַך אַרײַן נאָך פון דער ווײַטן: איר מוזט זיי ממש לייענען! דער מחבר האָט אַוודאי שוין אָפּגעזוצט אַ מאַיאָנטעק מיט עקזעמפּלאַרן! אַז מען שמועסט מזל — איז אי צו גאָט אי צו לײַט! נו, אַוודאי פאַרגינען מיר אים פון גאַנצן האַרצן און נאָך אַ ביסל! זאָל זיך כאַטש איין ייִדישער פּאָעט דורכרײַסן!

מיט אָט די געדאַנקען זענען מיר אַרויס אין גאַס. אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט רײַסט אונדז עמעצער פלוצלינג איבער די געדאַנקען: „וואָס זענט איר אַזוי פאַרטראַכט?" — יאָ, פאַראַן ווײַזט אויס טע־לעפּאַטיע, ס'איז טאַקע דער פּאָעט גופא.

— וואָס טוט מען, איך בעט אײַך, אויף צו פאַרקויפן אין בוע־נאָס־אײַרעס אַ פּופּציק עקזעמפּלאַרן פון מײַן בוך? — יאָ, צוויי בוכ־הענדלערס האָבן בײַ מיר גענומען אין „קאָנסיגנאַסיאָן" צו 2 ביכער. האָט איינער שוין פאַרקויפט איין בוך, און דער אַנדערער, נאָך גאָר־נישט. דער מעצענאַט האָט בײַ מיר געקויפט צוויי עקזעמפּלאַרן, איינעם האָט ער אַוועקגעשיקט, און דער צווייטער שטייט אין שווי־פענצטער!

— איר האָט אונדז באַרויִקט, מענטש — אַזוי איז נאָרמאַל. נאָרמאַל פאַר אַ פּאָעט און פאַר אַ ייִדישן פּאָעט אַוודאי און אַוודאי! מיר האָבן שוין איבערגעטראַכט וועגן אײַך. כ'ווייס, ס'האָט זיך אונדז אויסגעוויזן.

טײַערע לייענערס! פון דעסט וועגן, ווען פיר פון אײַך רעדן זיך צוזאַמען און קויפן אויס דעם סטאָק פון יענעם בוך אין אַלע היגע ייִדישע בוכהאַנדלונגען, וואָלט איר געטון אַ גוטע זאַך. מיר רעדן שוין נישט וועגן אײַער הנאה (ס'איז ווײַן ניט קיין לידער!) — אָבער זײַט אַ מאָל משנה די גרויע נאָרמאַלקייט. לאָמיר הערן די נײַס, אַז אַ בוך פון הערלעכע ייִדישע לידער האָט זיך אין איין טאָג פאַרקויפט אין גאַנצע פיר עקזעמפּלאַרן!

און אַ פּאָעט מעג דאָך האָבן אַ מאָל אַ שטיקל נחת־רוח אויך!

דעצעמבער 1956

ד״ר יצחק־נחמן שטיינבערג

דער אָרגאַניזם פֿאַרטיידיקט זיך, ווען ער דאַרף קעמפֿן קעגן צו שאַרפֿן שאָק פֿון אַן אומגליקלעכער בשורה, און דער אומגליק דערגייט ניט מיט אַ מאָל צום באַוווסטזײַן. אָבער אײן פֿאַטאַלער סימפּטאָם פֿון אַבֿלות טויכט באַלד אַרויף, און ער גיט דיר צו וויסן, אַז עפּעס עיקרדיקס אין דיר איז אָפּגעשטאָרבן, איז אַוועק אויף אייביק — „דו וועסט קומען צו דעם, אָבער דאָס צו דיר וועט שוין קיין מאָל ניט קומען״. עס ווערט אָפּגעלאָשן אין דיר דער אינטערעס צום לעבן און צו אַלע דײַנע טוונגען אין לעבן: אָנגעהויבן פֿון דעם קײַען דײַן שטיק ברויט און ביז צום שרײַבן פֿאַר אָט „דאָס פֿרײַע וואָרט״, וואָס ד״ר יצחק־נחמן שטיינבערג איז געווען מסתמא, זײַן אויפֿמערקזאַמסטער לייענער.

וואָרום אין אָט דער שריפֿט דאַרף מען זאָגן, אַז שטיינבערג איז געווען פֿון די שטאַרקסטע מאָנערס, אַז זי זאָל וואָס גיכער דערשײַנען איבער אַ נײַס, און אַז ער האָט געהאַלטן אין איין מאָנען, אַז מיר זאָלן, „דער עיקר, די צײַטונג אַרויסגעבן רעגלמעסיק״. עס פֿלעגט, בײַ זײַנע שווערע קערפּערלעכע און מאָראַלישע יסורים, געפֿינען כּוח און געמיט אויף צו מאַכן אונדז כּסדרדיקע אָנווײַזונגען, ביז די לעצטע פֿאָר חדשים פֿון זײַן לעבן: „די צײַטונג איז, פֿאַרשטייט זיך, געשריבן אָרנטלעך און גוט — אָבער פֿאַר וואָס אַזאַ פּעסימיזם? וווּ איז די פֿרייד פֿון דער גרויסער געשעעניש אין אײַער לאַנד?״. „די העברעיִשע אויסדרוקן גיבן צו אַ באַזונדער חן די וואָס פֿאַרשטייען אַ פּסוק און אַ מאמר חז״ל — אָבער וואָס זאָגן דערצו די, וואָס פֿאַרשטייען ניט?״. אָדער אַ דינע אָנצוהערעניש וועגן דעם גראַפֿישן אויסזען פֿון אונדזער ספּעציעלן נומער: „די צײַטונג איז געשריבן אייגנאַרטיק, און אַפֿילו דאָס אויסערלעכע אויסזען אירס איז אייגנאַרטיק״. אָדער ווען אונדזער מײַ־נומער איז אים געפֿעלן, — שרײַבט ער: „אָט דאָס איז אַ צײַטונג! אָט אַזוי דאַרף זײַן אַ קעמפֿערישע שריפֿט!״.

ד״ר שטיינבערג איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסט, איבער אַלץ — יאָר זענען אַריבער איבער אים, שווערע יאָרן: ווי, וויפל מאָל זײַנע אַדלער־פליגל האָבן זיך — אין מיטן מעכטיקן שווונג — אָנגעקלאַפּט אָן האַרטע מויערן! אָבער זײַן קעמפערישקייט און זײַן גלויבן אין סאָציאַליזם און אין דער רעוואָלוציע איז געבליבן אַזוי יונג, ווי צו זײַנע זעכצן־זיבעצן יאָר, ווען ער האָט דורכגעמאַכט זײַנע ערשטע פײַער־פּרוּוון אין דער רעוואָלוציע.

„מע דאַרף אָנהייבן איבער אַ נײַעם פון גיין אין פאָלק״ — האָט ער אין אונדז אַרײַנגעטענהט. „מען דאַרף רעדן צו איטלעכן מענטשן באַזונדער, און צו וואָס מער מענטשן. מע טאָר אָבער דערבײַ ניט האָבן צום מענטשן קיין טרוקענעם, זאַכלעכן צוגאַנג — מע דאַרף אַרויסווײַזן צו איטלעכן יחיד, וואָס מע קומט מיט אים אין באַרירונג, אַן אינערלעכן אינטערעס צו אַלע זײַנע פיזישע און מאָראַלישע נויטן״. און שטיינבערג, דאַרף מען געדענקען, האָט קיין מאָל ניט געהייסן יענעם טאָן עפּעס, וואָס ער אַליין איז ניט גרייט געווען צו טאָן. ניט צו גלייבן כמעט, וויפל אָט דער פיזיש־קראַנקער און שטענדיק פאַרנומענער מענטש, דערצו אַ מחוסר פרנסה אפילו אין דעם שפעדיקן ניו־יאָרק, האָט געקענט טראָגן פרעמדע נויטן אויף זײַנע פּלייצעס!

בעת „דאָס פרײַע וואָרט״ האָט נאָך געמוזט זײַן שטום, איבער דער — צו שטאַרק באַרעכטיקטער! — שרעק פון די דרוקערס אין די צײַטן פון דער דיקטאַטור, פלעגט שטיינבערג ניט אויפהערן צו מאָנען פון אונדז, מיר זאָלן שרײַבן: „עס זענען געבליבן אַזוי ווייניק פון אונדזערע מענטשן, וואָס שרײַבן״. „מיר זענען גוזר אויף אײַך צו שרײַבן, און זאָל אַ גזרת חבר ניט זײַן לײַכט אין אײַערע אויגן!״ „איר מוזט שרײַבן״ — האָט ער אונדז איין מאָל געשריבן און אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „מוזט״ דרײַ מאָל מיט שוואַרצער טינט און אַ פערטן מאָל מיט רויטער טינט. מיר האָבן דערפון אַרויסגעלייענט, מיט טיפן טרויער, אַז שטיינבערג האַלט שוין ניט צו פיל פון זײַן געזונט, און ער וויל „זיך אָנכאַפּן אָן אַ שטרוי״: זײַן אָרט, וואָס איז — בײַ אונדזערע באַדינגונגען — פאַטאַל פאַרמשפּט צו בלײַבן ליידיק אויף דורות, זאָל ניט בלײַבן אין גאַנצן ליידיק.

זאָל ער אונדז מוחל זײַן — מיר האָבן זיך געמאַכט ניט־וויסנ־דיק פון זײַנע אויפפאָדערונגען. עס איז מסתמא געווען ניט נאָר דערפאַר, וואָס מיר האָבן אפילו מיטן מינדעסטן אים ניט געוואָלט לײַכטער מאַכן דאָס „אָפּלאָזן די לייצעס", נאָר דערפאַר וואָס יעדע וואָג, וואָס וואָלט פון אים איבערגענומען געוואָרן, וואָלט געדאַרפט אַן אַנדער קוואַליטעט כוחות אויף אויסצוהאַלטן זי.

ניין, די גרעסטע מניעה צו געפינען אַ ממלא־מקום פאַר שטיינ־בערגס אָרט אויף דער וועלט, איז ניט די זעלטנקייט פון זײַן מעכ־טיקן שרײַבערישן און רעדנערישן טאַלאַנט: אפשר איז גאָרניט טאַ־לאַנט דאָס, וואָס פעלט אַזוי אויס אין אונדזער איצטיקן לעבן. אָט לאָמיר נעמען פאַר אַ משל דעם סאָציאַליזם! אפשר דאַרף גאָר דער סאָציאַליזם איצט ניט אַזוי דרינגענדיק קיין נײַע גרויסע געלערנטע. אייגנטלעך, זענען די גרונט־יסודות פון סאָציאַליזם שוין לאַנג אויס־געדריקט בײַ די נביאים. אַלנפאַלס, קאָן קלעקן מיט די גרונט־פּרינ־ציפּן, וואָס עס האָבן אַרויסגעבראַכט גאָדווין און פּרודאָן. קיין פאַר־אויסיקע מעטאָדן ווי אײַנצופירן דעם סאָציאַליזם דאַרף מען ניט האָבן, אָדער בעסער געזאָגט: מע טאָר זיי ניט האָבן! דאָס דינאַמישע לעבן פאָדערט, און ברענגט אַרויס, די פּאַסיקע מעטאָדן פאַר איט־לעכן מאָמענט, און די דאָגמאַטישע וועגן זענען גאָר סם־המוות און ליגן. דער „וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם" איז אַן אומגליק פאַר דער וועלט, און יעדער נײַער „וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם" — ווי גע־ניאַל זײַנע שעפּערס זאָלן ניט זײַן — וועט מוזן זײַן אַן אומגליק פאַר דער מענטשהייט. אפשר איז דאָס וויכטיקסטע, וואָס אַ סאָציאַליסט דאַרף וויסן וועגן מעטאָדן, בלויז דאָס, אַז דעם ציל וועט מען קיין מאָל ניט דערגרייכן, ווײַל ער וועט כסדר ווערן העכער און ווײַטער: אַז דעם ציל דאַרף מען באַנוצן ניט מער ווי אַ קאָמפּאַס אויף צו זוכן דעם וועג! און בנוגע וויסנשאַפט און סאָציאַליזם איז נאָך אַלץ דער וויכטיקסטער כלל דער, וואָס פּרודאָן האָט אַרויסגעבראַכט — ניט פאַרצוימען זיך מיט קיין פאַרגליווערטן סיסטעם, ניט אויסאַר־בעטן קיין סאָציאַליסטישע טעאָלאָגיע, אויפן אָרט פון דער רעליגיע־זער טעאָלאָגיע.

און בנוגע טאַלאַנט — וואָס מיינט, בײַ הײַנטיקע באַדינגונגען,

דער טאַלענטירטער שרײַבער און דער געבענטשטער רעדנער? ווער פון אײַך ווייסט ניט פון גאָרניט זאָגנדיקע און גאָרניט מיינענדיקע צײַטונגען, וואָס מע האָט פאַר זיי צעעפֿנט ברייטערע וואָרעס, ווי פאַר שטיינבערגס „אויפֿן שוועל"? אפשר וואָלט מען אין גאַנצן פאַרשוויגן שטיינבערגס „אויפֿן שוועל" און זײַן „ביולעטין", ווען אַ זשורנאַליסט, אַ שכיר־יום, וואָלט ניט אויסגעפּעלט אַ מאָל אַ טעמע פאַר אַ „פּיקאַנטער" (פּיקאַנט — געמיש פון וווּלגאַרן מיט נאַבעלן) פּאָלעמיק. און וואָס מיינט אַ ראַדיאָ־נעץ, וואָס פּאַרטויבט אַ לאַנד און אַ וועלט! — מיט די געמיינקייטן פון אַ פּאָליטישן מאַראַוויכער, מיט די קאָזשעלקעס פון אַן אָנגעדונגענעם ליץ, אָדער גאָר מיט די עיפּושדיקע ליגנס פון אַ שיכורן מאַסן־מערדער?

אויף איין פֿאָדערונג אָבער מוז דער סאָציאַליזם באַשטיין: דער סאָציאַליסט מוז זײַן אַ ריינער מענטש, אַ גאַנצער מענטש, אָן סתּי־רות צווישן זײַן לערע און זײַן אויפֿפֿירונג אין לעבן, מיט מינימאַלע מחיצות צווישן זײַן געדאַנק און זײַן טאַט. סאָציאַליזם איז ניט קיין קרעמערײַ און קיין פּאָליטיקאַנסטווע, און ער האָט נישט וואָס צו נעמען בײַם פּיפּיקן אָפּנאַרער, בײַם קלאָון, בײַם מאַכט־דורשטיקן, בײַם כּבֿוד־זוכער — ווי פּעיִק אַזעלכע זאָלן ניט זײַן. נאָר די עטישע קוואַליטעט פון זײַנע אָנהענגערס קען דערפירן דעם סאָציאַליזם צום נצחון. נאָר אויף דעם באָדן איז דער סאָציאַליזם אומבאַזיגבאַר.

ווי הערלעך ד"ר יצחק־נחמן שטיינבערג איז עס געווען בײַ זײַן רעדן! ער איז געשטאַנען אויף דער טריבונע, ווי אַ כּהן־גדול בײַ זײַן עבֿודה, ערנסט מיט טיפֿן דרך־ארץ פאַרן עולם, מיט טיפֿן דרך־ארץ פאַר איטלעכן וואָרט וואָס ווערט דורך אים אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט. זײַנע רעדעס האָבן געהאַט דעם שווונג פון אַן אָדלער און דאָס געזאַנג פון אַ סאָלאָוויי. איטלעכס וואָרט זײַנס איז געווען אָנגע־לאָדן מיט געדאַנק, האָט וויברירט מיט געפֿיל און געשפּאַנט מיט דערהויבענעם ציל. יעדער זאַץ איז געבוירן געוואָרן שלימותדיק, ווי אָפּגעגאָסן פון אַ מײַסטער. די אַרכיטעקטור פון זײַן רעדע איז געווען האַרמאָניש ווי אַ סימפאָניע. און דער פײַנסטער בינע־קינסטלער וואָלט געמעגט מקנא זײַן דאָס עשירות און די דינקייט פון זײַנע אינטערפּרעטאַציע־מיטלען.

פון דעסט וועגן זענען אָט די אַלע טאַלאַנטן ניט געווען דאָס עיקרדיקע אין שטיינבערגס וווּנדערלעכער פּערזענלעכקייט. אפשר איז גאָר אַ פּחיתת־הכבוד צו אָפּשטעלן זיך אויף אָט די פֿעיִקייטן זײַנע, בעת מע רעדט וועגן שטיינבערגן. וואָרעם דאָס ניסימדיקע אין יצחק־נחמן שטיינבערגן איז געווען זײַן וווּנדערלעכע תמימות, די האַרמאָניע צווישן זײַן וואָרט און זײַן טאַט, דער טיפער און קרישטאָל־ריינער קוואַל, פון וואַנען איטלעכס וואָרט זײַנס האָט געקוואַלט, די דערהויבענע כוונה פון איטלעכן וואָרט און זשעסט זײַנעם...

ווען מע וואָלט אין אונדזער איצטיקער תקופה, וואָס איז טאַקע גרוי, אָבער פאָרט נישט אויסגעליידיקט פון גרויסע שיינקייטן, געדאַרפט אָפּזוכן אַ מוסטער פון אַ שלימותדיקן ריטער פון אידעאַל — וואָלטן מיר אָן ספק געקענט אָנווײַזן אויף שטיינבערגן! אַפילו בײַם אַרגענטינישן, זיכער ריטערלעכן, פּאַלאַסיאָסן, מיט זײַן „קאַסטיליאַנער בלוט“, זענען געווען מאָמענטן, ווען ער האָט מיט זײַן שווערד „געשפּילט“, און אפשר טאַקע געשפּילט ספק דראַמע און ספק קאָמעדיע. יצחק־נחמן שטיינבערג איז געווען אַ קעמפער, וואָס האָט זײַן שווערד אַרײַנגעלייגט צוריק אין שייד אַרײַן, אומבאַפלעקט. דאָן קיכאָט, דער קעניג און שפּיגל פון דער וועלטס ריטערס, האָט זײַנע כלי־זין ניט אָפּגעגעבן ריינער און ציכטיקער, ווי יצחק־נחמן שטיינבערג האָט עס געטון!

ד״ר יצחק־נחמן שטיינבערגס לעבן איז אַ ריינער פאַקל, וואָס פון אים וועלן זיך אָנצינדן דורות סאָציאַליסטן. ריין איז זײַן פֿײַער און עכט — ווי דער סאָציאַליזם דאַרף עס האָבן!

ביאָגראַפישע סקיצן

ד״ר יצחק־נחמן שטיינבערג איז אָן ספק איינער פון די בולטסטע און אייגנאַרטיקסטע פּערזענלעכקייטן פון אונדזער דור.

די נאַטור האָט אים באַשאָנקען מיט אַ מעכטיקן ליטעראַרישן טאַלאַנט און מיט אַ ברייטער און טיפער וויזיע. דערצו האָט ער זיך אײַנגעשאַפט אַן אומגעוויינטלעכע פילאָסאָפיש־יודישע ערודיציע

און אַ רײַכע אַלגעמײנע קולטור. אַט די אַלע מעלות, וואָס מען געפינט זעלטן צוזאַמען בײַ דעם זעלביקן מענטשן, וואָלטן פון דעסט וועגן נאָך אַלץ ניט געקלעקט אויף מער ווי אויף צו שאַפן אַן „אינ־טעלעקטואַל". דאָס וואָלט ניט געווען קיין סך היינטיקע צײַטן, בעת מיר זענען עדות, ווי די אינטעלעקטואַלן פאַרשעמען צו אָפט דעם מענטשלעכן אינטעלעקט מיט זייער מאָראַלישער פּחדנות און מיט זייער גרייטקייט צו דינען אַלע עבודה־זרות פון טאָג. אָבער בײַ שטיינבערגן איבערראַשט טאָקע קודם־כל זײַן זעלטענער בירגער־לעכער מוט, די האַרמאָניע צווישן זײַן געדאַנק און זײַן טאָט. ס'איז צו שטוינען די מאָראַלישע פעסטקייט פון אָט דעם מענטשן, וואָס איז אַרויס גאַנץ פון אַלע נסיונות און שטרויכלונגען אויף זײַן וועג: רײַכקייט, מאַכט איבער מיליאָנען מענטשן, פאַרפאָלגונגען, פּאָלי־טישע עמיגראַציעס, אידעיִשע איזאָלירטקייט, אָרעמקייט.

אין דער הײַנטיקער פּלאַכער און פּחדנותדיקער צײַט איז אַ גרויסע טרייסט, ווען מ'זעט פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס אַלע שטרויכ־לונגען האָבן ניט אָפּגעשטעלט זײַן אַנטוויקלונג, ניט גובר געווען זײַן קעמפערישע נאַטור. וואָס אַלע ביטערנישן האָבן אים ניט פאַרבי־טערט, ניט געמינערט זײַן לויכטנדיקן און וואַרעמען אידעאַליזם. וואָס קיין שום בייזע ווינטן האָבן אים חלילה ניט איבערגעבראַכן אויף צו מאַכן פון אים אַ נאָכלויפער; וואָס איז געבליבן אַ שעפערישער פאָרלויפער פון זײַן דור.

מ'קען מיט שטיינבערגן מסכים זײַן, און מ'קען מיט אים זײַן מחולק (דאָס לעצטע איז זייער אָפט באַקוועמער!), אָבער אַלע באַ־וווּנדערן די הערלעכע ריינקייט און גאַנצקייט פון דעם דאָזיקן זעלטן־באַגאַבטן מענטשן.

יצחק־נחמן שטיינבערג איז געבאָרן געוואָרן אין 1888 אין אַ פאַרמעגלעכער משפּחה, פון לומדישן יחוס. ער איז, אַגב, אַ פּלימע־ניק פון באַרימטן קריטיקער בעל־מחשבות. ער באַקומט אַ טיפע טראַדיציאָנעלע יידישע בילדונג. בעת שטיינבערג פאָרט אַוועק אין הײדעלבערג זיך לערנען יורי, שיקט זײַן פאָטער מיט אים זײַן גמרא־מלמד. און שטיינבערג קריגט טאַקע זײַן דאָקטאָר־טיטל אויפן סמך פון אַ דיסערטאַציע איבער אַ תלמודישער טעמע. שטיינבערג

שטודירט אויך גרינטלעך די אייגנאַרטיקע רעכט פון די אַמאָליקע רוסישע געמיינדעס. אַ הערלעכער רעדנער דערצו, וואַרט אויף שטיינבערגן אַ גרויסע אַדוואָקאַטישע קאַריערע, אָבער... ער וואַרפט זיך אַרײַן אין דער רעוואָלוציע. ער קעמפט אין די רייען פון די סאָ־ציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן. שטיינבערג געהערט צו די „יונגע" סאָ־ציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן, וואָס קעמפט פאַר דער לאָזונג „די גאַנצע מאַכט צו די סאָוועטן". אין דעצעמבער גייט שטיינבערגס פּאַרטיי אַרײַן אין אַ קאָאַליציע־רעגירונג, אונטער לענינס אָנפירונג. שטיינ־בערג ווערט יוסטיץ־קאָמיסאַר. דאָ לערנט שטיינבערג אַ ביטערע לעקציע — די באָלשעוויקעס רעדן פון דער „מאַכט פאַר די סאָוועטן", אָבער מיינען אין דער אמתן אַ דיקטאַטור פון זייער פּאַרטיי. שטיינ־בערג איז מיניסטער פאַר גערעכטיקייט, אָבער די „גערעכטיקייט" ווערט געטון הינטער די פּלייצעס פון אַנדערע. ער גייט איבער אַ נײַעס אַריבער אין דער אָפּאָזיציע. ער קעמפט, ווערט עטלעכע מאָל אײַנגעזעצט אין תּפיסה, און אין 1923 אַנטלויפט ער פון רוסלאַנד קוים מיטן לעבן. ער באַזעצט זיך אין בערלין, וווּ ער גיט זיך אָפּ מיט ליטעראַרישער אַרבעט, מיט גרויסן קינסטלערישן דערפאָלג. אַ דראַ־מע זײַנע געווינט פּאַר אים די ברעמענער פּרעמיע. ער פאַרלאָזט אָבער נישט זײַן סאָציאַליסטישע אַרבעט. אין אַ ריי ווערק זוכט ער זיך צו טיילן מיט זײַן סאָציאַליסטישער עקספּעריענץ. ער באַ־לויכט דעם וועג, ער וואָרנט. ער זעט פאָרויס די נאָענטע טרויעריקע געשעענישן מיט שטוינענדיקער נביאישער קלאָרקייט. אין 1926 הייבט ער אָן צו רעדאַגירן די וואָגיקע „פרײַע שריפטן", אַ במאת ווונדערלעכער זשורנאַל, וואָס איז געווען אַן עכטע טריבונע פאַרן פרײַען סאָציאַליסטישן געדאַנק.

אין 1933 דאַרף שטיינבערג עמיגרירן איבער אַ נײַס, ער באַ־זעצט זיך אין לאָנדאָן, וווּ ער גיט אַרויס אַ שטיק צײַט דאָס וואָכנ־בלאַט „דאָס פרײַע וואָרט". אין 1940 פאַרלאָזט ער נאָך אַ מאָל זײַן היים, און ער פאַרברענגט פיר יאָר צײַט אין אויסטראַליע, וווּ ער זוכט אויסצוווירקן אַ ווינקל פאַר אַ מקום־מנוחה פאַרן געפּײַניקטן ייִדישן פאָלק. אויף אויסטראַליע לויערט דעמאָלט די יאַפּאַנישע געפֿאַר, און שטיינבערגס רייד געפינען אָפענע אויערן. זײַן באַצווי־

בערנדיקע פערזענלעכקייט, זײַן פלאַמיק וואָרט טרעפט זיך אָן אויף ניט ווייניק מיטגעפיל, אָפט מאָל, אויף אַ באמת רירנדיקן אופן.

עס זענען נאָך פריש אין זכרון שטיינבערגס באַמיִונגען און זוכע־נישן און געוויסע דערפאָלגן אין סורינאַם. עס זענען נאָך אויך פריש אין זכרון די אָנפאַלן פון קעגנערס. פון אַזעלכע, וואָס האָבן אַליין געבלוטיקט פאַרן ייִדישן כלל (אָט די האָבן גערעדט אײַנגעהאַל־טענער, אָפט אַפילו מיט אָנערקענונג!), און פון אַזעלכע, וואָס האָבן קיין מאָל ניט געפּאָקט און ניט געמאָזלט, ניט געחלומט אַפילו פון ערומוואָגלען איבער טובת הכלל (די זענען, ווי דער שטייגער איז, געווען ביטערער!). סײַ ווי אָנערקענען אַלע די דאָזיקע אויסטער־לישע ייִדישע פערזענלעכקייט פון אונדזער דור, דעם געראָטענעם זון פון דער ייִדישער ליטע ע״ה.

אין אַרגענטינע לעבט נאָך פריש אין זכרון זײַן באַזוך בײַ אונדז אין יאָר 1951. זײַנע לעקציעס פלעגן באַזוכט ווערן פון מאַסן מענטשן, וואָס האָבן „געטרונקען״ די לויטערע חכמה פון זײַנע רייד. ווייניק אָבער האָבן פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ העראָישע אָנשטרענגונג ער האָט דעמאָלט געמאַכט אויף צו באַקענען זיך גרינטלעך מיט אונדז־זער לעבן. דער דעמאָלט שוין שווער־קראַנקער מענטש האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר די שווערסטע רײַזעס, און ער איז אויסגע־פאָרן איבער אַלע קאָלאָניעס, פון מאָזעסוויל ביז ריאָ־נעגראָ.

זײַן טיפער אינטערעס פאַרן אַרגענטינער ישוב איז ניט אָפּגע־שוואַכט געוואָרן ביז די לעצטע מאָמענטן פון זײַן לעבן.

דער אַרגענטינער ישוב וועט נאָך אויך לאַנג דערמאָנען זיך אָן ד״ר שטיינבערגן, וואָס איז געווען פון יענע זעלטענע געסט, וואָס קומען ניט „מיט אַ רידל אַרויסצוגראָבן״ עפּעס פאַר זיך, צי ניט פאַר זיך — נאָר מיט טיפער ליבע, מיט ברידערלעכער נײַגעריקייט, מיטן פאַרלאַנג צו מוטיקן און צו דערהייבן.

יאַנואַר 1957

די זוכער פון אמת

דעם שטוים צו גרינדן דעם „צענטער זוכער פון אמת" האָבן די יונגנטלעכע טוערס געקראָגן פונעם שאָק נאָך זייער נעענטערער באַ־געגעניש מיט די עלטערע חברים: די יינגלעך האָט, משמעות, שטאַרק געוווּנדערט אָן אויגנשיינלעכע סתירה — די דאָגמאַטישקייט פון די מכלומרשטע פריידענקערס, וואָס האָבן ווייניק פאַרשטאַנען, און ניט געוווּנט שטאַרק געזוכט צו פאַרשטיין, די צילן, וואָס פאַר זיי האָבן זיי זיך געשלאָגן מיט אַזוי פיל מסירת־נפש. אין דער אמתן, האָבן זיי מער געגלייבט אין באַשטימטע לערערס, ווי פאַרשטאַנען זיי. אין אָט דעם האָבן דאָס רוב אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן (פון די איצ־טיקע באָלשעוויקעס — שוין אָפּגערעדט!) אויסגעזען ווי יענער אָרע־מער ישובניק, וואָס דער גלח האָט אים איבערגערעדט צום שמד כדי צו פאַרבעסערן זיין מזל. ווען אָבער דעם ישובניקס מערכה האָט זיך, נאָכן שמד, אויך ניט פאַרבעסערט, האָט אים איין מאָל זיין ווייב אויסגערעדט: — „דו האָסט גאָרניט אויסגעפירט מיטן שמדן זיך — פריִער האָט דיר געפעלט אויף אַ שבת, און איצט פעלט דיר אויף זונטיק!" עס איז, אין דער אמתן, ניטאָ קיין פראַגרעס אין דעם, וואָס עמעצער בייט איבער זיין גלויבן אין גערער רבין און אין דער תורה, וואָס ער פאַרשטייט ניט — אויפן גלויבן אין לענינען און אין דער מאַרקסיסטישער טעאָלאָגיע, וואָס ער פאַרשטייט ווידער ניט. צי אַפילו, אַז ער בייט אויס אויפן גלויבן אין קראָפּאָטקינען און באַקו־נינען — ווי באַלד אַז ער פאַרשטייט זיי ניט, און ער גייט צו צו זיי אומקריטיש — האָט ער אויך גאָרניט דערגרייכט. און פון בייטן דאָס טעגלעכע דאַווענען אויפן טעגלעכן איבערקרייען און איבער־מעלה־גרהן די ניט פאַרדייטע (און ניט פאַרדייַלעכע!) סלאָגאַנס —

ווערט דער מענטש אוודאי ניט איבערגעביטן צום בעסערן — גיכער צום ערגערן!

צווייטנס האָט די יינגלעך שאַקירט די נישקשהדיקע לוסט צו מאַכט און די היפּשע אומטאָלעראַנץ, וואָס די עלטערע חברים האָבן אַרויסגעוויזן לגבי זיי. אין דעם זענען די דעמאָלטיקע טוערס פון דער גרופּע „אַרבעטער־פריינד" באמת געשטאַנען הינטערשטעליק לגבי זייער אידעאַל.

די פּאָר יינגלעך, וואָס האָבן שוין באַוויזן איבערצולייענען און צו פאַרדייען עטלעכע אַנאַרכיסטישע ביכער, צווישן זיי פּעליקס האַלענדערס „זוכער פון אמת", פון וואַנען זיי האָבן אויסגעבאָרגט דעם נאָמען, האָבן טאַקע נאָך ניט געוואָלט זיך אָנרופן אַנאַרכיסטן: זיי האָבן פריער געוואָלט דערלערנען און פאַרשטיין די פאַרשיידענע סאָציאַלע אידייען. „זוכער פון אמת" איז טאַקע געווען דערפאַר אַ צענטער „פאַר סאָציאַלע שטודיען" און ניט קיין ספּעציפישע גרופּע.

די ערשטע פּראַקטישע אַרבעט פון די „זוכער פון אמת" איז געווען אַן אומאָפּהענגיקע קינאָ־אונטערנעמונג פאַר דעם לאָנדאָנער „אַרבעטער־פריינד". דעם פּראָדוקט פון דעם בענעפיט איז איבער־געשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן, באַגלייט מיט אַ בריוו, וואָס איז, ווייזט אויס, געווען... אַ גאַנצער עסיי (עפּעס אַזוי אַ שרייבט מען צו ראָקערן?) מיר זאָגן עס, מחמת ראָקער האָט יענע בריוו פאַרעפנט־לעכט אין „אַרבעטער פריינד" (אַרום אָנהייב 1915). חברה האָט זיך דערפון גענומען פילן נאָך ערנסטער — מע האָט באַשטעלט אַ שטעמפּל, אָפּגעדרוקט פּאַפּיר און קאָנווערטן, און לאַנגזאַם, מיט גרויס פאָרזיכטיקייט, גענומען צוציִען נאָך חברים.

אַלע שבת־צו־נאַכט פלעגט מען לייענען צוזאַמען און דיסקו־טירן. אָנגעהויבן האָט מען פון מילס „פרייהייט", אין מעריסאָנס איבערזעצונג. די פאַרלעזונגען פלעגן זיך אָנהייבן אַ זייגער 8 אין אָוונט, און די דיסקוסיעס פלעגן איבערגעריסן ווערן — ניט פאַרענ־דיקט חלילה — גאַנץ שפּעט. זייער אָפט פלעגט מען זיך פונאַנ־דערגיין שפּעט אין זונטיקדיקן פרימאָרגן שוין.

מע האָט אויך ניט פאַרלאָזט די פּראַקטישע אַרבעט. איינע פון די כאַראַקטעריסטישע אַרבעטן, און וואָס איז געווען באַזונדערס

צוגעפּאַסט צום גײַסט פון די „זוכער פון אמת", איז געװען דאָס פאַרשפּרײטן די ביכער פון דער „קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעל־שאַפט". דאָס איז געװען אַ ניו־יאָרקער ביכער־קלוב, געשאַפן אין 1912 צו קראָפּאָטקינס 70סטן געבוירנטאָג, װאָס האָט זיך פאַרגענו־מען אַרױסצוגעבן אין ייִדיש די קלאַסיקערס פון דער סאָציאַליסטי־שער ליטעראַטור.

די ק. ל. ג. האָט באַװיזן אַרױסצוגעבן קראָפּאָטקינס „מעמואַרן פון אַ רעװאָלוציאָנער", „פעלדער, פאַבריקן און װערק־שעפער", „קעגנזײַטיקע הילף" און „עטיק", פּרודאָנס „װאָס איז אײגנטום?", שטירנערס „דער אײנציקער און זײַן אײגנטום", באַקונינס אַ באַנד „שריפטן", לאַסאַלס אַ באַנד „שריפטן", מאַרקס „קאַפּיטאַל", ביט־רים און סידני װעבס „געשיכטע פון טרײד־יוניאָניזם".

דאָס איבערזעצן אין ייִדיש אַזעלכע ערנסטע װיסנשאַפטלעכע װערק איז געװען אַ װיכטיקער און פּיאָנערישער אױפטו אױך פאַרן לשון ייִדיש. אַן אױפטו איז אױך געװען די פאַרשײדנאַרטיקײט און ליבעראַלקײט פונעם אױסװאַל: פּרודאָן, מאַרקס, קראָפּאָטקין, לאַסאַל, שטירנער, װעב, באַקונין... אין דעם גופא האָט געשטעקט אַן אידײע און אַ לעקציע פון טאָלעראַנץ, פון פרײַען דענקען און פון עכטן, קריטישן פאָרשן!

די נשמה פון דער ק. ל. ג. איז געװען ד"ר י. א. מעריסאָן, װאָס איז געװען, חוץ עיקרדיקער איבערזעצער, אױך דער קאַסירער פון דער געזעלשאַפט. מעריסאָן טאַקע פלעגט כמעט תמיד ענטפערן אױף אונדזערע בריװ, און עס האָט זיך אַנטװיקלט אַ קאָרעספּאָנ־דענץ, װאָס איז אַריבער די געשעפטלעכע גרענעצן. מאָדנע, װאָס מעריסאָן — פאַרשרײַען פאַר אַ טרוקענעם מענטשן — האָט צו אונדז אַרױסגעװיזן אַ זײער װאַרעמע, פאָטערלעכע באַציִונג. מיר פלעגן אים שטעלן שאלות, און ער פלעגט ענטפערן. צום באַדױערן, זענען אַלע מעריסאָנס בריװ צו די „זוכער פון אמת" פאַרלאָרן גע־גאַנגען בעת דעם פאַסקודנעם קאַרנאַװאַל, מיט װעלכן די אָריגינאַ־זשעניסטישע רעגירונג האָט געזוכט צו פאַרהוילן איר רציחה איבער די שטרײַקערס פון װאַסענאַס פאַבריקן — די אַזױ גערופענע „יאַ־נואַר־װאָך". משפּחה האָט זיך דערשראָקן פאַרן געמײנעם מאַסקאַ־

ראַד און פאַרברענט יענעם אוצר, צוזאַמען מיט אַ גאַנצן, ווערטפולן אַרכיוו.

אַגב פלעגן אַלע אַנדערע אַרכיוון אויף אַזאַ אופן פאַרשווינדן. דאָס רוב פלעגט די פּאָליציי פאַרנעמען אַלץ, ביי איינער פון אירע אָפטע רעוויזיעס, און אַלץ פאַרטאַכלעווען. אַזעלכע פאַרלוסטן, ווי די וואָס די סאָציאַליסטישע פאַרטיי האָט געליטן ביי דער שריפה פון פאָלקס-הויז, זענען פאַר אַנאַרכיסטן געווען אַ וואָכעדיקע גע־שעעניש. פאַרן היסטאָריקער זענען געבליבן זייער ווייניק דאָקו־מענטן וועגן דער באמת גראַנדיעזער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אַרגענטינע.

אַן אינטערעסאַנטער פּרוּוו איז געווען דאָס גרינדן די „יִדישע פרייַע ביבליאָטעק", וואָס די „זוכער פון אמת" האָבן אונטערגענו־מען בשותפות מיט דער „גרופּע אַרבעטער פרייַנד". די שותפים האָבן אָבער חרטה געקראָגן, עטלעכע טעג איידער די ביבליאָטעק האָט געזאָלט געעפנט ווערן. מע האָט קיין קלאָרע מאָטיוון ניט אַנגעגעבן, אָבער פאַרשטאַנען האָבן מיר, אַז די עלטערע גרופּע האָט געהאַט ספקות וועגן דער געגנאָסנשאַפטלעכער אָרטאָדאָקסישקייט פון די „זוכער פון אמת". די יונגע האָבן געהאַט צו פיל אָפּנויגן פון „דרך-הישר", דער עיקר, אויפן נאַציאָנאַלן באָדן. אָבער די עלטערע חברים האָבן בכלל ניט געהאַלטן פון אונדזערע קולטוריסטישע פאַנ־טאַזיעס, וואָס מיר האָבן — פון זייער קוק-ווינקל אַרום — נאָר אָפּגעפירט פון ריכטיקן רעוואָלוציאָנערן וועג. דער ריכטיקער וועג איז געווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואָס זי אַליין וועט שוין פאַרענט־פערן אַלע קשיות. עס איז אין דער אמתן ניט געווען קיין ממשות־דיקער חילוק צווישן דעם יִדישן גלויבן אין משיחן און דעם דעמאָל־טיקן גלויבן און בטחון אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

מסתמא, איז געווען אַ פּראָזאַישער מאָטיוו אויך, פאַר וואָס די עלטערע „גרופּע אַרבעטער פרייַנד" האָט חרטה געקראָגן אויפן עסק — מיר האָבן זיי דעמאָלט חושד געווען אין אייַפערזוכט: אין משך פון דער פאַרצויגענער קאָאָפּעראַטיווער טעטיקייט, האָבן זיי זיך צוגעוווינט פאַוואָליע צו אומקאָנדיציאָנעלע באַלעבאַטישקייט איבער

דער באַוועגונג. דאָס איז, אַגב, די אומפּאַרמײַדלעכסטע — און גע־פּערלעכסטע! — קרענק פון אַלע אונטערגרונט־באַוועגונגען.

די „זוכער פון אמת" האָבן דער עלטערער גרופּע אָפּגעגעבן אַלע געזאַמלטע ביכער, און געבליבן בלויז מיט אַ דרײַ צענדליק בי־כער, וואָס די „זוכער פון אמת" האָבן, פּערזענלעך, בײַגעטראָגן. די עטלעכע הונדערט ביכער, וואָס די אַלטע גרופּע האָט פאַרנומען, האָט זי געהאַלטן אין קאַסטנס. ערשט אין אַ צוויי־דרײַ יאָר אַרום האָבן זיי די ביכער איבערגעגעבן אין דער ביבליאָטעק פון דער „ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט".

אָבער די אידייע פון דעם מין ביבליאָטעק, וואָס מיר האָבן פאַר־געלייגט, האָט זיך אָנגענומען. טאַקע אין דעם זעלביקן יאָר, 1915, איז געגרינדעט געוואָרן, דורך אַנאַרכיסטישע סימפּאַטיזירערס, די „ייִדישע פרײַע ביבליאָטעק דוד עדעלשטאַט" (וואָס איז שפּעטער, אין 1926, פאַרכאַפּט און פאַרטאַכלעוועט געוואָרן פון די „לינקע פּועלי־ציון"). אין אָנהייב 1916 איז אויך געגרינדעט געוואָרן די „ייִדיש־שפּרעכנדע אָפּטיילונג פון דער ליגע פאַר ראַציאָנעלער דער־ציִונג" — טאַקע די וואָס האָט זיך, דעם 13טן סעפּטעמבער 1916, צוזאַמענגעגאָסן מיט די „זוכער פון אמת" און געשאַפן די איצטיקע „ייִדישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט".

יאַנואַר 1957

ד״ר יצחק־נחמן שטיינבערג*

I

אין אונדזער דור הערט מען גאַנץ אָפט זיך קלאָגן אויפן פעלן פון פערזענלעכקייטן. עס וואָלט אויסגעקומען, אַז דער גורל האָט באַעוולט אונדזער תקופה, געגעבן איר צו ווייניק, אָדער גאָרניט, פון יענעם גאַנצן מין מענטש, וואָס אין זײַן שײַן רוט אָפּ דאָס אויג; וואָס אָן זײַן פעסטקייט קען מען זיך אָנשפּאַרן, ווען די קני הייבן אָן צו ציטערן; וואָס שטרעקט אויס אַ האַנט אין מאָמענט פון צעמי־שעניש; וואָס ווײַזט אָן אויף אַן אינדזל פון דערהויבנקייט, ווען מע טרינקט זיך אין אַ ים פון קליינלעכקייט; וואָס גיט אײַך אַ מוסטער פון שלימות, בעת איר האַלט בײַם פאַרלירן אײַער גלויבן אין מענטשן.

און אָט ווערט איר אויפגעטרייסלט פון אַ פּלוצעמדיקער ידיעה וועגן טויט פון אַ מענטשן, און איר כאַפּט זיך, אַז איר דאַרפט גאָר איבערדרייען די טענה — נישט קיין שיינע פערזענלעכקייטן פעלן אונדזער דור, נאָר עס פעלט גאָר אַ דור פאַר די שיינע פערזענלעכ־קייטן! איך ווייס ניט, צי איינער פון די, וואָס פאָרשן די מאַסן־פּסי־כאָלאָגיע פון אונדזער תקופה, האָט זיך געשטעלט די פראַגע, און — אויב ער האָט זיך די פראַגע געשטעלט — צי האָט ער אויסגעפונען אַ צופרידנשטעלנדיקן ענטפער, פאַר וואָס אונדזער תקופה האָט אַרויסגעהויבן פאַר פאָנען־טרעגערס (אָפטער נאָך, אין גאַנצן פאַר פענער!) דווקא פאַלשע נביאים: קליינגײַסטיקע, אומאויפריכטיקע, מאַכט־גיריקע, תאווהדיקע, אוממאָראַלישע שונד־מענטשן. איר האָט

* געלייענט אויפן הספד־אָוונט אין קהילה־זאַל, דעם 17טן יאַנואַר 1957.

דעם אײַנדרוק, אַז אונדזער דור װאָלט לגמרי ניט דערזען קײן משה רבנו, און װאָלט נאָר אַרױסגעהױבן מנוװולים: עס גלוסט זיך ניט אָנצורופֿן קײן רעאַלע נעמען, מחמת זײ װאָלטן געװוען צו שענדלעך פֿאַר דער געלעגנהײט.

מיר האָבן שױן געפּרוּװט מלמד-זכות זײַן אויף אונדזער תקופה: עס איז פֿאַראַן אין איר אײן זיכער פּאָזיטיװער שטריך, װאָס אין איר הײבן זיך אַרויף צו דער שײַן פֿון דער זון אַלץ נײַע שיכטן מענטשן, נײַע קלאַסן און נײַע פֿעלקער, װאָס זענען ביז איצט געלעגן פֿאַרגראָבן אין טיפֿער פֿינצטערניש. איז גוט — פֿאַרשטײען מיר, פֿאַר װאָס אָט די פֿאַרגרעבטע, פֿאַרפֿינצטערטע שיכטן מענטשן װילן אױס — דערװײַל, גלוסט זיך צו גלײבן — דווקא שמ"רן אָנשטאָט שעקספּירן. בלײַבט אָבער אַלץ ניט פֿאַרענטפֿערט די שאלה, פֿאַר װאָס אויך די אינטעלעקטועלע כוחות פֿון אונדזער צײַט װאָגן ניט צו האַלטן גלײַך די קני, װען די עבודה-זרה גײט פֿאַרבײַ זײ. עס איז אונדז שװער צו באַנעמען, פֿאַר װאָס די מענטשן, װאָס האָבן געװאָגט צו פֿאַרװאַרפֿן אַלע אײַנגעשטעלטע קונסט-פֿאָרמען, אָדער צו שטעלן אויפֿן פּרוּװשטײן די גאַנצע געירשנטע װיסנשאַפֿט — פֿאַר װאָס פֿעלט זײ דער קוראַזש אָפּצוזאָגן זיך פֿון דער דערנידערנדיקער נדבה פֿונעם פֿאַלשן משיח, װאָס האָט גאָרניט און דערפֿאַר קאָסט אים גאָרניט צוצוזאָגן אַלעמען אײביקע קעסט אויף בײדע װעלטן.

װאָרעם דער ערשטער סימן פֿון אַן עכטן פֿרײַנד איז טאַקע דאָס, װאָס ער גיט אײַך ניט קײן נדבות, נאָר ער װעקט אין אײַך דווקא אײַערע אײגענע כוחות, און ער זוכט אײַך צו שטעלן דווקא אויף אײַערע אײגענע פֿיס. דעם עכטן לערער װעט קײן מאָל ניט אײַנפֿאַלן צו זוכן, אַז עמעצער זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון זעלבשטענדיקן דענקען און פֿון זעלבשטענדיקן װילן.

ד"ר יצחק-נחמן שטײנבערג, װאָס זײַן פּריציײַטיקן טויט באַ-װײנען מיר איצט, האָט זיכער געהאַט אַלע מעלות פֿון אַ לײַכטנדי-קער, דערהײבנדיקער, דערמוטיקנדיקער און אָנרעגנדיקער פּערזענ-לעכקײט: ער האָט פֿאַרמאָגט אַ גרױס האַרץ צוזאַמען מיט אַ גרױסן מוח, אַ פֿעלדזן-פֿעסטן װילן און אַ פֿעלדזן-פֿעסטן גלױבן אין אַן אוני-װערסאַלן אידעאַל, ברײטע האָריזאָנטן, אַ װײַטן און דורכדרינגענ-

דיקן קוק, הערויִשן מוט, ליבע צו דער מענטשהייט בכלל און צו איטלעכן מענטשן באַזונדער, אַ קוואַליקן און מעכטיקן טאַלאַנט, נאָבעלע אויסדרוק-מיטלען, אַפילו פיזישע אימפּרעסיאָנירנדיקע שיינקייט און חן... עס בלײַבט דאָס בילד פון אַ הערלעכן מוסטער פון אַ גרויסן מענטשן, אַ גרויסן סאָציאַליסט און אַ גרויסן ייִדן, וואָס צוקונפטיקע דורות וועלן זיך שפּיגלען אין אים.

עס בלײַבט אָבער אויך פאַר דער צוקונפט די גאַרניט איינפאַכע פּראָבלעם אויפצוקלערן, פאַר וואָס אונדזער דור האָט בלויז טיילווײַז אויסגענוצט אָט דעם גרויסן און נאָבעלן כּוח!

II

פאַראַן פאַקטן וועגן יצחק-נחמן שטיינבערגס משפּחה און וועגן זײַן דערציִונג, וואָס העלפן אויפצוקלערן די אויסגעשטאַלטונג פון דער ניסימדיק-וווּנדערלעכער האַרמאָניע פון אָט דער נאָבעלער פּערזענלעכקייט. י. נ. שטיינבערגס מוטער האָט געשטאַמט פון אַ לומדיש-מיוחסדיקער קאָוונער משפּחה; זי איז געווען אַ שוועסטער פון בעל-מחשבות. דער פאָטער איז געווען אַ ווילנער משכּיל, אַ מושלם. שטיינבערג האָט זיך בכן דערצויגן אין אַ סביבה, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט תּורה און מעשׂים-טובֿים. ער האָט ממש געאָטעמט מיט לומדות פון קינדווײַז אויף, אָבער ער האָט פאַרשפּאַרט דעם קאַמף אויף צו קריגן אַ מאָדערנע בילדונג. ער האָט אויך אויסגעמיטן די באַקאַנטע וויטיקלעכע עקספּעריענץ, וואָס זײַן באַרימטער פעטער האָט דורכגעמאַכט אין דער ישיבֿה פון די מוסרניקעס. שטיינבערג האָט געהאַט פאַר זיך, פון קינדווײַז אויף, אַ מוסטער פון נשמה-גאַנצקייט אין זײַן משפּחה. אינטערעסאַנט איז, למשל, אַזאַ פאַקט: בעת יצחק-נחמן און זײַן ברודער אהרן — אים צו לאַנגע יאָר! — האָבן געדאַרפט אַרײַנגיין אין גימנאַזיע, האָט זייער מוטער זיך געווענדט צו אַלע מיטלשולן אין דער אומגעבונג און געבעטן אַ דערלויבעניש, אַז אירע קינדער זאָלן ניט שרײַבן אום שבת. בלויז איין דירעקטאָר פון אַ גימנאַזיע אין אַ קורלענדישן שטעטל איז באַשטאַנען אויף דעם. האָבן די עלטערן ליקווידירט זייער גוט-גייענ-

דיקע פּרנסה אין דווינסק און זיך אַריבערגעצויגן אין יענעם שטעטל, הגם מע האָט דאָרטן ניט געקענט דערוואַרטן קיין גלענצנדיקע געשעפטן. מע איז, וואָס אַן אמת, געווינט צו זען, ווי עלטערן (ניט אַלע, פאַרשטייט זיך!) מאַכן ענלעכע אָנשטרענגונגען פאַר זייערע קינדער. מע זעט אַזעלכע זאַכן — אין אונדזער נײַער סביבה אויך — אָבער ס׳רוב מאַכט מען אַזעלכע אָנשטרענגונגען צוליב דעם מאַטעריעלן ווױלזײַן פון די קינדער: צוליב קאַריערע אַ שטייגער. מע באַגעגנט ניט אַזוי אָפט — אין נײַע סביבות אוודאי ניט! — אַזעלכע קרבנות צוליב מאָראַלישן וווּל פון די קינדער.

אַ צווייטן בײַשפּיל פון אַזאַ קרבנות-גרייטקייט — אַזאַ בײַשפּיל, וואָס דאָ זעען מיר כסדר, אַז מע טוט עס ניט — ווײַזן אַרוּם שטיינבערגס עלטערן, בעת די קינדער דאַרפן אַריבערפאָרן קיין הײַדעלבערג אויף פאַרצוזעצן זייער אוניווערסיטעטישע בילדונג: די ניט צו-רײַכע משפּחה שיקט מיט דעם גמרא-מלמד מיט די קינדער, כדי זיי זאָלן נישט פאַרלאָזן די תורה.

פאַראַן נאָך אַ בײַשפּיל, שוין פון די ערשטע יאָרן נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט-שטודיום: די עלטערן האָבן געהאַט, ווי עס פאַרשטייט זיך, ניט ווייניק זאָרג און הוצאות, ביז שטיינבערג האָט פאַרענדיקט זײַן שטודיום אין אויסלאַנד, רעוואַלידירט זײַן דיפּלאָם אין רוסלאַנד און, לסוף, אײַנגעשטעלט זײַן אַדוואָקאַטיש ביוראָ אין מאָסקווע. ווען שטיינבערגס ביוראָ האָט זיך אָבער גענומען ערשט גוט פונאַנדעראַרבעטן, האָט אים זײַן פּאַרטיי פאָרגעשלאָגן אַריבערצופאָרן אין אַ פּאַרוואָרפענער שטאָט אין די אוראַלן, רעדאַקטירן דאָרטן אַ צײַטונג און צוגרייטן זײַן קאַנדידאַטור אין דער דומע אַרײַן. שטיינבערג האָט געהאַלטן פאַר יושרדיק זיך צו באַראָטן מיט די עלטערן, וואָס האָבן אים געענטפערט: „אויב ער זעט, אַז אַזוי וועט ער אַ מאָל עפּעס קענען טאָן אַ טובה ייִדן, זאָל ער עס טאָן". שטיינבערג איז בכן שולדיק געווען דער משפּחה ניט נאָר פאַר דער קולטור-אָנגעלאָדענער סביבה, — ער איז איר שולדיק געווען אויך אַ בײַשפּיל פון נשמה-גאַנצקייט!

אָבער שטיינבערגס עלטערן וואָלטן געמוזט צוגעבן, אַז זייער זון האָט, אויף זײַן אופן און אויף זײַן אייגענעם וועג, ביז דער לעצ-

טער מינוט פון זײַן הערלעכן לעבן ניט אָפּגעטראָטן פון יענער גראָד־ליניקייט, פון יענער װוּנדערלעכער תמימות, װאָס ער האָט אײַנגע־זאַפּט אין זײַן היים.

װאָרעם װי באַװוּנדערונגס־װערטיק עס זאָלן ניט זײַן שטײנ־בערגס גרױסע טאַלאַנטן װי אַ שרײַבער, װי אַ רעדנער, װי אַ װעג־װײַזער — איז דאָס גרעסטע און זעלטנסטע קונסטװערק שטײנבערגס זײַן אײגן לעבן! מיר װערן פאַרגאַפט פון דער פאַרשײדנאַרטיקײט און קאָמפּליצירטקײט פון די פּײזאַזשן, אין װעלכע שטײנבערגס לעבן האָט זיך אױסגעװיקלט! עס קומט אױס, װי דער זעלביקער שטן װאָס האָט אױסגעפּרוּװט איובן, האָט דאָס מאָל זיך אַלײן איבערגע־שטיגן מיט די נסיונות, װאָס ער האָט אױסגעלײגט אױפן װעג פון אָט דעם געטלעכן מײַסטערװערק: מאָסקװע 1906, 1917 און 1923! בערלין 1932! לאָנדאָן, אױסטראַליע, ניו־יאָרק! רײַכקײט, טאַלאַנט, שײנקײט, גליק, מאַכט, רום, אָרעמקײט, תפיסות, אומגליק, קרענק, איזאָלאַציע, פּײַנטלעכקײט פון דער סביבה... און אומעטום, אין אַלע אומשטאַנדן דער זעלביקער שײַנענדיקער און האַרציקער און גאַנ־צער, ניט־געבױגענער שטײנבערג!

III

מיר האַלטן פאַר נײטיק אָנצוװײַזן אױף אָן עיקרדיקן שטריך אין שטײנבערגס פּערזענלעכקײט — װײַל עס גײט דאָ ממש אין אַ שליסל, װאָס אָן אים איז ניט מעגלעך צו פאַרשטײן געװיסע שטע־לונגען זײַנע. אונדזער דור איז פּאַמעלעך, פּאַװאָלינקע אַרױף, מיט אַלע זײַנע װעגענער אױף דעם אױסגעפּאָרעטעם װעג פון דעם מכלור־מרשטן „רעאַליסטישן" מענטשן. די אַלע װילדע גריבער און אָפּ־גרונטן, װאָס געפינען זיך אױף אָט דעם דרך־המלך, און װאָס די מענטשהײט האַלט אין אײן געניזוקט װערן דורך זײ — האַלטן די מענטשן ניט אָפּ פון לאָזן זיך אױף אָט דער „ליניע פון קלענסטן װי־דערשטאַנד". די עקשנות פון דער מענטשהײט צו שפּאַרן זיך דװקא אין אָט דער סכנותדיקער ריכטונג, דערמאָנט צײַטנװײַז אָן דעם אינסטינקטיװן טריב, װאָס טרײַבט אַ געװיסע חיהלע אין נאָרװעגן

צו לאָזן זיך אין געוויסע פּעריאָדן מחנותווײַז אין איין פּאַטאַלער ריכטונג צו, ביז זיי דערגייען צום ים, ווו זיי ווערן דערטרונקען.

דווקא די, וואָס האָבן די מעגלעכקייטן מער צו פּאַרטומלען די וועלט מיט זייער מכלומרשטן עקסטרעמיזם און וועלט-רעטעריש-קייט — זיי גיבן גראָד דעם גרעבסטן בײַשפּיל פון קריכערישקייט, אָפּאָרטוניזם, פּשרות מיט טײַוואָלים, שקר, מאָרד, און אַלע אַנדערע מידות פון אַ דור-המבול.

מען האָט שוין פאַרגעסן יענעם דערהויבענעם שווונג פונעם יונגן סאָציאַליזם וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן איבערצובויען די מענטש-הייט דורך אַ מעכטיקן פּלי אין דער וועלט פון ריינעם יושר, פון אמת און שיינקייט.

יצחק-נחמן שטיינבערג האָט אָבער ניט פאַרגעסן דעם ריכטיקן טײַטש פון דעם וואָרט „סאָציאַליזם", און ער האָט אויפגעהאַלטן אין זײַן נשמה דעם גאַנצן שווונג וואָס דער סאָציאַליזם האָט געהאַט, איידער דעם שטן איז געלונגען צו פאַרשוועכן און צו פאַרביליקן אָט דאָס וואָרט, וואָס האָט באַטײַט די העכסטע האָפענונג פון דער מענטשהייט.

יצחק-נחמן שטיינבערג האָט אָנגעהויבן זײַן רעוואָלוציאָנערע קאַ-ריערע אין דער פּאַרטיי פון די יונגע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זיך אויך גערופן מאַקסימאַליסטן, און ער איז געבליבן אַ מאַקסימאַליסט אויף זײַן גאַנצן לעבן!

דער שלעכטער שם, וואָס איז איבערגעבליבן אויף „אָקטיאַבר", צוליב זײַן קשר מיט באָלשעוויזם, האָט שטיינבערגן געאַרט דאָס גאַנצע לעבן, און ער האָט זיך כסדר באַמיט צונישט צו מאַכן דעם פּרימיטיוון קשר: לאָזן „אָקטיאַבר" (דער סימבאָל פון מאַקסימאַליזם) בולט אָפּגעטיילט פון זײַן שותף און פאַרגוואַלטיקער. די העראָישע זיידעס זײַנען, מקובלים אפשר, האָבן זיך אַזוי מקריב געווען אָפּצו-טיילן די קדושה פון דער טומאה! דאָס לעצטע בוך זײַנס איז געווען „אין וואַרשטאַט פון דער רעוואָלוציע" (דערשינען אין ענגליש, אַ שפּאַנישע אויסגאַבע ווערט צוגעגרייט אין בוענאָס-אײַרעס) איז גע-ווען אַ רעזומירטע און פאַרשטאַרקטע שלאַכט אויפן זעלביקן באָדן.

שטיינבערג איז געבליבן ביזן לעצטן אָטעם זײַנעם דער מאמין

מיט יוגנטלעכן ברען אינעם ריינעם, מאַקסימאַליסטישן סאָציאַליזם, וואָס איז פאַר אים געווען די איינציקע האָפענונג פאַר דער וועלט.

אַ מאַקסימאַליסט איז ער געווען אויך אין זײַן פּערזענלעכער אויפפירונג, פון די ערשטע יונגע יאָרן זײַנע און ביז זײַן לעצטן אָטעם-צוג — ער איז ניט אָפּגעטראָטן פון זײַן שולחן-ערוך, ניט אין זײַנע פּערזענלעכע באַציִונגען און ניט אין זײַנע עפנטלעכע: ער איז באַשטאַנען אויף מאָראַל אין דער פּאָליטיק! קיין שום ווינטן האָבן אים פון אָט דעם וועג ניט גערירט!

אַפילו ווען דער ניו-יאָרקער יִיוואָ האָט פאַר אַ יאָרן געמאַכט קאָנצעסיעס בנוגע יִדיש, איז שטיינבערג אַרויס מיט אַ שאַרפער פאָדערונג פון מאַקסימאַליזם: ער האָט געבראַכט פאַר אַ בײַשפּיל די ליובאַוויטשער און אַנדערע אָרטאָדאָקסישע קרײַזן, וואָס, צוליב זייער מאַקסימאַליסטישער אײַנשטעלונג, האָבן זיי באַוויזן אויסצו־פירן אין ניו-יאָרק דאָס זעלביקע, וואָס זייערע טאַטעס האָבן באַוויזן אין מזרח-אייראָפּע.

און אַ מאַקסימאַליסט איז ער אויך געווען אין זײַן שטעלונג בנוגע ישראל לעמים — ער האָט חלילה ניט געהאַט איין מאָראַל פאַר זיך, איינע פאַר זײַן פּאַרטיי, איינע פאַר דער וועלט, און אַן אַנדערע פאַר זײַן פאָלק.

איך פאַרשטיי אויסגעצייכנט גוט די יִדן, וואָס האָבן ניט גע־קענט נאָכגיין שטיינבערגן אין זײַן מאַקסימאַליזם, אין זײַן אַבסאָלו־טער פּשרהלאָזיקייט, אין זײַן אָפּוואַרפן יעדן געדאַנק וועגן אַ מאָ־ראַטאָריע פון געוויסן. פּונקט ווי איך פאַרשטיי פאַר וואָס די גרויסע מאַסן פון הײַנטיקן טאָג קענען ניט באַנעמען דעם ריינעם סאָציאַליזם. עס איז מיר אַליין, לאָמיר זיך מודה זײַן, ניט מעגלעך געווען אַלע מאָל נאָכצוגיין שטיינבערגן אין זײַן אומקאָמפּראָמיסלעכן וועג — אָבער דאָס דאַרף זײַן דערפאַר, פאַרשטיי איך, וואָס מיר האָבן זיך, אין אונדזער פּערזענלעכן לעבן, צוגעוויינט צו מאַכן מאָראַטאָריעס און פּשרות און פאַרשיידענע פאַרלײַכטערונגען צוליב „הפסד מרובה", וכד'.

עס איז אָבער ניטאָ וואָס צו רעדן פון סתירות בײַ שטיינבערגן — די סתירות זענען בײַ אונדז גופא, ניט בײַ אים. ניט שטיינבערג

איז שולדיק אין דעם, וואָס מיר קענען אים ניט נאָכגיין. און בײַ אַ פרומען ייִדן וואָלט אָט דער פאַקט פון ניט קענען נאָכגיין דעם גאַנצן מענטשן געווען אַ מאָטיוו פאַר הרהורי תשובה.

סײַ ווי, קענען בלויז זייער פלאַכע מענטשן ניט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גליק עס איז פאַר דער נשמה פון דער אומה, וואָס אין צײַטן פון נסיון האָבן זיך דאָך געפונען שטיינבערגס, וואָס האָבן די פאָן פון פאָלקס עטיק ניט אַראָפּגעבויגן.

IV

ייִדן, וואָס דאַווענען, בעטן אַלע טאָג, אַז מען זאָל זיי ניט ברענגען צו קיין נסיון. אַוודאי ציטערן מיר אויף בײַם געדאַנק נאָר פון די ביטער-שווערע נסיונות, וואָס שטיינבערג איז אויסגעשטאַנען.

עס איז אַ זינד מסתמא, אַלנפאַלס איז עס ניט עלעגאַנט, צו ווינטשן זיך שטיינבערגס טאַלאַנט — עפּעס וואָס די נאַטור גיט בלויז איינעם פון מיליאָנען.

זײַן גאַנצן, זײַן יונגנטלעכן גלויבן מעג מען אַוודאי מקנא זײַן! און די וווּנדערלעכע שיינקייט פון אַלטרויִסטישן לעבן! און זײַן הע־ראָיִשע אויסגעהאַלטנקייט! ער האָט אומגעקערט זײַן נשמה צו זײַן באַשעפער אַזוי ריין, אַזוי ציכטיק — ווי בלויז גבורהדיקע צדיקים קענען עס באַוויַיזן!

זײַן לעבן בלײַבט אונדז איבער ווי אַ הערלעכער מוסטער, ווי אַ לעגענדאַריש-שיינער משל פאַר דורות און דורות!

פעברואַר 1957

אַנגריף אויף דער יידישער דערציִונג

ווען רוסלאַנד האָט, אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, אינוואַדירט פינלאַנד, האָבן געוויסע ענגלישע קרײַזן געפֿאָדערט בײַ טשוירטשילן, אַז ער זאָל דערקלערן קריג רוסלאַנד. ווי מע האָט דעמאָלט גערעדט, זאָל טשוירטשיל האָבן געענטפֿערט אַזוי: „איין מלחמה פֿאַר איין מאָל איז גענוג!״.

ווײַזט אויס, אַז אין די ישׂראלישע אָפֿיציעלע קרײַזן טראַכט מען אַנדערש — דאָרטן פֿירט מען צוויי מלחמות פֿאַר איין מאָל: איינע, מיט די שכנישע מדינות; די צווייטע, אין די יידישע תּפֿוצות, צו פֿאַרוואַנדלען זיי אין קאָלאָניעס פֿון דער „אימפּעריע״. ס'איז ניט די צײַט איצט מאריך צו זײַן, פֿאַר וואָס די אימפּעריאַליסטן ווילן צע־שטערן די אומאָפּהענגיקייט פֿון די קאָלאָניעס — עס איז ווי בײַ אַלע אימפּעריאַליזמען: פֿאַראַן פּשוטע מאַטעריעלע טעמים — דער פֿאַרלאַנג צו ווערן דער בעל-דעה איבער די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָנדן פֿון די תּפֿוצות און איבער די רעסאָרטן, וואָס שאַפֿן אָט די פֿאָנדן. עס איז פֿאַראַן דער פֿאַרלאַנג צו אָנפֿירן מיט דער עפֿנטלעכער מיי־נונג פֿון די תּפֿוצות כּדי צו לענקען זי אין דער ריכטונג פֿון די ישׂראלישע מלוכה-אינטערעסן, אָפֿילו פֿון די אינטערעסן פֿון דער ישׂראלישער רעגירונג-פּאַרטיי, אָדער רעגירונג-פּאַרטייען. דערבײַ דאַרף ניט אונטערגעשאַצט ווערן די חומרדיקע לעכצונג צו פֿאַר־פּילפּאַכן די מאַכט. בפֿרט, אַז די דעמאָקראַטישע רעגירערס אין ישׂראל זענען בעלנים אויף אויטאָקראַטישער הערשאַפֿט אין די תּפֿו־צות. פֿאַקטיש, איז שוין אַ סך פֿון דעם פֿאַרווירקלעכט: אין ישׂראל גופֿא קריטיקירט מען די רעגירונג, מע צווינגט איר צו קעמפֿן פֿאַר איר פּערמאַנענץ, אָבער אין די תּפֿוצות איז שוין די קריטיק פֿון דער

ישראַלישער רעגירונג אַזוי גוט ווי אָפּגעשאַפט: מע וואָגט בײַ אונדז דאָ אַ סך ווייניקער צו רעדן אַ וואָרט קעגן אַ ישראַלישן רעגירער, ווי מע האָט געוואָגט אין צאַרישן רוסלאַנד צו רעדן קעגן סאַמאָ-דיערזשעץ! און אַפילו קעגן אַ פּינפּטראַנגיקן ציוניסטישן פונקציאָנאַר האָט מען שוין מורא מורד צו זײַן — קיינער בײַ אונדז וויל ניט ווערן קיין „שונא ישראל", אָדער גאָר — ווי אַ זשורנאַליסט האָט אונדז אָנוסטן געזאָגט — אַ פאַררעטער פון די זעלנער, וואָס שלאָגן זיך אין נגב.

די עקאָנאָמישע אינטערעסן און די מאַכט-אינטערעסן ווערן — ווי דאָס פּאַסירט, אַגב, מיט אַלע אימפּעריאַליזמען — געדעקט מיט אמתע און כלומרשטע אידעאַלן. דער עיקר, וויל מען שיצן די תפוצות קעגן סכנות. די ישראַלישע אָפיציעלע קרײַזן זענען מוראדיקע פּעסימיסטן וועגן דעם קיום פון די תפוצות און אין דער זעלביקער צײַט זענען זיי גרענעצלאָז פאַרגלויבט אין זייער אייגענעם שכל און אין זייערע פעיִקייטן צו ראַטעווען די תפוצות. מען דאַרף זיי נאָר לאָזן אָוועקזעצן אויבנאָן די „לאָרד-פּרעזידענטן" מיט די בייגעוודיקע פּאָליטישע רוקנס, וואָס זיי וועלן באַשטימען.

אין דער אמתן דאַרף מען, פאַרשטייט זיך, אָט דעם פּעסימיזם און אָט די פאַרגלויבטקייט איבערדרייען: די תפוצות וועלן לעבן — דאַרף מען האָבן בטחון — כל-זמן עס וועלן וואָך זײַן די פאַרשיידנערליי לעבעדיקע פאָלקס-כוחות; כל-זמן מען וועט ניט צוימען די יחידישע און מאַסן-איניציאַטיוועס אין פאָלקישן לעבן; כל-זמן די פאַרשיידענע קולטורעלע, געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע שטרעמונגען וועלן האָבן די פרײַהייט און דעם מעכטיקן דראַנג אויסצולעבן זיך אַזוי פולשטענדיק ווי מעגלעך.

אַ שלעכטער סימפּטאָם איז, ווען דער איניציאַטיוו-דראַנג פאַרשווינדט, ווען די פאַרשיידענע ניואַנסן אין געזעלשאַפטלעכן דענקען און פילן ווערן פאַרבלאַסט און „פאַראייניהייטלעכט", ווען דער פאַרלאַנג אויסצולעבן זיך אין פרײַהייט און אין אומאָפּהענגיקייט ווערט אָפּגעלאָשן, ווען מען איז גרייט צו לאָזן זיך פירן פון פרעמדע קעפּ, ווען מען ווערט פויל צו דענקען אַליין און מען ווערט אומגעדולדיק צו חילוקי-דעות.

עס וואָלט, למשל געווען ביטער, ווען אַלע זאָלן ווערן אַזוי גלײַכגילטיק צו זייערע אידייען און אידעאַלן וועגן דער ייִדישער דערציִונג, וואָס מען האָט זיך אַמאָליקע יאָרן אַזוי פאַרביטערט אַרומגעקריגט פאַר זיי — — — אַז מען וואָלט געווען מוכן ומזמון איבערצוגעבן אַלע ייִדישע שולן אין דער רעפּובליק אונטער דער „איינהייטלעכער", „צענטראַלער" אַנפירערשאַפט פון אַ מער אָדער ווייניקער כיטרען, אַ מער אָדער ווייניקער אינטריגאַנטישן סאַטראַפּ, וואָס פאָלגט אוים די אינסטרוקציעס פון אַ נאָענטער אָדער ווײַטער אינסטאַנץ — אַזאַ אינסטאַנץ, ווו ניט די בויערס פון די שולן, ניט די אויסהאַלטערס פון די שול־ביודזשעטן, ניט די לערערס האָבן די מינדסטע דעה.

ווען די אַרגענטיניש־ייִדישע געזעלשאַפט זאָל חלילה, ווי אַ געצוימטע הויז־חיה, וויליק אָנבייגן דעם קאָפּ אונטער אַזאַ יאָך — וואָלט עס געווען אַ סימן, אַז דאָס געזונט פון אונדזער געזעלשאַפט איז אין סכנה, אַז אונדזער ישוב ווערט גײַסטיק אײַנגעדאַרט. און אַפילו אויב אונדזער ישוב זאָל זײַן פריש און זאַפטיק און ער זאָל — טאַקע נאָר צוליב כעלעמער „לאָיאַלקייט צום זעלנער אין נגב" — קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אָט דעם קראַנקן בעט אַרײַן, וועט צוליב דעם אַליין אונדזער געזעלשאַפט קראַנק ווערן: אַ געזונטער אָרגאַניזם קען זיך ניט, אומבאַשטראָפט, אָפּזאָגן פון דעם פרײַען שפּיל פון זײַנע גלידער!

מיר האָבן אייגנטלעך געלערנט דאָ אַ סוגיה אין... אַלף־בית: ווער ווייסט עס ניט, אַז קאָלאָניעס, וואָס האָבן הונדערטער יאָרן וועגעטירט אונטער פרעמדער הערשאַפט, האָבן זיך ראַשיק פונאַנדערגעבליט, ווי נאָר זיי האָבן דעם גורל זייערן איבערגענומען אין זייערע אייגענע הענט אַרײַן?

דאָס אָריגינעלע אין אונדזער פאַל איז דאָס, וואָס די אמתע אינטערעסן פון דער „מעטראָפּאָליע" גופא זענען קעגן אָט די אימפּעריאַליסטישע מאַנעוורעס — צו ענגלאַנדס געזונט האָט ווייניק־וואָס געשאַט, אָדער פינקטלעכער גערעדט, זייער אומדירעקט געשאַט — ווען אינדיע איז געווען פאַרזונקען אין אָרעמקייט, אין שמוץ, אין עם־הארצות, אין אָפּגעלאָזטקייט. אָבער ישראל מיט אירע קנאַפּע

פאַר מיליאָן אײַנוווינערס וועגט עפּעס אויף דער וועלט צוליב דער צאָל און צוליב דעם ניוואָ פון די תפוצות. אויב די תפוצות זאָלן טאַקע אַרונטערפאַלן, חלילה, און נעמען דאַרן אונטער די גײַסטלאָזע, דעמאָראַליזירטע און דעמאָראַליזירנדיקע אינטריגאַנטישע, דערנערדיקע סאַטראַפּן — וועט זײַן ביטער פאַר די תפוצות און ביטער פאַר ישראל!

אָבער דער אייגנאַרטיקער „כיבוש הקהילות" גייט אָן. מיר האָבן אָנוסטן באַשריבן מיט וואָס פאַר אַ שלעכט-שמעקנדיקע מעטאָדן מען האָט בײַ אונדז „אַנגעשלאָסן דעם ישוב" אָן דעם וועלט-קאָנגרעס (וואָס לפּחות 90 פּראָצענט פון ישוב ווייסט אַפילו ניט וואָס דאָס איז אַזוינס!). איצט גייט שוין, זינט יאָרן, אָן אָן אינטריגאַנטישער קאַמף פאַר אַרונטערנעמען אונדזער אָרעמען שולוועזן אונטער די פליגל פון דער יידישער אַגענץ, וואָס האָט אַ באַזונדער אָפּטיילונג „פאַר (מיינען מיינט מען: קעגן!) דער קולטור אין די תפוצות". מען קען זיך ניט אָפּטרײַבן פון די פאַרשיידענע נחום לעווינס, וואָס מען האַלט זיי אין איין אָנשיקן אויף אונדז, ווי זלידנע פליגן.

און אָך און וויי! דער קאַמף איז אַ ביטער שווערער, ווײַל עס פירן אים פּראָפעסיאָנעלע ביוראָקראַטן, וואָס דאָס איז זייער מלאכה. ווײַל די „יידישע אַגענץ" האָט גרויסע פאָנדן (וואָס זייערע „שונאים" גופא שטעלן טאַקע צו!), ווײַל די זייער און זייער צאָלרײַכע ציוניסטישע און ישראלישע אָפיציעלע און אָפיציעזע אינסטאַנצן האָבן אָן אַ שיעור שטעלעס (אי אייגענע, אי אין די באַהערשטע אינסטיטוציעס), האָבן אַ גרויסן ביודזשעט פאַר אַנאָנסן (אַפילו פאַר „נאַטיצן", זאָגט מען, צאָלן זיי). ווײַל זיי האָבן געגעבן מענטשן געלעגנהייטן צו באַזוכן ישראל אויף חשבון-הקהל, און איין גאָט ווייסט שוין איצט וויפל צענדליקער, צי הונדערטער, צי גאָר אפשר טויזנטער מענטשן וואַרטן איצט, אַז מען זאָל זיי אויך געבן אַזאַ געלעגנהייט... זיי האָבן פאָנדן אויף צו סובסידירן זשורנאַלן, אוי, זיי זענען אויך באַלעבאַטים אויף סובסידיעס פאַר די שולן! הכלל, אַלע בײַטערקייטן וואָס סאָציאַליסטן האָבן איבערגעלעבט פאַר די קנאַפּע 40 יאָר באָלשעוויזם — קומען אַרויף אויפן זינען.

ס'איז אוודאי ניט קיין חידוש, וואָס אַפילו די „יידישיסטן" באַ-

וויַיזן שוין סימנים פון מידקייט (הגם קיין קאָמפּלימענט דערפאַר קומט זיי אוודאי ניט!). מען קעמפּט שוין ניט אַזוי פאַרביסן ווי אַ מאָל! מען הערט שוין אַפילו רעזיגנירטע שטימען פון „יִדישיסטן", וואָס זענען גרייט אונטערצובייגן זייערע קעפּ אונטערן יאָך פון דער „אַגענץ" — זיי ווילן נאָך אויסבעטלען אַ ביסל מער יִדיש. די אוטאָפּיסטן ווייסן ניט, נעבעך, אַז מער ווי צוזאָגן וועט מען זיי אין בעסטן פאַל ניט!

אָבער דער עיקר איז, אַז אַפילו ווען די „אַגענץ" זאָל אָננעמען די פּראָגראַם, וואָס אונדזערע יִדישיסטן וועלן זיי צושטעלן, וועט אַלץ בלײַבן דער הויפּט-אומגליק: די דיקטאַטור — דערצו אַזאַ סאָרט דיקטאַטור, וווּהין אַפילו דער קלענסטער עכאָ פון פאָלקס-ווילן וועט שווערלעך דערגיין: פאָלג מיך אַ גאַנג פון אַ ישוב אין אַרגענטינע, דורך ווער ווייסט וויפל סאַטראַפּן, משרתים, ביוראָ-קראַטן, אַזש צום „קאָפּ" אין ירושלים!

מאָסקווער דיקטאַטור וועט זײַן אַ הונט לגבי אָט דער סאַטראַפּיע, וואָס בעלעמער חכמים און כיטראַקעס גרייטן צו פאַר אונדז!

מאַרץ 1957

אַ כּעלעמער חינוך־קאָנגרעס

אַקוראַט ווי די מעשה האָט זיך אָנגעהויבן, ווייסן מסתמא נאָר עטלעכע פירערס פון אונדזער מטושטשער „דעמאָקראַטיע". אין דער עפנטלעכקייט איז פּלוצלינג אַרויס, מיט גרויס טומל און פּאָמפּע, ווי דער מנהג איז, אַז דער ועד־הקהילות (וואָס זייער ווייניק האָבן געוווּסט, אַז ער עקסיסטירט) האָט געשלאָסן אָן אָפּמאַך מיטן ועד־החינוך הראשי, איבערצונעמען בײַ אים די העכער 70 שולן, וואָס ער אַדמיניסטרירט אין די קאָלאָניעס און פּראָווינץ־שטעט. די מעלדונג איז אַרויס צוזאַמען מיט אַ רעקאָמענדאַציע צו פרייען זיך.

— וואָס איז די שמחה?

צענטראַליזאַציע, קאָאָרדינאַציע, פאַראייניהייטלעכונג... און נאָך אַזעלכע קלינגענדיקע (און פּאַסקודנע!) ווערטער, וואָס די פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַטן פון אַלע באָלשע־פאַשיסטישע רעזשימען האָבן פּאָפּולאַריזירט אויף דער וועלט.

— וואָס איז דער טײַטש „צענטראַליזאַציע, פאַראייניהייטלעכונג"? דעם עולם האָט מען אַזוי פיל אַרײַנגעפּויקט אָט די ווערטער אין די אויערן אַרײַן, אַז ער איז געוואָרן אַ „שאינו יודע לשאול" — קיינער פרעגט זיך אַפילו ניט אויף דעם טײַטש דערפון. אָבער מיר וועלן אײַך סײַ ווי זאָגן:

— דאָס מיינט, אַז די דעה זאָל האָבן איינער!

ווער איז דער איינער? דאָס איז ניט וויכטיק. ערגעץ אַ פלוני־אלמוני, ניט חלילה דער בעסטער, ניט דער קלוגסטער, ניט דער געלערנטסטער, ניט דער ערלעכסטער. אפשר וועט אָט דער פלוני־אלמוני זיצן אין בוענאָס־אײַרעס, און אפשר וועט ער וווינען ערגעץ

אין פּאַריז, צי ניו־יאָרק, צי ירושלים; און דאָ וועט ער אַרײַנזעצן אַ „טשינאָווניק” אַזאַ, וואָס זאָל „פירן” אין זײַן נאָמען.

דאָס מיינט אויך, אַז אַלע יוונים זאָלן האָבן איין פּנים. עס זאָלן אָפּגעווישט ווערן די אַלע פילאָסאָפישע, סאָציאַלע און פּעדאַגאָגישע אידייען און אידעאַלן, וואָס האָבן אַרויסגערופן די גרינדונג פון אונדזער שולוועזן; עס זאָלן זיך אויך ניט מישן די עלטערן פון די תּלמידים און ניט די לערערס! דער פּלוני־אַלמוני, ניט חלילה דער בעסער, ניט דער קליגסטער, ניט דער געלערנטסטער, ניט דער ערלעכסטער — ער וועט שוין צושטעלן זײַן פּראָגראַם און זײַנע מעטאָדן. די איינציקע וואָס וועלן זיך ראַטעווען פון אָט דעם סדום־בעטל וועלן זײַן די אָרטאָדאָקסישע שולן — מחמת די רעליגיעזע ייִדן האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן די צום ווייניקסטן פּחדנותדיקע, די אויסגעהאַלטנסטע... כאָטש האַלב אויף די „וועלטלעכע” שולטוערס געזאָגט געוואָרן!

אפשר, האָפּן מיר, וועט איר איצט, אַז מיר האָבן אײַך אויסגעזאָגט דעם טײַטש פון דער „צענטראַליזאַציע, קאָאָרדינאַציע, פאַראײינהייטלעכונג” ווערן חכמים און זיך נעמען וואָרפן — ביז איצט האָט מען אָדער געשוויגן, אָדער געזאָגט אַזאַ איינהייטלעכן „באָם”, ווי מיר וואָלטן ניט געווען קיין עדה, נאָר אַ סטאַדע.

מער ניט צוויי זשורנאַליסטן אין אונדזער כּלעם האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט און געשטעלט קשיות. לאָמיר זיי דערמאָנען צום גוטן: י. האַרן, אין דער „ייִדישער צײַטונג” און י. באָטאָשאַנסקי אין „די פּרעסע”.

זיי האָבן געפרעגט קלייניקייטן: — וואָס איז דאָ די שׂמחה? פאַר וואָס האָט מען אַרויסגעלאָזט, אָדער אַרויסגעשטופּט דעם ענערגישן, וואָגיקן, פאַרמעגלעכן קרײַז פון דער „קאָנגרעגאַציע”, וואָס האָט זיך צענדליקער יאָרן מטפּל געווען מיטן ועד־החינוך הראשי? וואָס וועט מען געווינען מיטן אָפּשטויסן אַ קרײַז טוערס? און ווי וועט עס דער ועד־הקהילות — אַ נאָך כּמעט ניט געבוירן קינד — אויסהאַלטן די שולן? און וואָס איז מען דאָ בכלל אויסן מיט דעם אויפטו?

דער ועד־הקהילות האָט געענטפערט אויף די שאלות אויף אַ

מאָדנעם, סודותפולן אופן: זיי האָבן פאַרבעטן די קשיות־פרעגערס און נאָך אַ פּאָר (מסתמא „וויכטיקע"!) מענטשן אויף אַ מאָלצײַט און זיי דאָרטן געפּרוּווט קלאָר מאַכן דעם ענין.

וואָס דאָרטן איז גערעדט געוואָרן — איז ביז הײַנט נאָך אַ סוד. מעשה־שטן, איז די „יִדישע צײַטונג" (מיר האָפן, אַז נישט בלויז צוליב שנאה צו דער תקיפות און צו די אומוועגן) ברוגז געוואָרן: די צײַטונג האָט געטענהט, און מען האָט געדאַרפט אײַנלאַדן ניט קיין מיטאַרבעטער פּערזענלעך, נאָר די צײַטונג בכלל. האָט „די יִדישע צײַטונג" קיין באַריכט פון יענעם שמועס ניט געדרוקט. י. באַטאַ־שאַנסקי האָט אויך ניט איבערגעגעבן קיין באַריכט, נאָר דאָ לעצטנס האָט ער, דרך־אגב, געשריבן, אַז די אויפקלערונג האָט אים ניט באַ־פרידיקט.

אָבער דאָ האָט פּלוצעם געפּלאַצט איבער כעלעם אַ גאָר גרויסע באָמבע — אַ מעגאַטאָנישע באָמבע ממש. — וואָס איז דער רעש אין שטאָט? — שרעקט זיך ניט: ס'איז פּשוט — מע רופט אַ חינוך־קאָנגרעס! אַז דער קאָנגרעס וועט זײַן איינער פון אונדזערע כעלע־מער קאָנגרעסן — דאָס האָט מען שוין אַרויסגעזען פון דעם טומל גופא. נאָך מער האָט געשטאַכן די אויגן די בחפזונדיקייט פון טער־מין: אָנהייב פעברואַר האָט מען געלאָזט הערן די ערשטע פּויקן און צימבלען, און דער קאָנגרעס האָט שוין געזאָלט צוזאַמענגערופן ווערן אָנהייב מאַרץ, נאָך דעם האָט מען אָפּגעלייגט אויף נאָך אַ פּאָר וואָכן... צוליב דעם, וואָס שזר (אויף וואָס דאַרף מען עס אַזוי נייטיק שזרן — דאָס איז אַ טיפער סוד!) האָט נישט געקענט קומען פריִער.

אין איין קורצן פעברואַר־חודש, וואָס איז דערצו אַ חודש, ווען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז אין הינער־פּלעט, ווען אַלע זענען אויף וואַקאַציעס, ווען די שולן און קולטור־אַנשטאַלטן זענען, דאָס רוב, געשלאָסן, אין דעם געזעלשאַפטלעך טויטסטן חודש פון יאָר, קען מען, פאַרשטייט זיך, ניט צוגרייטן קיין ערנסטן קאָנגרעס: ניטאָ קיין צײַט אויף אַרומצוטראַכטן, דורכצודיסקוטירן, אויסצושטודירן אַפילו אַ ריכטיקן סדר־היום פאַר אַ קאָנגרעס!

חוצפּהדיק תקיפיש איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דער „אָרגאַ־ניזיר־קאָמיטעט" פון דעם כמו־קאָנגרעס: אויסשליסלעך כיבוש־הקהי־

לותניקעס, בלויז ציוניסטן... צו די ציוניסטן האָט מען נאָך צוגעגעבן פאַרטרעטערס פון... מכון לתרבות ישראל, חינוך־־דעפּאַרטאַמענט ביים ציוניסטישן צענטראַל־ראַט און מועצת־המורים ביים קרן־קימת.

— פאַר וואָס ניט קיין פאַרטרעטער פון קולטור־קאָנגרעס? פון ייִוואָ? פאַר וואָס האָט מען אויסגעמיטן די געזעלשאַפט פאַר ייִדיש־וועלטלעכע שולן? פאַר וואָס האָט מען אַזוי בעלעמיש־קלוג פון ועד־החינוך הראשי אַרײַנגענומען פאַר פאַרטרעטערס אַ פּאָר פונקציאָנאַרן און אויסגעמיטן די פאַרטרעטערשאַפט פון דעם קרײַז טוערס, וואָס האָבן צענדליקער יאָרן געטראָגן די אַחריות פאַרן ביודזשעט פון 72 שולן און פון מסתמא דעם בעסטן ייִדישן לערער־סעמינאַר אין לאַנד?

— ווּעמעס דעמאָקראַטישער געוויסן האָט עס דערלויבט צו באַהאַנדלען דעם ישוב ווי אַן אײַנגענומען, באַצוווּנגען לאַנד? מיר קלאָגן אָן די מפּאַ״י און די אַלגעמיינע ציוניסטן אין צביעות, און פריידיקן פאַר יענעם וואָסער און אַליין טרינקען טאָטאַליטאַריסטישן נײַנצי־קער, אין פאַרשטעלן זיך פאַר דער וועלט ווי דעמאָקראַטן און אַליין פּראַווען די מיאוסטע, עקלדיקסטע תקיפות.

מיר האָבן וויניקער טענות צו נאָך אַ ציוניסטישער פּאַרטיי, הגם די וועט, ווײַזט אויס, שפּילן דאָס ערשטע פידל אויף אָט דעם אויך־מיר קאָנגרעס: דאָס איז אַ פּאַרטיי, וואָס האַלט דאָס גאַנצע לעבן אין איין לויבן און רימען די רוסן דערפאַר, וואָס זיי טרינקען בראָנפן, און דערבײַ האַלטן זיי אין איין קריטיקירן די רוסן דערפאַר, וואָס זיי זענען שיכור. ביי אָט דער פּאַרטיי איז רמאות און תקיפות מסתמא גאָר אַ מצווה אַזאַ, און עס איז אַזוי שײַך צו האָבן צו זיי דערפאַר טענות, ווי עס איז שײַך געווען צו האָבן טענות צו די בבלישע געטערפאַרכטיקע דאַמען, למאי זיי האָבן מזנה געווען לכבוד זייער געטין פון ליבע און פרוכפּעריקייט (מיר האָבן נאָר וואָס איבערגעלייענט שלום אַשם „דער נביא״). אויב מיר האָבן טענות צו אָט דער פּאַרטיי אין שײַכות מיט אָט דעם אָנגריף אויף אונדזער שולוועזן — איז עס דערפאַר, וואָס מיר זענען איר חושד, אַז זי מאַכט פּשרות אויפן חשבון פון דער „מאַמע־ייִדיש״! עפּעס רעדט מען אין

שטאָט אונטער אויף זייער כיבוד־אם! פון זייער סאָציאַליסטישן גע־וויסן האַלטן מיר סײַ ווי ניט!

סײַ ווי, אונדזער מוסר וועט העלפן ווי מוסרן דער קאַץ. די הכנות צום קאָנגרעס זענען אָנגעגאַנגען, ווי צו אַלע כעלעמער קאָנגרעסן. מע האָט צונויפגערופן אַלע, וואָס קענען קלאַפּן אין אַ פּויק, צי אין אַ קאַלאַקאַטקע, און מע האָט געקלאַפּט, ווי פּורים צו דער מגילה.

„די ייִדישע צײַטונג" האָט אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפעסט: ווער עס וויל, זאָל שרײַבן וועגן חינוך־קאָנגרעס. דער עולם האָט זיך ניט געלאָזט בעטן און געשריבן. קליינע מענטשעלעך האָבן געשריבן קורץ, גרויסע מענטשן האָבן זיך צעשפּרייט אויף אַ האַלבער צײַטונג, כדי... אָנצוהאַלטן זייער פּרעסטיזש. זאָגן האָט קיינער גאָרניט גע־זאָגט.

און האָט זיך איינער אַרויסגעכאַפּט מיט עפּעס אַ וואָרט צו דער זאַך — איז דאָך עס אויך געווען נאָר נאַריש־געמאַכט זיך: דער קאָנגרעס איז — ווי אַלע כעלעמער קאָנגרעסן — שוין אַ געמאַכ־טער: שבת־אָונט וועט זײַן אַ „דערעפענונג". זונטיק אין דער פרי וועלן די „גרויסע מענטשן" האַלטן רעדעס. פאַר נאַכט וועט מען שליסן מיט עׄכט־פּורימדיקער פּאָמפּע. בײַ טאָג וועט מען לאָזן אַ שעה צי צוויי פאַר די דעלעגאַטן נעבעך, וואָס וועלן זיך וועלן מאַכן נאַריש און רעדן צו די ווענט. דער קאָנגרעס איז שוין אַ געמאַכטער!

אויף אָט דעם וואָזשנעם קאָנגרעס האָט מען געדאַרפט נייטיק אַראָפּברענגען אַזש פון ישראל ז. שזרן, דעם דירעקטאָר פון דער אָפּטיילונג פאַר קולטור אין די תפוצות בײַ דער ייִדישער אַגענץ — אָט דער, וואָס קעגן איר שלאָגן מיר זיך דאָ אַרום, וואָס ווײַטער אַלץ אומבאַהאַלפענער... פאַר אומאָפּהענגיקייט! פאַר אונדזער ייִדישן לשון! פאַר אונדזער וועג אין לעבן, וואָס מיר ווילן, אַז ער זאָל זײַן דער המשך פון די ירושלימס פון ליטע, פון פּוילן און אַמעריקע! פאַר אונד־זער פרײַער איניציאַטיוו! קעגן תקיפות! קעגן אײַנדאָרעניש!...

פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן פון אָט דעם זייער אומפּאַסיקן וויזיט שזרס דרינגען, אַז מען וועט אונדז אויפן חינוך־קאָנגרעס אונטער־טראָגן אַ סורפּריז און צוטראָגן אַלע ייִדישע שולן פון שטאָט, פון

די קאָלאָניעס, פון דער פּראָווינץ, צו דער „ייִדישער אַגענץ". מיר גלייבן ניט אין דעם.

מיר גלייבן ניט, אַז אונדזערע „פירערס" וועלן זיך פאַרמעסטן אויף אַן אומלעגאַלן באַשלוס: מע טאָר, לעגאַל, ניט אָננעמען קיין באַשלוסן וועגן ענינים, וואָס זענען ניטאָ אויפן טאָג-אָרדענונג. דער טעם פון דעם געזעץ איז קלאָר: אויסצומײַדן גנבת-הדעת.

אָבער עס איז קיין ספק ניטאָ, אַז מיט אָט דעם פּסעוודאָ-קאָנגרעס, מיט אָט דעם מיטן פינגער געמאַכטן קאָנגרעס, וויל מען מאַכן אַ שריט פאָרויס אין דער ריכטונג צו דער ייִדישער אַגענץ צו. דער קאָנגרעס איז, אַלנפאַלס, געצילט צו בינדן אונדז און צו פאַרשקלאַפן אונדז. דער קאָנגרעס איז, אַלנפאַלס, אַ גנבת-הדעת אויף אַ גרויסן פאַרנעם. אַ רמאות! אַ תקיפות! און אומבאַדינגט אַן אָנגריף אויף אונדזער מאַרטירערישן לשון! ,

שאַנד און שפּאָט צו יענע, וואָס וועלן זיך קעגן אָט דעם עקלדיקן אָנגריף ניט ווערן!

מאַרץ 1957

טאָזשע סאַמאָיע

נאַיִווע מענטשן (אַזעלכע זענען פאַראַן מער, ווי מע האָט געמעגט דערוואַרטן, און צווישן אַזעלכע קרײַזן, ווו מען וואָלט זיי ניט גערדאַרפט דערוואַרטן) זענען צעמישט געוואָרן פון כרושטשאָווס אויפדעקונגען וועגן סטאַלינען. איצט זענען זיי נאָך מער צעחושט, מסתמא, צוליב כרושטשאָווס צוריקקער צו סטאַלינען. יאָ, פאַראַן אַ סך קלוגע מענטשן אַפילו, וואָס פאַרשטייען ניט אַזאַ עלעמענטאַרע זאַך, אַז „ניט סטאַלין האָט געשאַפן סטאַלינען". נאָך איידער די וועלט האָט געוווּסט פון לענין, טראָצקי, סטאַלין, כרושטשאָוו, טיטאָ, קאַדאַר, אאַז"וו, איידער נאָך זיי זענען געבאָרן געוואָרן, האָבן שוין פרודאָן און באַקונין געמאָלן גאַנץ בולט דאָס בילד פון דער מאַרקסיסטישער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" — מע האָט שוין באמת ניט גערדאַרפט האָבן קיין איינעם פון די באָלשעוויקישע געטשקעס, ניט די פאַרהייליקטע, ניט די „ליקווידירטע" און ניט די אי פאַרפאַטשקעטע, אי פאַרהייליקטע, אויף צו מאַכן זייערע פאָטאָגראַפיעס.

מ. רובינשטיין, רעדאַקטאָר פון דער מעקסיקאַנער „שטימע" דרוקט איצט אין זײַן צײַטונג זכרונות וועגן טראָצקיס לעבן און טויט אין מעקסיקע. ר. איז געווען אַן אָפטער אַרײַנגייער אין טראָצקיס שטוב דאָרטן, און ער האָט וואָס צו דערציילן. מיר וועלן אַרויסנעמען אָט דעם אויסצוג:

„— און וואָס וואָלט איר געטון ווען איר וואָלט צוריקגעקומען צו דער מאַכט? — האָבן מיר געפרעגט, און טראָצקי האָט שאַרף געענטפערט:

— טאָזשע סאַמאָיע!

— וואָס הייסט? איר וואָלט געטון דאָס זעלבע?

— יאָ, מיר וואָלטן געשניטן די קעפּ פון די סטאַליניסטן. די רעוואָלוציע ווייסט נישט פון קיין רחמנות, און מע מוז צו איר זעגיט גיין מיט די שאַרפסטע מיטלען.

— אויב אַזוי, לעוו דאַווידאָוויטש, טאָ וואָס איז עס אונדז פאַר אַן אונטערשייד? אויב איר וואָלט געטון דאָס זעלבע, טאָ פאַר וואָס זאָלן מיר אַננעמען, אַז אײַער וועג איז דער אמתער? שנײַדן קעפּ, פאַרגיסן בלוט — איז דאָס סאָציאַליזם?

עס איז גענוג געווען צו זאָגן די עטלעכע ווערטער, און טראָצקי איז געוואָרן בייז און איבערגעהאַקט דעם שמועס:

— איר זענט פאַרפאַלענע סאָציאַל־דעמאָקראַטן (דאָס איז בײַ אים געווען אַ זידלוואָרט) און וועט שוין דעם געשיכטלעכן פּראָצעס פון דער וועלט־רעוואָלוציע ניט פאַרשטיין. —

עס האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס האָט ער פאַראָרדנט אויסצושיסן די קראַנשטאַטער מאַטראָסן און אומברחמנותדיק דערשטיקט דעם רעוואָלט פון די מאַטראָסן־רעוואָלוציאָנערן".

אונדז דאַכט זיך, אַז ווער עס האָט פאַר צוויי גראָשן שכל, וואָלט שוין געמעגט פאַרשטיין, אַז מע דאַרף נישט זוכן די פעלערן פון באָלשעוויזם אין זײַנע מענטשן: יעדע סיסטעם זוכט זיך אויף, אָדער עס מאַכט די פּאַסיקע מענטשן. דאָס איז דער באָלשעוויזם גופא, וואָס איז אַן עקלדיקע עבודה־זרה!

מאַרץ 1957

דער ניט שלימותדיקער פאַרברעכן

בסוד־סודות

דער שרײַבער פון די שורות איז געווען אַ דעלעגאַט צום חינוך־קאָנגרעס. וועט איַיך זײַן אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז דערוווּסט האָבן מיר זיך וועגן קאָנגרעס בכלל אַרום אַ וואָך אין פעברואַר, הגם דער צוזאַמענפאָר האָט געזאָלט פאָרקומען שוין פון 2טן ביזן 5טן מאַרץ. דעם איינציקן דעטאַל וועגן קאָנגרעס, וואָס מיר האָבן זיך באַלד דערוווּסט, איז דער משונהדיקער צוזאַמענשטעל פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט: 100% איין און איינציקער צד — ציוניסטן, צוגעשמאָלצן מיט דער אומפאַרשטענדלעכער (און שוין אומנייטיקער!) פאַרטרעטאַרשאַפט פון אָפּיציאַזן מכון לתרבות ישראל, צענטראַלן ציונים־טישן ראָט און קרן קימת לישראל. אַזאַ מין איזדיעקעווען זיך איבער „קאָנטרעראַס" האָט אָפּילו פעראָן אויך ניט אַלע מאָל אַרויסגעוויזן.

וואָס דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָט פּראָיעקטירט, האָבן מיר ניט געוווּסט. פון „הינטער די קוליסן" האָט מען געבראַכט אַלערליי קלאַנגען — גלויבלעכע און אומגלויבלעכע: אַז מע וועט אָפּשאַפן דעם וועד החינוך און מע וועט אַוועקשטעלן אַ צענטראַל־ראָט פון 17 פערזאָן וואָס וועלן אָנפירן מיט אַלע שולן פון לאַנד. אַז מע וועט שטעלן די שולן אונטער דער אַפּוטרופּסות פון דער ייִדישער אַגענץ. אַז די אַגענץ וועט אָנשטעלן חיים פינקעלשטיינען פאַרן ממונה איבערן גאַנצן שולוועזן. אַז מע וועט צעטיילן פיר מיליאָן שילומים־געלטער, און די שלום עליכם־שולן וועלן צוכאַפּן אַ העלפט דערפון.
— וואָס האָט מען ניט גערעדט?

סײַ ווי, פרײַטיק דעם 15טן מאַרץ, אַ טאָג פאַרן קאָנגרעס, האָבן

די דעלעגאַטן געקראָגן די „פּראָטאָקאָלן פון די פּלענאַר־זיצונגען און פון די קאָמיסיעס" און ערשט דעמאָלט האָבן זיי געקראָגן די ערשטע קאָנקרעטע אינפאָרמאַציע וועגן דעם, וואָס די מענטשן האָבן גע־גרייט. די אינפאָרמאַציע איז געווען אַ מאָגערע, אַ ניט־גענוגנדיקע, אפשר אויך אַ סודותדיקע. למשל, עס ווערט איבערגעגעבן, אַז ראַ־דזשיכאָווסקי האָט פאָרגעשלאָגן, אַז „כדי באַקאַנט צו מאַכן באַ־צײַטנס די אַלע ענינים פאַר די דעלעגאַטן, זאָל מען צושיקן קאָפּיעס פון די פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט צו די קהילות און שולן, וואָס ווערן אײַנגעלאַדן צום קאָנגרעס. ער האָלט פאַר געוווּנטשן, כדי צו געבן דעם קאָנגרעס אימפּאָרטאַנץ און פײַ־ערלעכקייט — זאָל אײַנגעלאַדן ווערן צום קאָנגרעס אַ פּערזענלעכ־קייט פון ישראל". נאָך דעם דערציילט דער פּראָטאָקאָל, אַז דער פאָרשלאָג ברענגט צו אַ דיסקוסיע, און ראַדזשיכאָווסקי ציט צוריק זײַן פאָרשלאָג כדי ניט צו שטערן „די קאָמפּלעטע אײַנשטימיקייט בנוגע אַלע אַנדערע פראַגן, וואָס הערשט ביז איצט". מיר וואָלטן אָוועקגעגעבן אַ זאַק באַרשטש צו וויסן, וועגן וואָס מע האָט זיך דאָרטן געקריגט: צי צוליבן דעלעגאַט פון ישראל, אָדער צוליבן אײַנ־פאַל צו אינפאָרמירן עפּעס באַצײַטנס די קהילות און שולן, וואָס מע וועט אײַנלאַדן צום קאָנגרעס.

יאָ, ס'איז אויך באַרירט געוואָרן די פראַגע פון „אַ סדר־היום פון קאָנגרעס און די נויטווענדיקייט צו שאַפן אים וואָס פריִער, כדי ער זאָל וואָס גיכער קומען צו דער עפנטלעכקייט". אזא סדר־היום איז ניט געשאַפן געוואָרן און איז ניט געקומען צו דער עפנטלעכ־קייט, סײַדן מענטשן זאָלן זיך וועלן מאַכן קינדיש און מיינען, אַז אָט דער סדר־היום איז געווען די פּראָגראַם פון קאָנגרעס: שבת פאַרנאַכט — וואַלן פון קאָמיסיעס, שבת אָוונט — דערעפענונג, זונ־טיק אין דער פרי — באַריכטן און אַ „צענטראַלער" רעפעראַט, זונ־טיק בײַ טאָג — דיסקוסיעס אאַז"וו. אָט די צײַט־פאַרטיילונג (האָ־ראַריאָ בלע"ז), איז אַ טעכנישער ענין פון מינדערוווערטיקער באַ־טײַטונג. אָבער אַ סדר־היום דאַרף אָנווײַזן מיט חדשים פריִער איי־דער דער קאָנגרעס קומט פאָר, וואָס פאַר אַן ענינים וועט מען באַ־האַנדלען. אָט וועגן דעם „צענטראַל־ראַט" האָט מען געדאַרפט דיס־

קוטירן אין דער עפנטלעכקייט מיט אַלע דעטאַלן און פּרטי־פּרטים. וועגן דעם געבן אַ פֿאַרטרעטערשאַפֿט דער „יִדישער אַגענץ" אין דעם צענטראַל־ראַט האָט מען געמעגט דיסקוטירן עפֿנטלעך אַ יאָר צײַט און מער, און אַוודאי ניט טאָן, ווי חיים פֿינקעלשטיין האָט עס געטון: עטלעכע שעה פֿריִער, איידער מע האָט אָנגענומען דעם באַשלוס צו געבן דער „אַגענץ" אַ פֿאַרטרעטערשאַפֿט, האָט חיים פֿינקעלשטיין געלייקנט שטיין און ביין: „די אַגענץ האָט מער ניט וואָס צו טאָן!" דאָס איז גנבת־הדעת! אַזאַ מין אָננעמען באַשלוסן הייסט „דורכשמוגלען" באַשלוסן!

הכלל — עס איז ניט געווען אַפֿילו קיין אָנהייב פֿון קיין סדר־היום. אַלץ איז געטאָן געוואָרן אין דער פֿינצטער, און די שמוגלערישע טאַקטיק איז באַשטאַנען אין דורכפֿירן גורלדיקע באַשלוסן דורך די טראַיאַנישע פֿערד פֿון „רעזאָלוציעס", וואָס ווערן אָנגענומען, אין הורט און „דורך אַקלאַמאַציע", עטלעכע מינוט פֿאַרן „פֿײַערלעכן" שלוס פֿון קאָנגרעס. אין כּעלעם גייט נאָך אָן אַפֿילו אָט דער שווינדל. וועט ווייסט, אפֿשר מיינען נאָך די מענטשן, אַז דאָס איז לעגאַל אויך...

אָבער די אינטענציע פֿון דער סודותדיקייט איז אונדז קלאָר געוואָרן שוין דערפֿון, וואָס פֿון די „פּראָטאָקאָלן" האָבן מיר געזען, אַז דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָט שוין געהאַט אַ זיצונג דעם 16טן נאָוועמבער 1956. אונדז, לאָמיר אײַך זאָגן, איז חשוד אַפֿילו דער פֿאַקט, וואָס מע האָט די פּראָטאָקאָלן פֿאַרטיילט צו די דעלעגאַטן ערשט דעם 15טן מאַרץ, בעת פֿון דעם שער־בלאַט זייערן דרינגט זיך, אַז זיי זענען שוין פֿאַרטיק געוואָרן פֿאַרן 2טן מאַרץ, וואָס דאָס איז געווען די לכתחילהדיקע דאַטע פֿאַרן קאָנגרעס.

— האָט מען די דעלעגאַטן געוואָלט האַלטן אין דער פֿינצטער ביז דער לעצטער שעה?

די שווער־ע און מידע יִדישיסטישע רעדער

הימל און ערד האָבן זיך, ווײַזט אויס, געשוואָרן, אַז קיין „שלימותדיקע פֿאַרברעכנס" זאָלן ניט מעגלעך זײַן. דער „יִדישער חינוך־

קאָנגרעס" האָט געהאַט אַלע שאַנסן אָפּצוטאָן אַ שטיקל אַרבעט אַזוי, אַז קיין האָן זאָל קיין קריי ניט טאָן — פאַר די עטלעכע וואָכן פונעם וואַקאַציע־חודש פעברואַר, וואָס זענען געבליבן זינט דער עפנטלעכער מעלדונג פון קאָנגרעס ביזן 2טן מאַרץ, ווען דער קאָנגרעס האָט שוין געזאָלט פאַרקומען, האָט די איבעררעשטע אַפּאָזיציע גאָרניט געקענט אויפטאָן: אָט דאָס איז עס דער „פאַקטאָר איבערראַשונג", וואָס מע האָט אפשר געלערנט פון דער סיני־אַקציע! שטעלט אייַך פאָר: אונדז גופא איז גראָד אויסגעקומען צו דאַרפן ענטפערן אויף דער פאַרבעטונג צו שיקן דעלעגאַטן פון אַן אינסטיטוציע, וואָס איז פאַרן וואַקאַציע־חודש געווען געשלאָסן (וואָס דאָס איז זייער נאָרמאַל אין אונדזער שטאַט, ווי באַוווּסט).

ערגער ווי דער ענטפער אויף דער אייַנלאַדונג איז געווען דאָס געפיל פון אומבאַהאָלפנקייט: מ'האָט געמוזט רעאַגירן, לפּחות, אויף דער גנבת־הדעת, וואָס האָט געשטעקט אין דער פּראָצעדור פון אָרגאַניזירן דעם קאָנגרעס — אָבער גיי שרייַ אין דעם פעברואַר־מידבר!

האָט מען פון אויבן צוגעהאָלפן, און די כמעט גלייַכגעשאַלטענע אָרגאַניזיר־קאָמיסיע האָט זיך פאַרטשעפּעט אויף שוזרן: שוזר האָט ניט געקענט קומען פריִער ווי מיטן מאַרץ, און מע האָט דעם חינוך־קאָנגרעס אָפּגעלייגט אויפן 16טן מאַרץ. האָבן דערווייַל אַ פּאָר שרייַבערס אומגעקערט זיך פון זייערע וואַקאַציעס און באַוויזן צו שרייַבן, וואָס זיי האָבן געשריבן. אַפילו אונדזער „דאָס פרייַע וואָרט" האָט באַוויזן אַרויסצוגיין דעם זעלביקן 16טן מאַרץ, און מע האָט צעטיילט אַ הונדערט עקזעמפּלאַרן צווישן די דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך אַזוי באַקאַנט מיט אונדזער קוק אויף אָט דעם „אָנגריף אויף דער ייִדישער דערציִונג".

מ'האָט באַוויזן אַפילו, דרייַ טעג פאַרן קאָנגרעס, צו האָבן אַן אַסיפה פונעם ביסל ייִדישיסטן אַקטיוו: ליטעראַטן־פאַראיין, קולטור־קאָנגרעס, ייִוואָ, אַקטיאָרן־פאַראיין, געזעלשאַפט פאַר ייִדיש־וועלט־לעכע שולן, ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט, אאַז"וו. מיר וועלן אייַך איבערגעבן בקיצור, וואָס מיר האָבן געזאָגט אויף יענער אַסיפה: ערשטנס, אַז מע זאָל ניט מיינען, אַז דער אָנגריף גייט נאָר קעגן לשון ייִדיש, נאָר אַז עס איז אַן אָנגריף אויף ייִדישקייט: עס איז

דער המשך פון אַ קאַמף צו פּאַרמיאוסן און אָפּצווישן צוויי טויזנט יאָר יידישע געשיכטע. עס איז אַ קאַמף ניט נאָר קעגן קולבאַקן און מאַני-לייבן, נאָר אויך קעגן ביאַליקן און שמעונין. עס איז אַ קאַמף אויסצוּוואָרצלען די יונגע דורות פונעם פּרוכפּעריקן — דינערן צי דיקערן — שיכט אין די תפוצות. דאָס איז עראָזיע פון די תפוצות, פאַרוואַנדלען אַלץ אין מדבּרדיקן זאַמד, מפקיר זיין דאָס גאַנצע יידנ-טום פון די תפוצות... צוליב אַ בּרוכצאָל פון אַ פּראָצענט, וואָס מע האָפט צו קריגן פאַר עליה. צווייטנס — ניט ווייניקער וויכטיק איז, אַז מיר זאָלן זיך שטעלן קעגן דער גנבת-הדעת, קעגן דער תקיפות, וואָס שטעקט אין דער צוגרייטונג פון קאָנגרעס. ווילן מיר ניט רעאַגירן קעגן טאָטאַליטאַריזם אין אונדזער ישוב — וועט אונדזער גאַנצע געזעלשאַפטלעכקייט, אַלץ מיט אַן אַנדער, קאַליע ווערן. האָבן מיר פאָרגעשלאָגן:

היות דער חינוך-קאָנגרעס איז צוגעגרייט געוואָרן אויף אַן אופן, וואָס איז פּאַסיק בלויז פאַר אַ מאַניפעסטאַציע-קאָנגרעס, אָבער בשום אופן ניט ווי אַ קאָנגרעס, וואָס דאַרף אָננעמען באַשלוסן — זאָלן מיר באַגריסן דעם קאָנגרעס ווי אַ מאַניפעסטאַציע פאַר דער נויטיקייט פון יידישער דערציִונג, אָבער מיר זאָלן ניט אָנערקענען דעם קאָנגרעס קיין שום רעכט פון אָרגאַניזאַציאָנעלע אָדער פּעדאַ-גאָגישע איניציאַטיוון. אַז מע וועט אַ צווייטן מאָל רופן אַ צוזאַ-מענפאָר, און מע וועט, מיט גענוג צייט און מיט גענוג פּובליציטעט, באַקאַנט מאַכן די ענינים צו באַהאַנדלען, און אַלע וועלן קענען דורכ-לופטערן די פראַגן, דורכשטודירן זיי און דורכדיסקוטירן זיי — וועט מען וועגן אָט די ברייט און עפנטלעך דורכגעשטודירטע און דורכ-געדיסקוטירטע ענינים קענען אָננעמען באַשלוסן.

אָט דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער אַסיפה כמעט איינשטימיק. מער ניט איין דעלעגאַט פון אַקטיאָרן-פאַראיין האָט דערקלערט, אַז דער אַקטיאָרן-פאַראיין נעמט אָן דעם באַשלוס, אָבער ער אַליין, פּערזענלעך, וויל ניט גיין קעגן דער אַגענץ. געווען נאָך איינער וואָס האָט געשטימט קעגן.

דער עולם האָט זיך דערפילט דערלייכטערט: מע וועט ניט לאָזן טרעטן איבער זיך. מע וועט קעמפן.

דער באַשלום איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די צײַטונגען. דער „פאַקטאָר איבעראַשונג" איז אַ ביסל קאַליע געוואָרן... וויפל מע האָט געקענט קאַליע מאַכן אין די לעצטע שעהען פאַרן אָנגריף.

אָבער „פּאָליטיקער" זענען אי „קליגער" אי „רירעוודיקער" און זיי האָבן אונדז ניט צוגעלאָזט ניט נאָר קיין נצחון, נאָר אַפילו ניט קיין רעכטן הנאהדיקן קאַמף: מע האָט אין לעצטן מאָמענט עפּעס אַ דריי געטון, עפּעס נאָכגעגעבן דער אָפּאָזיציע און... מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז עמעצער, פון אונדזערע פרײַנד דווקא, בײַט אין מיטן וואַסער די פערד. אַ פּאָר שעה איידער דער קאָנגרעס איז פאַרגעקומען, האָבן מיר שוין פון די פרײַנד גענומען הערן דיבורים. אַז „מע האָט שוין נאָכגעגעבן אַ סך", אַז „מע האָט נישט געקעמפט אומזיסט" אאַז"וו.

פּאָליטיקערס און קרעמערס זענען תמיד גרייט צו מאַכן געשעפט: אַ פּאָר סענט ביליקער, אַ ביסל סחורה מער — און דאָס געשעפט לוינט שוין. מער ניט מיר, פאַרפאַלענע נאַראָנים, האָבן ניט פאַרשטאַנען, ווי אַט דער קאָנגרעס, וואָס איז צוגעגרייט געווען טריף, קען ווערן כשר, מחמת דער קצב מאַכט אַ קאָנצעסיעלע. אונדזער אידיאָטישער קאָפּ וועט שוין קיין מאָל ניט באַנעמען, ווי אַ חזיר קען ווערן כשר, ווײַל מע האָט אים אויסגעטרייבערט.

זאָל זיך פרייען, ווער עס וויל זיך פרייען — מיר פאַרגינען שמחה אַלע צדדים, ווײַל שונאים זענען מיר פון קיינעם ניט: מיר האָבן זעלטן אין אונדזער נסיונדיקן לעבן געפילט אַ ביטערן טעם פון דורכפאַל, ווי אין יענעם פאַרנאַכט פאַרן קאָנגרעס, ווען אונדזערע „פאַרבינדעטע" האָבן גענומען רעדן פון אַ היפּשן זיג. מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן ד"ר יצחק-נחמן שטיינבערגס רייד וועגן מינימאַליזם און מאַקסימאַליזם. מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן אונדזערע טאַטעס און זיידעס, וואָס זענען דורכגעגאַנגען גאַנץ דורך אַלע פײַערן און וואַסערן, מחמת זיי האָבן ניט געהאַנדלט מיט זייער גאָט, ניט געמאַכט קיין פּשרות מיט יום-כיפּור... מאַלע וועגן וואָס מיר האָבן געטראַכט!

מיר האָבן מקנא געווען די ייִדן פון דער ישיבה „היכל התורה": זיי וועלן זייערס אויספירן!

קעגן שטראָם

אַ שטיקל אונטערשטע שורה

ווען מיר האָבן, אַ פּאָר טעג נאָכן קאָנגרעס, געלייענט באַטאַ־שאַנסקיס באַרויִקנדיקן אַרטיקל (עס איז אַרויס, כלומרשט, ניט אַזוי שלעכט, ווי מע האָט געמיינט) — איז אונדז ערשט ריכטיק זויער געוואָרן אויף דער נשמה: פֿון נאַרן זיך אַליין קען קיין שום גוטס ניט אַרויס; און, חוץ דעם, איז דאָס נאַרן זיך אַליין אַ סימפּטאָם פֿון שלעכטע קאָמפּלעקסן.

מע האָט פֿון דעם סודותפֿולן אויבן טאַקע עפּעס נאָכגעגעבן וואָס שייך אויטאָנאָמיע די פֿאַרשיידענע שטרעמונגען, אָבער דאָס איז ניט געווען מחמת איבערצייַגונג: „מיר האָבן נאָך אין ישׂראל אויך ניט באַוויזן אין גאַנצן אָפּצושאַפֿן די פֿאַרשיידענע זרמים" — האָט זיך, מער אָדער ווייניקער, אויסגעדריקט שזר.

מע האָט דעם „צענטראַל־ראָט" נאָך ניט איבערגעגעבן די טאָטאַלע הערשאַפֿט. מ'האָט געשאַפֿן אויך אַ קאָנסולטיוון ראָט, און מ'האָט ניט אָפּגעשאַפֿט דעם וועד־החינוך (וואָס האָט פֿאַרטרעטער פֿון די אַלע שולן). אָבער מ'האָט עס ניט געטאָן צוליב איבערצייַגונג, אַז די „פֿאַרשטאַטלעכונג" (צי די במקום־פֿאַרשטאַטלעכונג, אין דעם פֿאַל) איז אַ אומגליק, צי אַז די „צענטראַליזאַציע" (ווײ, סאַראַ מיאוס וואָרט דאָס איז!) פֿירט צו גלייַכשאַלטונג, צו טאָטאַליטאַריזם און צו מדבר. מע האָט נאָכגעגעבן די פֿרייַהייטלעכע טראַדיציעס פֿון דער „גלותדיקער" ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט — צוליב נויט. צוליב נויט האָט מען אויך צוגעזאָגט דער אָפּאָזיציע ערטער אין קאָנסולטיוון ראָט און אַפֿילו אין „צענטראַל־ראָט". אָבער דער אַוואַנס צו דער פֿאַרשטאַטלעכונג, צו דער צענטראַליזירונג און צו דער אונטערטעניקייט צו דער ייִדישער אַגענץ — איז געמאַכט געוואָרן. בײַ דער צווייטער רונדע וועט מען — פֿאַר אונדז אָן קיין שום ספֿק — פּרוּוון אַוואַנסירן ווײַטער! מע האָט דעם ערשטן אַוואַנס ניט געטאָרט דערלאָזן! לפּחות, האָט מען זיך ניט געדאַרפֿט אונטערשרייַבן אויף אים!

די פּאָליטישע קאָנצעסיעס צו די פֿאַרשיידנאַרטיקע שטרעמונגען מיינען אויך ניט, אַז מע זאָגט זיך אָפּ פֿון דעם אומגליקלעכן

חלום צו „פאַראייניטלעכן" דעם שולוועזן. פראַנסיסקאַ פערערס תלמידים ווייסן, אַז די איינהייטלעכע גלייַכגעשטאַלטעטע מלוכישע פאָלקסשול איז דער גורם און דער רעזולטאַט פון די גרעסטע אומגליקן פון אונדזער יאָרהונדערט. „די פרייַסישע מלוכה־שול" — האָט מען אַ מאָל געזאָגט — „האָט עס באַזיגט פראַנקרייַך" (אין 1870!) און מיר זאָגן אייַך, אַז ניט בלויז פראַנקרייַך האָט די פרייַסישע שול באַזיגט — זי האָט באַזיגט די פרייַהייט, די מענטשלעכע חשיבות, דאָס זעלבשטענדיקע דענקען, די אייגנאַרטיקע פערזענלעכקייטן... וואָס האָט דען די גלייַכגעשטאַלטעטע שול ניט צעשטערט?

ניט נאָר אין די תפוצות ווילן מיר ניט די פאַראיינהייטלעכונג פון די שולן — מיר ציטערן אויך פאַר דעם מאָמענט, ווען אָט דער כאַמישער פרינציפּ זאָל דורכגעפירט ווערן אין ישראל. דאָס וואָלט געווען דער אָנהייב פונעם סוף פון דער ניואַנסירטער, גייַסטיק־שטאַרקער און פרוכפּערדיקער אַשכנזיש־ייִדישער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין חדרים און ישיבות און ניט אין די נשמה־פאַרקריפּלענדיקע מלוכה־שולן.

און דאָ וועלן מיר אַוועקשטעלן אַ וק"ל: ס'איז, הייסט עס, גרינג צו פאַרשטיין און צו ציִען אַליין ווייַטערדיקע שלוסן: אַ ברירה האָבן מיר? — די, וואָס פאַרשטייען ניט, וועלן סיי ווי זאָגן, אַז מיר שרייַבן שוין צו לאַנג. און מיר דאַרפן נאָך זאָגן אַ וויכטיקע זאַך:

— היט זיך פאַרן פאַרטרעטער פון דער ייִדישער אַגענץ, וואָס מען האָט אַרייַנגעשמוגלט אין דעם צענטראַל־ראַט! ער קען ווערן עפּעס, וואָס איז ערגער נאָך פון דעם פאַרטרעטער פון וועלטקאָנגרעס און די דאַיאַ.

געדענקט, אַז די „אַגענץ" האָט דערצו דעם גרויסן כוח פון דער מאה — זי האָט דעם „פאַראייניקטן קאַמפּייַן", וואָס נעמט בייַ אונדז אַלעמען און פאַרטיילט זייער יושרדיק: אַ סך פאַרן מכון לתרבות ישראל און פאַר דער הסתדרות עברית; פאַרן ייִוואָ אַ נדבה (עפּעס אַ 175 דאָלאַר אַ יאָר) און פאַרן קולטור־קאָנגרעס אַ קדחת!

מען האָט געדאַרפט פועלן, אַז די סומע, וואָס דער קאַמפּייַן אַסיגנירט פאַרן חינוך זאָל אַרייַנגיין אין דער אַלגעמיינער קאַסע:

זאָלן זיי אויך וויַיזן אַ בײַשפּיל פון דיסציפּלין, צענטראַליזאַציע אַאָז"ו, אַאָז"וו!

אָבער אויב די אַגענץ וועט פאַרן פרײַז פון אַט די פאָנדן וועלן אויפהאַלטן איר פאַרטרעטערשאַפט אין „צענטראַל-ראַט" — דאַרף מען בעסער מוחל זײַן די פאָנדן מיטן פאַרטרעטער אין איינעם.

און דעם „צענטראַל-ראַט" גופא דאַרף מען אויך אָפּשאַפן און פאַרבײַטן אויף אַ פעדעראַל-ראַט, וואָס איז לגמרי אַן אַנדער זאַך און האָט אַנדערע פּרינציפּן, אַן אַנדער סטרוקטור און אַנדערע יורים-דיקציעס.

און מען טאָר ניט דערלאָזן קיין „צענטראַלן" סאַטראַפּ איבער די שולן! צי דער סאַטראַפּ זאָל זײַן אַ ישראַלישער פּעסטאַלאָצי, צי דער סאַטראַפּ זאָל זײַן אַ היגער פּאָליטיקער — וועט ער אַלץ איינס זײַן אַ קאַנסער פאַר אונדזער שולוועזן.

אונדזער אונטערצי איז, אַז דער חינוך-קאָנגרעס האָט זיך אויס-געלאָזט ערגער, ווי מיר האָבן דערוואַרט. ערגער דערפאַר, ווײַל מע האָט אי געמאַכט אַ „צענטראַל-ראַט", וואָס אויף דעם האָבן מיר זיך געריכט, אי מע האָט די „אַגענץ" יאָ אַרײַנגעלאָזט אין דעם „צענטראַל-ראַט", וואָס דאָס — האָבן מיר געהאָפט — וועט מען נאָך אָפּשרײַען. ערגער אויך דערפאַר, וואָס אַ וויכטיקע גרופּע פון יִדישיסטישן צד (אוי, ס'גייט ניט נאָר אין יִדישיזם!) האָט באַ-שלאָסן צו נאַרן זיך אַליין, אַז זיי וועלן מיט פּאָליטישע פאַרהאַנד-לונגען געווינען בײַ „נײַע מלוכה-מענטשן", וואָס האָבן ערשט איצט זיך צוגעכאַפּט צו מאַקיאַוועלאָן.

גלייבט אונדז, אַז מיר האָבן קיין ווײַן ניט געטרונקען און מיר ווייסן וואָס מיר רעדן, הגם מיר זענען גענוג נאַריש צו רעדן דאָס וואָס מיר ווייסן.

עס איז נאָר אַ צרה, וואָס אין כּעלעם זענען געבליבן צו ווייניק נאַראָנים.

צו ווייניק נאַראָנים, און צו פיל פּאָליטיקער!

אַפּריל 1957

כיבוש הקהילות

דער באַרימטער אַנאַרכיסט און דראַמאַטורג ראַדאַלפאַ גאַנסאַלעס פּאַטשעקאַ האָט דערציילט: אין אַ טאָג זענען צו אים געקומען צוויי געהיים־פּאָליציסטן און געזאָגט, אַז דער פּאָליציי־שעף דאַרף אים האָבן. ביי פּאַטשעקאָן זענען אַזעלכע באַזוכן און אַזעלכע רייד ניט געווען קיין ניים — האָט ער ניט געמאַכט קיין שהיות און באַלד באַגלייט די געהיים־פּאָליציסטן אין צענטראַלן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אַריין. דאָרטן האָט מען אים תיכף אַריינגעפירט צום פּאָליציי־שעף, וואָס האָט אים אויפגענומען מיט אַ פאַרוווּנדערטן פּנים: „אַזעלכע באַרבאַראַס! איך האָב זיי נאָר אָנגעזאָגט איבערצוגעבן אייך, אַז איך האָב צו אייך אַ בקשה און וואָלט זיך געוואָלט טרעפן מיט אייך ביי אַ געלעגנהייט". לאָזט זיך אויס, אַז דער שעף האָט אָנגעשריבן אַ דראַמע, און ער וואָלט געוואָלט, אַז פּאַטשעקאָ זאָל אים זאָגן זיין מיינונג. פּאַטשעקאָ האָט געענטפערט אויף דעם, אַז דער שעף האָט די מאַכט, פאַרשטייט זיך, אים צו פאַרשפּאַרן אין קאַרצער — אָבער ער האָט ניט קיין מאַכט און קיינער האָט ניט די מאַכט צו מאַכן אים לייענען דעם שעפס דראַמע.

מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן אָט דעם אַנעקדאָט, ווען מיר האָבן צוגעזען מיט וואָס פאַר אָן אופנים די ציוניסטן ביי אונדז פירן אויס ד"ר הערצלס אָנזאָג וועגן איינגעמען די קהילות: ד"ר הערצל איז געווען אַ דעמאָקראַט, אַ ליבעראַל און... אָן עסטעט, און ס'לייגט זיך ניט אויפן שכל, אַז ער וואָלט געווען צופרידן, למשל, מיט דעם אופן „איינגעמען" די ייִדישע דערציִונג, וואָס מיר האָבן דאָ ניט לאַנג צוגעקוקט. אָדער מיט דעם אופן, וואָס מע האָט דאָ באַנוצט „איינצונעמען" דעם ישוב פאַרן וועלטקאָנגרעס.

וועגן אָט דעם וועלטקאָנגרעס האָבן מיר אַ סך מאָל געטראַכט: אמת, טאַקע, אַז מסתמא וואָלט אונדז אויסגעקומען צו זײַן מחולק מיט אים אַפילו, ווען ער באַנוצט די עכטסטע דעמאָקראַטישע מע־טאָדן — מיר זעען ניט בײַ די מענטשן פון וועלטקאָנגרעס קיין פאַר־שטענדעניש פאַר דער אייגנאַרטיקייט פון דער ייִדישער געזעל־שאַפטלעכקייט, פאַר איר טיפער פרײַהייטלעכקייט, פאַר איר ספּאָנ־טאַנקייט, פאַר איר קוואַליקער שעפערישקייט. די מענטשן פון וועלט־קאָנגרעס — און, ווי איז אונדז, ניט נאָר זיי! — סנאָבן שבסנאָבן, גייען צו צו אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט מיט מאָסן פון פרעמדע קלימאַטן (די מאָסן האָבן דאָרט אויך געבראַכט מער שאָדן ווי נוצן!), מיט פרעמדע פאָראורטיילן, מיט פרעמדע סדומישע אינס־טרומענטן. די אַלע סנאָבן זענען באַהערשט פון אַ טיפער קנאה צו די גוייִשקע מלוכישקייטן, מיר וואָלטן זאָגן — פון אַ ווײַבלעכן קאַסט־רירטקייט־קאָמפּלעקס. עס „שטייט זיי גאָרניט אָן" צו טראַכטן וועגן אַן אַנדער טיפּ אָרגאַניזאַציע, ווי וועגן דער מלוכישער.

עס איז פאַראַן אַ קאַרדינאַלער חילוק צווישן דער פרײַהייטלע־כער אָרגאַניזאַציע (די טראַדיציאָנעלע ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט איז אַ פרײַהייטלעכע!) און דעם מלוכישן טיפּ אָרגאַניזאַציע: די פרײַהייטלעכע אָרגאַניזאַציע הייבט זיך תמיד אָן פון אונטן און עס איז פאַראַן אַ דירעקטע, קאָנקרעטע און קלאָרע מענטשלעכע באַ־ציִונג צווישן די יחידים, וואָס פאַרבינדן זיך צוליב אַ באַשטימטן, קאָנקרעטן צוועק. די צענטראַלעס (פעדעראַציעס) פון אַזעלכע אָר־גאַניזאַציעס נעמען אַרום אַ באַגרענעצטן שטח אינטערעסן, און זיי האָבן ניט קיין אַטריבוציע צו באַפעלן. פּונקט דער היפּוך פון דעם אַלעמען איז דער מלוכישער טיפּ אָרגאַניזאַציע, וואָס זײַן לאָגישע אויסוויקלונג איז דער טאָטאַליטאַרער שטאַט, ווו די אונטערגע־וואָרפענע מענטשן פילן זיך ווי לעבעדיקע ציגל אין אַ טויטער וואַנט.

נו, ניט אַלע מלוכות דערגייען צו אָט דער קאָנסעקווענץ און אונדזערע גלותדיקע, נעבעך, במקום־מלוכות — דער וועלטקאָנגרעס אַרײַנגערעכנט — האָבן ניט דעם באָדן און דעם קלימאַט פונאַנ־דערצוּוואַקסן זיך אין זייער פולער געשטאַלט — אָבער סײַ ווי זענען זיי פאַרטראַכט געוואָרן אין דער מלוכישער טומאה, און זיי זענען

מטמא מיט זייער הויך. זיי זענען מטמא און מאַכן חרוב! צום אומ־גליק, האָט אָט דער טיפּ „מלוכה־מענטש" אַ קאָמפּלעקס, וואָס לאָזט אים ניט לערנען פון זײַן עקספּעריענץ: אַלץ וואָס די ספּאָנטאַנע כוחות פון פאָלק האָבן געשאַפן, שרײַבט ער צו צו זיך. און די חור־בנות? — דאָס שרײַבט ער טאַקע צו צום אַנאַרכישן כאַאָס, וואָס ער וועט מיטן אייבערשטנס הילף בײַקומען.

יאָ, מיר וואָלטן מסתמא סײַ ווי ניט געווען אײַנשטימיק מיטן וועלטקאָנגרעס. אָבער ווען אָט די מענטשן וואָלטן זיך גענומען „אײַנצוגעמען" די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט מיט נאָרמאַלע, דע־מאָקראַטישע וועגן — וואָלטן זיי, זוכנדיק אַן אויסגעדוכטן אוצר, אויסגעגראָבן אַ ממשותדיקן אוצר! ווען זיי וואָלטן זיך ניט באַגנוגנט מיט נאַרן יענעם און זיך אַליין, ווען זיי וואָלטן זיך גענומען „געווי־נען די ישובים" מיט אָרנטלעכע מיטלען, — וואָלטן זיי דאָך געהאַט די ווונדערלעכע, פּרוכטיקע אויפגאַבע צו „גיין אין פאָלק", רעדן צו די, וואָס קומען אויף אונדזערע געווײנטלעכע „געזעלשאַפטלעכע אַקטן" און צו די, וואָס קומען בלויז, ווען מע פאַרטרײַבט, מיט קאָסטלעכער פּראָפּאַגאַנדע, מיט ישראלישע מיניסטאָרן, צי מיט אַנדערע סענסאַציע־שטעקנס, אין „לונאַ־פּאַרק" אַרײַן... אפשר אויך צו די, וואָס קומען אין „לונאַ־פּאַרק" שוין אויך ניט! צו די, וואָס רעדן ייִדיש, און צו די, וואָס מע וואָלט געדאַרפט (געמוזט!) מאַכן די אָנשטרענגונג צו געווינען זיי פאַרן ייִדישן לשון! ס'איז פאַראַן אַ ברייט פעלד פאַר שיינער אַרבעט — און עס וואָלט מסתמא גאָר־ניט געווען אַזוי אוממעגלעך אויפצוּוועקן די כוחות פאַר אָט דער ריזיקער אויפגאַבע, ווען מע וואָלט אָט די כוחות געזוכט צו וועקן. ווען מע וואָלט זיך ניט באַגנוגנט מיט אַ „כיבוש", וואָס זוכט נאָר צו פּריטשמעליען אָט די כוחות דורך גנבת־הדעת, דורך תקיפות, דורך אָרגאַניזירטן פּעסימיזם, דורך פּוילע, דעמאָראַליזירנדיקע וועגן! ווען די משוגענע מענטשן וואָלטן זיך באַפרײַט פון דער אידייע־פיקס, אַז איינער פון זיי, צי אַ בינטל זייערע, וועלן פון „אויבן", מיט אָט די פּוילע מיטלען, אַראָפּברענגען משיחן — וואָלטן זיי ניט נאָר ניט געשטערט, נאָר געוועקט, אַדרבא, די משיחישע כוחות בײַ איטלעכן מענטשן פון פאָלק. עס איז דורכויס ניט אויסגעשלאָסן, אַז

דעמאָלט וואָלט געקענט פּאַסירן דער נס. אַז מע וואָלט דערגרייכט מער און בעסער אויף אַט דעם אופן — איז דאָך ניט שייַך אַפּילו צו צווייפלען: אונדזער גאַנצע מלוכה-לאָזע געשיכטע באַשטעטיקט עס!

— אַנטקעגן וואָס איז עס געקומען צו רייד? אַנטקעגן דעם מאָד-נעם שפּיצל, וואָס די לעצטע וואַלן אין דער קהילה האָבן אָפּגעטון אונדזערע כיבוש-הקהילותניקעס: לאָזט זיך אויס, אַז דער סאָרט טויערן, וואָס זיי האָבן געשטורעמט, מיט אַלע ניט דיסקרימינירטע מיטלען — זענען גאָר געווען פאַר זיי אָפן, וואָס אָפענער קען מען זיך גאָרניט פאָרשטעלן! נישט מער, וואָס ערשט איצט שטעלט זיך די האַרבע שאלה: האָבן זיי טאַקע די קהילה-קדושה בוענאָס-איַירעס איַינגענומען? זענען זיי כאָטש צוגעקומען אַפּילו צו די ריכטיקע טירן, וואָס פירן צום הארץ פון דעם ישוב?

לאָמיר באַטראַכטן די ציפערן פון דעם וואַל-רעזולטאַט אַ ביסל נעענטער: פון 18 טויזנט שטימען, זענען 14 טויזנט אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אויסגעשפּראָכענע ציוניסטישע פּאַרטייען — וואָס פאַר אַ שייַכות האָט אַט די, ממש צעפּלעטשנדיקע, ציפער מיט דער צאָל פאַמיליעס, וואָס שיקן זייערע קינדער אין דער יידישער שול אַריַין?

און ווו זעט מען יאָ אַט די 14 טויזנט ציוניסטישע פאַמיליעס? מיר גייען אין יידישן טעאַטער, און מיר זעען זיי דאָרט ניט. מיר גייען אויף די פאַרשיידענע קולטור-אַקטן, און מיר זעען זיי דאָרטן ניט. מיר זעען זיי ניט אין די יידישע בוכהאַנדלונגען. מיר זעען זיי ניט אין די יידישע ביבליאָטעקן. מיר זעען זיי ניט אין ייוואָ און מיר זעען זיי ניט אין קולטור-קאָנגרעס, וואָס ביידע האַלטן זיי פאַר זיי די טירן אָפן און לעכצן נאָך זייער מיטאַרבעט און אָנפירונג, נאָך זייערע איניציאַטיוועס, נאָך זייער עצה. יאָ, מאַכט נאָר ניט קיין טעות — מיר זעען זיי אין די העברעיִשע קולטור-מוסדות אויך ניט!

און ווו איז די יוגנט פון אַט די 14 טויזנט ציוניסטישע פאַמיליעס? כ'מיין, מיר רעדן דאָך צווישן זיך, — וועלן מיר דאָך ניט נאַרן איינער דעם אַנדערן מיט די עטלעכע הונדערט חלוצים, וואָס די ניַין האָניק-יאָרן פון דער מדינה האָבן אַרויסגערופן. טאַקע ווידער אַ מאָל — פאַר וואָס צעשפּאַרט ניט די דאָזיקע יוגנט די טירן פון

די ייִדישע און העברעיִשע ביבליאָטעקן? מע זעט אפילו ניט, אַז זיי זאָלן צעכאַפּן די לעבלעכע שיריים פון דער ייִדישער קולטור, וואָס ווערט זיי דערלאַנגט אין שפּאַניש!

מען וואָלט אָט דעם חשבון אויך געדאַרפט מאָנען בײַ די וואַל־ציפערן וואָס שײַך סאָציאַליזם — 12 טויזנט שטימען (פון 18 טויזנט)! זענען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר סאָציאַליסטישע פאַרטייען. איז ווּ איז דער דאָזיקער סאָציאַליזם? ווּ קומט ער צום אויסדרוק אין אונד־זער געזעלשאַפט?

מיר מיינען ניט מיט אונדזערע רייד סתם צו יאָדען עמעצן — מיר מיינען תכלית: מיר גופא ווייסן שוין פון לאַנג, אַז די מלוכה־אַרטיקע וואָלן דריקן ווײַט־ווײַט ניט אוים ניט דעם ווילן, ניט דאָס פּנים פון אַ געזעלשאַפט. מיר האָבן עס שוין געוווּסט, נאָך איידער מיר האָבן איבערגעלעבט די שווידערלעכע עקספּעריענץ, וואָס צענד־ליקער מיליאָנען סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און באָלשעוויקישע שטי־מען האָבן געוווּיגן אין אייראָפּע אין צײַט פון נסיון. וואָלטן מיר געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן אויך עפּעס אָפּלערנען פון דעם סאָרט כיבוש.

יאָ, די ציוניסטן (אויך די סאָציאַליסטן?) האָבן אײַנגענומען דעם ביודזשעט און די אָנפירונג פון דעם אַנשטאַלט, וואָס האָט פריִער געהייסן חברה־קדישא און הײַנט הייסט ער קהילה. ס׳איז זייער ווייניק אײַנגענומען! עס פעלט דער עיקר: אײַנצונעמען די קהילה. מיר מיינען די קהילה, ווי אַ סינאָנים פון דעם ישוב פון אונדזער שטאָט.

אויף צוצוגיין אָבער צו אָט דעם מין „כיבוש", דאַרף מען אַנ־דערע וועגן, אַן אַנדער מאָראַל אפילו. מיט די וועגן און מיט דער מאָראַל, וואָס מע ווענדט איצט אָן אויף צו דערגרייכן דעם כיבוש־הקהילות — קען מען די באַשײַמפּערלעכע עראָזיע פון אונדזער ישוב ניט אָפּהאַלטן. אַדרבא, קיין זאַך איז ניט אַזוי מסוגל צו פאַר־שאַרפן די עראָזיע, ווי אָט די וועגן: די פּראָפּאַגאַנדע וואָס אַפּעלירט צו אייבערפלאַכלעכע עמאָציעס, די תקיפות וואָס צעשטערט לעבע־דיקע פאָלקס־כוחות, דער ביוראָקראַטיזם וואָס דעמאָראַליזירט און מעכאַניזירט, דער עיקר אָבער: די צענטראַליזאַציע, וואָס אַנולירט

אונדזער גרעסטן פאַרמעגן און אונדזער גרעסטע האָפענונג — די ספּאָנטאַנע איניציאַטיוועס פון די פאָלקס־מאַסן.

לאָמיר באַרירן נאָך אַן ענין, און מיר וועלן האָבן געזאָגט כמעט אַלץ, וואָס מיר האָבן דאָ געוואָלט זאָגן.

מיר ווייסן, אַז אין די ישראַלישע קרײַזן איז פאַראַן אַ טענדענץ פאַר עקסטענסיווער, פאַר רויבערישער עקספּלאָאַטאַציע פון די תפוצות: אַרויסנעמען וואָס מער און וואָס גיכער. דער עגאָיִזם ווערט פאַרדעקט מיט אַ מערדערלעכן פעסימיזם — זיי גלייבן ניט אין דער צוקונפט פון די תפוצות.

וואָלטן מיר געוואָלט, צי אפשר פאַרלאַנגט אָדער טאַקע געפאָדערט פון די היגע ציוניסטישע קרײַזן (פאַרשטייט זיך, אַז נאָר פון די, וואָס זענען פעיִק אונדז צו פאַרשטיין!); עס איז זייער חוב אַנטקעגן צו שטעלן זיך קעגן אַזעלכע טענדענצן. סוף־כל־סוף, זענען דאָך ציוניסטישע פאַרטייען ניט קיין באָלשעוויקישע, וואָס דאַרפן אומקאָנדיציאָנעל פאָלגן מאָסקווע.

מער מוט! מער זעלבשטענדיקייט! טאָטאַליזם האָבן מיר שוין גענוג, איבערן האַלדז!

מײַ 1957

ייִדישע קולטור אין די תפוצות *

— 1 —

אונדזער דור גייט אַוועק.

אַ מאָל האָבן מיר געהאַט ספקות וועגן דעם, צי די אינטעלעקטו־עלע און מאָראַלישע אייגנשאַפטן פון אונדזער דור שטייען אויף דער הייך פון די גרויסע און דרינגלעכע אחריותן פון אונדזער תקופה. די ענטפערס, וואָס האָבן זיך צוגענומען בײַ די גרויסע סעקטאָרן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אויף די האַרבע פּראָבלע־מען פון אונדזער צײַט, זענען געווען אַדעקוואַטע. נאָך מער האָבן אונדז באַאומרויִקט די אופנים, וואָס דאָס רוב פירנדיקע כוחות אונדזערע האָבן גענוצט אויף אויסצווירקן זיך: די אופנים האָבן אונדז אויסגעוויזן צו זײַן צו דענאַטוראַליזירטע, צו פיל אַנטלאָפן פון מענטשלעך־דירעקטע קאָנטאַקטן, צו פאַרמלוכישטע, צו ככל־הגוייִמדיקע. ווי דער אָפּענער מויל פון אַ תהום האָט אונדז גע־שראָקן די אַפּאַטיע פון די גרויסע מאַסן פון אונדזער פאָלק כלפּי דעם גורלדיקן מאָמענט — אַזוי, לפּחות האָט עס אונדז אויסגעוויזן.

איצט, אַז אונדזער דור איז שוין אָפּגעגאַנגען דאָס רוב פון זײַן וועג, און מיר קענען אים שוין באַטראַכטן פון אַ דיסטאַנץ, אַוודאי שוין אויך מיט נאָסטאַלגיע — מוזן מיר צוגעבן, אַז די מעשים, וואָס אונדזער דור האָט אויפגעטון, גיבן אים, אדרבא, דאָס רעכט אָנגע־רופן צו ווערן אַ גרויסער דור: אַ ייִד, אַ זקן פון אַ 75 יאָר, קען דאָך

* רעדע אויף דער פײַערלעכער דערעפענונג פון דער 6טער קולטור־קאָנפערענץ פון דעם אַרגענטינער קולטור־קאָנגרעס.

זאָגן, אַז אין משך פֿון זײַן לעבן האָבן ייִדן באַוויזן איבערצופֿלאַנצן כמעט אַ העלפֿט פֿון פֿאָלק פֿון די אַלטע, אײַנגעוואָרצלטע היימען אין נײַע, איבערימיקע ישובים; צוצופּאַסן אַ כמעט מיטלעלטערלעך פֿאָלק צו אַן אולטראַ-מאָדערנעם לעבן-שטייגער; וואָך צו מאַכן רע־לאַטיוו-גרויסע צאָלן ייִדישע מענטשן פֿאַר די נאָבלסטע אומרוען פֿון דער הײַנטיקער מענטשהייט; שאַפֿן אַ װוּנדערלעכע ייִדישע לי־טעראַטור אין ייִדיש און אין העברעיִש; געשטאַלטיקן, כמעט שאַפֿן, צוויי הויך-אַנטוויקלטע שפּראַכן: ייִדיש און העברעיִש; שאַפֿן אַ ייִדישע וויסנשאַפֿט; אָנהייבן און דערפֿירן צו אַ רעאַליטעט אַ צוויי־טויזנט-יאָריקן חלום פֿון דער אומה: שיבת ציון... און אפשר נאָך מער צײַגט איבער דווקא די גרויליקע טראַגעדיע פֿון אונדזער דור, וואָס אַזאַ פּאַסירט ניט מיט קיין דורכשניטלעכע מענטשלעכע קיבו־צים. נאָר אַ ישוב, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ געלערנטן ווי אײַנ־שטיין, אַזאַ נביאישן וויזיאָנער ווי לאַנדויער, אַזאַ ליכטיקע רעוואָלו־ציאָנערע געשטאַלט ווי לוקסעמבורג, האָט געקענט אויפֿוועקן צו זיך אַזאַ גיהנמדיקע שנאה ווי די נאַציִשע. נאָר אַזאַ שעפֿערישער דור ווי דער פֿון דעם הײַנט-צײַטיקן מזרח-אייראָפּעיִשן ייִדנטום, האָט געקענט אַרויסרופֿן צו זיך די שדישע שנאה אין די קראַנקע געזעל־שאַפֿטן פֿון די הײַנטצײַטיקע פּוילן, רומעניע, אוקראַיִנע, רוס־לאַנד אאַז״וו.

עס איז, על כל פּנים, אַ פֿאַקט, אַז די דרײַ גרעסטע חורבנות אונדזערע האָבן פּאַסירט אין צײַטן, ווען דער ייִדישער גײַסטיקער אומרו האָט דערגרייכט צו די העכסטע שפּיצן זײַנע. מיר האָבן עס געמוזט זאָגן, מחמת עס זענען פֿאַראַן מענטשן, וואָס פֿאַרשטייען עס ניט. דאָס ניט פֿאַרשטיין עס איז, אַגב, אויך אַ סימפּטאָם פֿון בלינד־קייט פֿאַרן תמציתדיקסטן פֿון דער ייִדישער נשמה און פֿאַר אירע העכסטע מדרגות, וואָס זי האָט דערגרייכט: די גבורהדיקע און באַ־שטענדיקע אײַנשטעלעניש פֿאַר דער מענטשלעכער פֿרײַהייט, פֿאַרן מענטשלעך-עיקרדיקסטן רעכט צו באַשטעטיקן די אייגענע פּער־זענלעכקייט, פֿאַר דער מענטשלעכער חשיבות. דאָס איז אַ סימפּ־טאָם פֿון בלינדקייט פֿאַר דער דערהויבנסטער מענטשלעכער מידה, וואָס גראָד יענע ייִדן, וואָס דער גורל האָט זיי אויסגעקליבן פֿאַר

ברענשטאָף אין די קרעמאַטאָריעס, האָבן עס געהאַט אָנגעאייגנט מער ווי ווער עס איז אַנדערער: קדושה!

— 2 —

נו, אַט האָבן מיר שלום געמאַכט מיט יענעם, שוין ווײַט גרעסטן טייל פון אונדזער טראַגישן דור, וואָס איז שוין אַוועק פון אונדזער האָריזאָנט. — פילן מיר זיך אויך בשלום מיט דעם שארית פון יענעם דור, וואָס דערלעבט איצט זײַנע אָנגעצייכנטע יאָרן אויף פאַרשיידענע נײַע ערדן, הגם זײַן גײַסטיקע יניקה ציט ער — איטלעכער נאָך זײַן מדרגה נאָך — פון ערדן וואָס, פאַר אונדז, זענען זיי שוין „ערדן של מעלה״? — אויף דעם מוזן מיר מיטן פולן מויל ענטפערן: ניין! מיטן גאַנצן האַרצן און מיטן גאַנצן נפש אונדזערן זענען מיר אומצופרידן מיט אים: מיר זענען ניט צופרידן מיט זײַן גראַד וואַכקייט פאַר דער אויסנעמלעכערווירקלעכקייט, וואָס ער לעבט אין איר, און פאַר די אויסנעמלעכע פּראָבלעמען וואָס מאָנען ענטפערס. מיר זענען ניט צופרידן מיט דער מידקייט וואָס ער ווײַזט אַרויס, אָן רעכט אויף דעם. מיר זענען ניט צופרידן מיט זײַן ווייכקייט, מיט זײַן נאָכגיביקייט, מיט זײַן אָפּווייכן פון דער הייליקער עקשנות און פון דעם אומדערמידלעכן קלאַמערן זיך אָן די תמציתדיקע ווערטן פון זײַן נשמה, בעת אָט די עקשנות האָט, מער ווי אַלץ, כאַראַקטעריזירט דאָס ייִדישע פאָלק און זײַן גאַנג אויף דער וועלט. און דאָרטן, ווו אונדזער דור רעאַגירט יאָ, זענען מיר ניט צופרידן מיט דעם אופן ווי ער טוט עס. אונדז ווײַזט זיך אויס, אַז אונדזער דור פאַרלאָזט צו אָפּט דעם לעבעדיקן, געטלעכן גײַסט פון זײַנע אָבות און האָט זיך געמאַכט געטשעס פון זײַנע אייגענע מעשי ידי אָדם. אונדז דאַכט זיך, אַז אונדזער דור מאַכט פון טפל אַן עיקר, פון מיטל אַ ציל. און דער עיקר און דער ציל ווערן פאַרשעמט.

נאָך קיין מאָל אין אונדזער געשיכטע איז אַן אָפּגייענדיקער דור ניט געשטאַנען אויפן ראַנד פון אַזאַ תהום, ווי אונדזערער — אַ תהום צווישן אים און זײַנע יורשים, וואָס זענען ניט צוגעגרייט איבערצונעמען דאָס ווערטפולסטע פון דער ירושה, וואָס דאָס פאָלק

האָט, פאַרן פּרײַז פון אויסטערלישע קרבנות, דורכגעטראָגן דורך אַלע פײַערן, דאָס תמציתדיקסטע פון דעם פאָלקס נשמה, דאָס וואָס באַשטימט דעם עיקר פון דעם פאָלקס פערזענלעכקייט.

אַלע אונדזערע יורשים זענען אָדער געבוירן אין נײַע ישובים, אָדער אין אַזעלכע אַלטע ישובים, ווו גוואַלט האָט פאַרצויגן אַ שטריק איבערן ייִדישן האַלדז און וואָרגט אים ביז, שונאי ציון, זײַן נאַציאָנאַלע נשמה זאָל אויסגיין.

מיר האָבן ניט פאַר זיך יענע מעגלעכקייט, וואָס פּאַרצײַטיקע נײַע ישובים האָבן געהאַט: ניטאָ אין ערגעץ קיין אײַנגעפונדעוועטער ייִדישער בבל, וואָס פיר פאָרוואָלגערטע שליחים פון דאָרטן זאָלן קענען אײַנפלאַנצן די תורה אין פיר נײַע ישובים. ניטאָ קיין מדינת אַשכנז, פון וואַנען די נײַע פוילן האָט אַזוי לאַנג געקענט אימפּאָר־טירן רבנים און מלמדים, ביז עס איז אין נײַעם ישוב אָנגעצונדן געוואָרן אַן אייגענע תורה־ליכט.

דאָס פּראָבלעם איז, אין תוך, שײַך אויך ישראל. אויך דאָרטן הערשט דאָס נאַטור־געזעץ מכוח נײַעם קולטור־באָדן. אויך דאָרטן לעבט מען דערווײַל אויפן אָפּגעשפּאָרטן און אָפּגעראַטעוועטן. אויך דאָרטן וועלן נאָך מסתמא אַ סך וואַסערן אָפּפליסן, ביז עס וועלן אויפקומען אויטאָקטאָנע ביאַליקס. דורות וועלן דאַרפן זייער ערנסט און זייער טיף אַקערן דעם נײַ־אַלטן באָדן, ביז מיר וועלן זוכה זײַן דערצו. מיר דאַרפן זײַן געוואָרנט קעגן דעם אייבערפלעכלעכן אָפּ־טימיזם מכוח דער אומאַסימילירלעכקייט אין ישראל: אַזאַ אָפּטי־מיזם מוז זיך דעקן מיט זייער גרינטלעכער און זייער באַוווּסטזיני־קער אַרבעט — אין דער געשיכטע איז פאַראַן אַ גרויסער בית־הקברות פון פעלקער, וואָס האָבן זיך אַסימילירט זיצנדיק אין זייערע אייגענע לענדער. עס האָט איין מאָל ניט קיין סך געפעלט אַפילו, אַז ייִדן גופא זאָלן, אין אייגענעם ארץ־ישראל, חלילה פאַרשווינדן אין העלענישן ים. ווער עס האָט פערזענלעכקייט און ווילן אָט די פערזענלעכקייט אויפהיטן, האָט אומעטום און אַלע מאָל איין און איינציקן זיכערן מיטל צו דערגרייכן זײַן ציל — דאָס איז די כסדר־דיקע גרייטקייט אײַנצושטעלן זיך דערפאַר!

אָבער אונדזער פּראָבלעם איז, אַלנפאַלס, ניט דער ערך האַר־

בער אין די תפוצות. און פון די קנאַפּע צוועלף מיליאָן יידישע נפשות, וואָס לעבן איצט אויף דער וועלט, געפינען זיך גאַנצע צען מיליאָן אין די תפוצות!

— ווי האַלטן מיר מיט די נייַע דורות אין די תפוצות? דאָס בילד, וואָס אָט די שאלה שטעלט אַוועק פאַר די אויגן, איז אַזאַ אָפּשרעקנדיקס, אַז מען איז גענייגט צו אַנטלויפן פון דעם. אָבער מיט פאַרמאַכן די אויגן אויף דער ווירקלעכקייט וועט מען די גרוילִיקייט אירע ניט פאַריאָגן. מיר דאַרפן אַנטקעגן קומען די אַלע שווערע פּראָבלעמען מיט אָפענע אויגן, און מיר דאַרפן אויפנעמען אַן אומאויפהערלעכן קאַמף פאַרן קיום. און דער קאַמף דאַרף זייַן אַן ערנסטער, ניט אויף אָפּצונאַרן זיך אַליין. דער קאַמף דאַרף זייַן אַ מוטיקער, און אין דעם דאַרפן מיר אָפּלערנען פון אונדזערע אָבות, ווי זיי האָבן געקעמפט אין ענלעכע און אין נאָך שווערערע תנאים. און זיי האָבן מנצח געווען. אויך מיר דאַרפן קריגן אָט דעם גלויבן אין ענדגילטיקן נצחון.

מיר האָבן צו פיל שלום געמאַכט מיט אַ סך אָפּגעלאָזנקייטן, מיט אַ סך היזיקות, מיט אַ סך ווייטיקדיקע מפּלות אין אונדזער לעבן. לאָמיר נעמען איין פאַל פאַר אַ משל — מיר האָבן שוין כמעט שלום געמאַכט מיט דעם, וואָס לשון יידיש ווערט פאַרגעסן בייַ די נייַע דורות. מיר האָבן שוין כמעט רעזיגנירט לגבי די כסדרדיקע צוריקטריטן פון דער יידישער פּרעסע, פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דעם יידישן טעאַטער. פון דעסט וועגן, ווייסן מיר אַלע, אַז יידיש איז אַן עיקר-העיקרים אין אונדזער הייַנטיקן לעבן: מחמת מיר קענען ניט און טאָרן זיך ניט פאַרגינען צו פאַרלירן יענע אומשאַצלעכע אוצרות, וואָס קענען ניט אַריבערלעבן די כלי וואָס האַלט זיי אויף.

אַוודאי איז ניט שייַך אונטערצונעמען אויף אָט דעם באָדן קיין קעגן-אָנגריף, מיט מהיכא-תיתאדיקע צואַנגען. גרויסע צילן פאָדערן הערואָישע אָנשטרענגונגען. לאָמיר זיך לערנען און לאָמיר געפינען אַ שטאַרקונג בייַ געוויסע טיילן פון אונדזער פאָלק, ווי עס האָט זיך אויפגעהאַלטן אַן עכטער גלויבן: די ליובאַוויטשער חסידים, למשל, האָבן ניט אָפּגעלאָזט זייערע הענט, און זיי האַלטן אָפּ נצחונות אין

די נײַסטע און האַרטסטע באַדנס. אויך מיר וועלן מנצח זײַן, אויב מיר וועלן ניט צוגיין מיט קיין צו גרינגע הערצער, מיט קיין לײַכטע, מונדאַנע געמיטער. אוודאי וועט בײַ די נײַע דורות פּאַר אַ צײַט יידיש זײַן בלויז אַ לשון-הקודש! אָבער ווען אָט דער לשון-הקודש וועט אַרומנעמען גרעסערע מאַסן, וועט עס סוף-כל-סוף ווערן אויך אַ לשון-חול. דערווײַל וועלן מיר שוין צוגעבן פרישע שטראָמען צו דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און טעאַטער, צו דער ייִדישער וויסנשאַפט. פון קלענערע שטראָמען ווערט מען אויך ניט בדלות!

עס זענען געבליבן שפּורן אין דער ייִדישער געשיכטע פון אַן ענלעכן פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַזעלכע נײַע ישובים, וואָס זיי איז שפּעטער אויסגעקומען צו שפּילן אַן ערשטקלאַסיקע ראָל אין דער גאַנצער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק: אין די אָנהייבן פון ייִדישן ישוב אין די סלאַווישע לענדער, האָבן צאָלן ייִדן גענוצט סלאַווישע שפּראַכן. עס איז נאָך ניט קלאָר, צי די סלאַווישע שפּראַכן זענען געקומען פון אויטאָקטאָנע ייִדישע ישובים, אָדער פון די גײַס-טיק פאַרוואָרלאָזטע קינדער פון די נײַ-אײַנגעוואַנדערטע ייִדן, וואָס האָבן געלעבט צעשפּרייט איבער טויזנטער דערפער. ווײַזט אויס, אַז ייִדיש האָט זיך אימפּאָנירט דורך די תורה-פּאַרטײַטשן פון די מלמדים, וואָס מען פלעגט אימפּאָרטירן פון דײַטשלאַנד, דורך די דרשות פון די מגידים, דורכן בײַשפּיל פון די רבנים. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אין די איצטיקע נײַע ישובים זאָל זיך איבערחזרן אַן ענלעכער פּראָצעס — אויב אונדזער ווילן זאָל זײַן אַזוי שטאַרק ווי דער פון יענע מלמדים, יענע מגידים, יענע רבנים און יענעם עולם!

אויף דורכצופירן אָט דעם ציל, וועלן מיר דאַרפן באַנוצן ניט נאָר גלויבן און ווילן, נאָר אויך פאַרשטענדעניש בײַם באַשטימען אין דער דערציִונג פון די נײַע דורות די גרענעצן פון די ספערן פון ייִדיש און העברעיִש. ניט נאָר דאַרף שאַרף און קלאָר פאַראורטיילט ווערן די אומדערקלערלעכע אויסשליסלעכקייט פון העברעיִש, נאָר עס דאַרף, קלאָר און שאַרף, אונטערגעשטראָכן ווערן די פאַרצוג-לעכקייט פון ייִדיש אין דער דערציִונג און אין דער קולטור-אַרבעט בכלל. אַן העברעיִש איז ניט מעגלעך פאַרצושטעלן זיך קיין העכערע ייִדישע דערציִונג. אַן געוויסע, ספּעציפישע העברעיִשע קורסן איז

ניט מעגלעך אַנצוהאַלטן דעם לעבעדיקן בריק צווישן די תפוצות און ישראל. אָן ייִדיש איז אָבער שווער פֿאָרצושטעלן זיך, בכלל, קיין קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו באַטײַטנדיקן המשך פֿון ייִדישן פֿאָלק אין די תפוצות.

מיר האָבן פֿאַר די נײַע דורות, וואָס קענען ייִדיש, אַ ייִדישע פּרעסע, אַ ייִדישע ליטעראַטור, אַ ייִדישן טעאַטער, ייִדיש געזאַנג, ייִדישע קולטור־מוסדות, ייִדישע געזעלשאַפֿטן וווּ ייִדיש לעבט און דאַרף לעבן, אַ ייִדיש פֿאָלק וואָס רעדט ייִדיש און וואָס פֿאַרשטייט ייִדיש. אויב מיר וועלן ניט ווײַזן קיין שכל און כוח אויסצונוצן אַט די אַלע פֿאַראַנענע פֿאַקטאָרן פֿאַר המשך — איז וואָס, אימשטיינס געזאָגט, וועלן מיר שוין אויספֿירן מיט עטלעכע העברעיִשע ווערטער, וואָס האָבן גאָר קיין באָדן ניט וווּ צו קריגן חיות? ביז מיר וועלן אין בוענאָס־אײַרעס האָבן אויף העברעיִש אַזאַ טעאַטער ווי מיר האָבן הײַיאָר אין ייִדיש; ביז מיר וועלן האָבן אַזאַ פֿאַרוואָרצלטע און לעבעדיקע פּרעסע אין העברעיִש, ווי מיר האָבן עס אין ייִדיש; ביז מיר וועלן האָבן אַזאַ העברעיִש־ריידנדיקע און העברעיִש־פֿאַרשטייענדיקע געזעלשאַפֿט, ווי מיר האָבן עס אין ייִדיש — קענען מיר נאָך, חלילה, צוגעדעקט ווערן, מעטערס איבערן קאָפּ, פֿון דער אַסימילאַציע! פֿון שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, אָפּגערעדט.

מיר גלייבן באמונה שלמה, אַז די ישראלישע אינסטאַנצן פֿאַרווענדן שלעכט זייער אויטאָריטעט און זייערע־אונדזערע געלט־מיטלען, ווען זיי ווילן דורך שטערן אָדער צעשטערן ייִדיש און דורך באַמיִונגען צו אימפּאָנירן העברעיִש אין די תפוצות, דערגרייכן די פֿאַרבינדונג פֿון ישראל מיט אַלע ישובים. אַט די נייטיקע פֿאַרבינדונג קען ניט דער ערך לײַכטער דערגרייכט ווערן דורך אײַנפֿירן דעם ייִדיש־לימוד אין ישראל. דאָרטן וועט ייִדיש ניט זײַן קיין דריטע שפּראַך, נאָר אַ צווייטע. די ישראלישע אינסטאַנצן האָבן דאָרטן מער מאַכט (און מער רעכט איז אויך ניט קיין קלייניקייט!) דורכצופֿירן דעם לימוד. און עס וועט גאָרנישט שאַטן די נײַע ישראלישע דורות, אויב זיי וועלן ניט איבעררײַסן אַזוי גיך זייער זעלישע פֿאַרבינדונג מיט דער טויזנט־יאָריקער קולטור און מיט דעם לשון, וואָס מיט אים זענען ניט נאָר ייִדן געגאַנגען אין די קרעמאַטאָריעס אַרײַן,

נאָר אויך אין די בתי־מדרשים און ישיבות, אויף באַריקאַדן און אויף תליות, אויף חלוציות, אויף צו באַנייען און באַפּרוכפּערן העברעיִש גופא. עס איז נאָך צו פרי דאָרטן אַוועקצוּוואַרפן די שפּראַך, וואָס כמעט אויסשליסלעך דורך איר איז געשאַפן געוואָרן די מדינה, מיטן תמציתדיקסטן, וואָס אין איר איז פאַראַן.

דערוויַיל האָבן נאָך די, וואָס זענען ניט געבוירן געוואָרן צום גייַסטיקן לעבן דורך ייִדיש, ניט באַשאַפן קיין גרויסע ליטעראַרישע ווערטן אויך אין העברעיִש, ניט אַרויסגעגעבן אַפילו פאַר העברעיִש אַזאַ פּיאָנער ווי בן־יהודה, אָדער אַזאַ קנאי ווי קלויזנער. אַפילו ווען זיי וועלן שוין דער מאַמען ניט דאַרפן, וועט אויך ניט זיַין קיין שייַנע מידה צו פאַרגעסן אָן איר. אָבער דערוויַיל דאַרפן זיי זי נאָך צוליב טויזנט טעמים!

לשון ייִדיש איז וויַיט ניט דער איינציקער קולטור־איטעם, וואָס פאָדערט אונדזערע טיפסטע זאָרגן. און אַוודאי איז ייִדיש ניט דער איינציקער פּונקט, וווּ מיר זענען מחולק מיט געוויסע שיכטן, וואָס מיר האָבן מיט זיי אַ גרינטלעכע דין־תורה אויפן גאַנצן פראָנט, מחמת מיר זעען, אַז אין נאָמען פון אַ געדאַכטן נאַציאָנאַליזם, פאַר־ניינען זיי אין דער אמתן, און זיי פירן, אַלנפאַלס, צו דער אָפּווישונג פון אַ סך הייליקסטע, וועזנטלעכסטע, וויטאַלסטע ווערטן פון דער נאַציע.

מיר האָבן זיך דאָס מאָל אָפּגעשטעלט אויספירלעכער אויף לשון ייִדיש, ווי אַ דוגמא.

— 3 —

מיר וועלן נאָך מוזן צורירן זיך צו נאָך איין פּונקט, מחמת מיר גלייבן ניט, אַז עמעצער זאָל בנוגע דעם קענען אָפּלערנען אַ גזירה־שווה פון דעם פריִערדיקן — מיר טראַכטן וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון אונדזער קולטור־לעבן אין די תפוצות.

מיר האָבן אָנוסטן געהערט, ווי איינער האָט, בעת די דעבאַטן וועגן ייִדיש, דערקלערט, אַז די רעגירונג פון ישראל דאַרף זיַין די רעגירונג פון גאַנצן ייִדישן פאָלק. דאָס דאָזיקע איז אַזוי אוממעגלעך,

און, סײַ ווי, וואָלט עס געווען אַזוי באַשײַמפּערלעך צעשמעטעריש, אַז מיר וואָלטן עס אַפילו ניט דערמאָנט. אָבער יענע נאַיִווע דער־קלערונג וועט אונדז דינען אויף אונטערצושטרײַכן דעם כאַראַק־טער פון אַ סך געזעלשאַפטלעכע האַנדלונגען בײַ אונדז, וואָס וואָלטן געמעגט, לויט זייער מהות, אָפּשטאַמען פון יענעם ווילדן חלום.

פֿאַר אַזעלכע „נאַוואָבראַנצעס" אין מלוכישקייט ווי ייִדן זענען, קען געמאָלט זײַן אַז מען דאַרף פֿאַרלירן אַ פּאָר ווערטער מכוח דעם, פֿאַר וואָס אַזאַ זאַך איז ניט מעגלעך: אַ גרונטיקער יסוד פון אַ דע־מאָקראַטישער מלוכה איז, אַז קיין רעגירונג קען ניט אַרויפלייגן קיין התחייבותן אויף מענטשן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין דעה בײַם אויסוויילן זי. אַלע ווייסן, וואָס פֿאַר אַ קאַרדינאַלע ראָל עס האָט געשפּילט, סײַ אין דער ענגלישער רעוואָלוציע פון 17טן יאָר־הונדערט און סײַ אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע פון 18טן יאָר־הונדערט, דאָס וואָס בירגער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן שטײַערן, וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אָן דער אינטערוועניץ פון זייערע פֿאַרטרעטערס. ווען מיר וואָלטן צוגעשטימט אָנצונעמען אויף זיך דעם עול פון געזעצן פון אַ פּאַרלאַמענט, וואָס אונדז איז ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט אויסצואיבן אויף אים אונדזער מינדסטע השפּעה — וואָלטן מיר — קענען דעם בפּירוש פֿאַרבאָט פון דער תורה! — זיך אַליין געמאַכט פֿאַר קנעכט און זיך אויסגעשטעלט צו אַ מאַסע פּסיכישע קאָנסעקווענצן פון דער קנעכטשאַפֿט. מיר וואָלטן מסרם געווען אונדזער ווילן, אונדזער איניציאַטיוו־פֿעיִקייט, אונדזער קריטישן שכל אאַז"וו. מיר וואָלטן אָנגעוווירן יעדן סטימול צו שטודירן ערנסט פּראָבלעמען פון אונדזער פֿאָלקס־לעבן, ווי באַלד מיר וואָלטן אויף דעם קיין דעה ניט געהאַט.

לאָמיר זיך באַנוצן מיט אַ בילד, כּדי צו געווינען צײַט: אין ישׂראל דאָמינירט איצט די רעגירונג די מפּא"ישע פּאַרטיי — זיכער אַ דעמאָקראַטישע און אַזאַ, וואָס ווײַכט וויניקער אָפּ פון די מיי־נונגען פון דער מערהייט פֿאָלק אויך אין די תּפוצות. נו, אָט האַלטן זיי איצט אָפּ אין ישׂראל באַראַטונגען מיט אינטעלעקטואַלן פון די תּפוצות וועגן טיפֿע קולטור־פּראָבלעמען — האָבן מיר פון דאַנען אויסגעוויילט אונדזערע פֿאַרטרעטערס? אָדער צי מען האָט פון

דאָרטן פאַרבעטן די דעלעגאַטן וואָס זענען זיי וויל געפעלן? און אַט זענען מיר אַפּיקורסים, וואָס טראַכטן, אַז די וואָס מען האָט פאַרבעטן, וועלן לכתחילה צושטימען צו אַלע באַשלוסן, וואָס מען וועט דאָרטן פאָרלייגן. און נאָך אַ שאלה: — צי האָט מען צוגעלאָזט פאָרטרעטערשאַפט פון דער מינדערהייט? אָדער האָט מען בכלל די פאָרטרעטערשאַפט צוגעטיילט ווי אַ פּרעמיע פאַר קאָנפאָרמיזם? וואָס וואָלט פּאַסירט, אויב די רעגירונג דאָרטן זאָל אַריבער צו דער חרות? און מיר ווילן ניט ברענגען פאַר די ליפּן קיין אַנדערע וואָר-שײַנלעכקייטן! וואָלטן מיר דעמאָלט געדאַרפט, וואָלטן מיר געמעגט נאָכלויפן?

אָבער נאָך ניט דאָס איז דער עיקר. אונדזער דור איז אַזוי פאַר-כאַפּט געוואָרן פון דער נײַער צאַצקע, וואָס עס האָט אַרײַנגעקראָגן אַז ער האָט פאַרגעסן אַז די רעגירונג איז, לכל-הדעות און אין בעסטן פאַל, ניט מער ווי אַן אומאויסמײַדלעכע בייז. בטל ווערן פאַר דער מלוכישקייט און פאַר אירע סימבאָלן איז, סײַ לויט דער תורה און סײַ לויטן מאָדערנעם סאָציאַל-פּסיכאָלאָג עריק פראָם, למשל, ניט עפּעס אַנדערש ווי געצנדינסט. דאָס איז קני̇ען פאַר מעשי ידי אָדם!

וואָלטן מענטשן ניט געווען פאַרכאַפּט פון אָט דער עבודה-זרה, וואָלטן זיי געזען אַז גראָד פאַר דער קולטור-פונקציע האָט די מלוכה קיין מאָל ניט געטויגט: די מלוכה איז אַ מעכאַנישע אינסטיטוציע, וואָס איז ניט צוגעפּאַסט צו שאַפן. אומעטום, ווו מלוכה האָט איבער-גענומען די הערשאַפט איבער קולטור, איז די קולטור דעגראַדירט געוואָרן.

דאָ דאַרף מען אָפּלערנען אַ גזירה-שווה אויסצומײַדן אַפילו יענע אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס, וואָס מאַכן נאָך די מלוכה-פאָרמען. מען מאַכט בײַ אונדז איבערגעטריבענעם פּירסום פאַר די אַלע צענטראַליזאַציעס, וואָס נאַי̇ווע מענטשן נעמען זיי אָן פאַר קאָנסאָ-לידאַציע פון אונדזער אָרגאַניזירונג. מיר לייענען שוין אין אויסלאַנד, אַז אין בוענאָס-אײַרעס איז אויסגעוואָקסן אַ געזעלשאַפטלעך לעבן, אַז דאָ בויט מען שול-פּאַלאַצן, עס וואַקסן פאַרלאַגן, אאַז"וו... מחמת מיר זענען „צענטראַליזירט". אין דער אמתן, שטעקט הינטער יעדער צענטראַליזאַציע אַ שווערע דראַמע: פאַרשטויסונג פון ספּאָנטאַנע

טוערס, וואָס זייער איניציאַטיוו, זייער שעפערישע אַרבעט- און וויר-קונג-מעגלעכקייט ווערט אַנולירט און פאַרביטן מיט קאַסטלעכער און עקרדיקער ביוראָקראַטיע. דער אמת איז, אַז אויב אַט דער סטימולירטער צענטראַליזאַציע-פּראָצעס זאָל חלילה אָנגיין — שטייט דער גאַנצער אויפטו פון דער שפּרודלדיקער, ספּאָנטאַנער שעפע-רישקייט פאַר די קרוב זיבעציק יאָר פון אונדזער ישוב, פאַר אַ זייער ערנסטער סכנה.

דער גרויסער כלל איז דאָס אויפהיטן, סטימולירן און אַנטוויק-לען די אַלטע ספּאָנטאַנע פאָלקס-אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן אויפגעהיט אונדזער קולטור אין משך פון טויזנטער יאָרן, און אָן זיי האָט אַפילו קיין זין ניט צו דערוואַרטן אויף להבא קיין המשך פון עכטער און טיפער קולטור: דאָס, וואָס מען רופט „לעוואַנטיניזם", איז ניט קיין אויסשליסלעכקייט פון נאָענטן מזרח — עס קען זיך פּראָדוצירן אין אַלע געאָגראַפישע פונקטן.

— 4 —

צי מאָנען מיר ניט צו פיל פון אונדזער מידן רעשטל פון אַ שווער-געפּרוווטן דור?

אַט די שאלה דערמאָנט אונדז אָן אַ מעשה וועגן אַ חסידישן רבין, וואָס האָט אין לעצטן טאָג פון זיַין לעבן, אַ שטאַרק אָפּגע-שוואַכטער שוין, גענומען אָנטאָן די תפילין צום דאַווענען. אָבער באַלד האָט ער גענומען זיי צוריק אויסטאָן: „היַינט בין איך פּטור פון לייגן תפילין!" די אויסטערלישקייט פון אָט דער פאָלקס-מעשה באַשטייט אין דעם, וואָס דער רבי איז געווען אַזוי זיכער, אַז דער טאָג איז זיַין יום-המיתה, אַז ער האָט איַינגעשטעלט. אַ פּשוטער ייִד פון יענער ציַיט וואָלט ניט געשטעלט אויף זיך אויסצונוצן די לעגאַלע פאַרליַיכטערונג פון דעם עול, וויַיל ער וואָלט מורא געהאַט, טאָמער איז יענער טאָג ניט דער לעצטער.

אָט דער עול-המצוות, וואָס דער ייִד האָט געטראָגן אַלע טעג פון זיַין לעבן, האָט אים געגעבן די קדושה און דעם כוח אַריבערצו-לעבן אַלע שוועריקייטן. דאָס בילד פון דער ייִדישער געשיכטע וואָלט

מסתמא ניט געווען אַזאַ חשיבותדיקס, ווען די ייִדישע אמונה וואָלט, ווי אַנדערע רעליגיעס, געשטעלט דעם עיקר־טראָפּ אויפֿן גלויבן און ניט אויף מצוות און מעשׂים־טובֿים.

צום באַדויערן, האָבן מיר אין פּראָצעס פֿון מאָדערניזירן זיך, פֿון איבערנעמען השפּעות פֿון דער וועלט, זיך אויך געלאָזט אָנ־שטעקן מיט אַ געוויסער לײַכטקייט. עס לאָזט זיך גוט מערקן בײַ אונדז די נייגונג צו יוצא זײַן פּאַר אידייען און אידעאַלן מיט הוילן גלויבן אין זיי און מיט חיבה. מיר באַנוצן ניט דאָס וואָרט ליבע אָדער אהבה, נאָר חיבה — אויפֿן משקל פֿון פֿרישמאַנס באַרימטן עפּיגראַם מכות אַ מלמד וואָס האָט אײַנגעהאַנדלט אַ ציג. דער מלמד האָט שטאַרק געחובבט זײַן ציג, זי געצערטלט און געגלעט. אָבער קיין עסן האָט ער איר ניט געגעבן, און וואָס פּאַר אַ סוף די ציג האָט געהאַט, איז זיך לײַכט אָנצושטויסן.

„דער טאָג איז קורץ, און די אַרבעט איז גרויס, און די אַרבעטער זענען פֿויל, און אין קאָן שטייט אַ סך, און דער באַלעבאָס יאָגט, און ניט דו ביסט באַרופֿן די אַרבעט צו ענדיקן, און ניט דו ביסט פֿרײַ אַרויסצודרייען זיך פֿון איר”.

אונדזער דור וועט שוין ניט באַווײַזן אַרויסצוענדיקן זײַן גרויסע אַרבעט. אָבער ווען מיר וואָלטן עפּענען אונדזערע אויגן אויף דעם פּאַרנעם פֿון אונדזער אויפֿגאַבע, אויף איר גורלדיקער וויכטיקייט און אויף איר דערהויבענער שיינקייט — וואָלטן מיר דורכגענומען געוואָרן מיט אַזאַ פֿלאַקער, אַז אַלע קליייניקייטן און אַלע מידקייטן וואָלטן אין אים פֿאַרברענט געוואָרן און פֿאַרשוווּנדן.

אויגוסט 1957

דער מלך און דער נביא

עריך פראָם פאָרשט דאָס זייער הארבע פסיכאָלאָגישע פראָבלעם פון די מאַסן פון אונדזער תקופה, וואָס ברי̇ען זיך מיט זייער פרײַ־הייט און זיי איילן זיך אָוועקצולייגן זי צו די פיס פון דעם ערשטן בעסטן דיקטאַטאָר. מיר עצהן פון גאַנצן הארצן צו באַקענען זיך מיט פראָמס זייער ערנסטע פאָרשונגען — אין פסיכישע פראָבלעמען איז דאָס באַקענען זיך מיטן ריכטיקן דיאַגנאָז אַ מאָל שוין אויך די ריכטיקע רפואה צו דער קרענק. פראָם שטודירט אויך דאָס פסי־כישע פראָבלעם פונעם דיקטאַטאָר — עס איז אָוודאי אויך נישט אַזוי איינפאַך, אַז אַ מענטשלעכע באַשעפעניש זאָל זיך אַרײַנלאָזן אין דער געמיינער און אַנטמענטשנדיקער תאווה צו הערשאַפט, וואָס צוקומען דערצו מוז מען אויך דורך געמיינע און אַנטמענטשנ־דיקע מיטלען. נאָך יותם, אין דער צײַט פון די שופטים, האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז אַ נוצלעכער פרוכט־בוים וועט ניט וועלן פאַרלאָזן זײַן עובדה וואָס פרייט גאָט און לײַט, כדי צו גיין „שאָקלען זיך איבער דיביימער".

נו, מיר האָבן דורכגעלעבט אַ תקופה פון עקסטרעמע דיקטאַ־טורן, און מיר זענען אליין עדות, וואָס פאַר אַ געמיינע ריקים און פוחזים עס האָבן באַזעצט די בלוטיקע און שמוציקע טראָנען. אָבער אויך די „נאָרמאַלערע" הערשאַפט איז זעלטן ווען אַרײַנגעפאַלן צו אַ העכערן טיפּ מענטשן. נאָר אין אויסערגעוויינטלעכע צײַטן פּאַ־סירט אַ מאָל, אַז דער „מלוכהשער שטעקן" קומט אָן צו אַ פאַר־גײַסטיקטן פּאָליטיקער אָדער צו אַ פאַרפּאָליטישטן גײַסטמענטש: קלעמאַנסאָ, ווילסאָן, רוזוועלט, טשוירטשיל. אונדזערע אייגענע מוש־לים, אין ישראל, וואָס זענען אָוודאי אויך ניט אין גאַנצן „בסדר", דערמאָנען אונדז אָן דעם ווי אַ מאַמע האָט פאַרענטפערט פאַר די

שכנות איר טאָכטער, וואָס האָט געפּראַוועט אַ ברית, דרײַ חדשים נאָך איר חתונה: „די טאָכטער איז נאָך אַ יונג קינד, ניט פּראַקטיש — דעם צווייטן מאָל וועט זי שוין געבוירן צו די נײַן חדשים, ווי אַלע פרויען". נאָך ניט אַזעלכע „בטלנים", וואָס „ריידן ציונות", וועלן זײַן מלכים אין ישראל! דאָס מיינט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז מיר ווילן עמעצן אײַנשמועסן, חלילה, אַז אין ישראל האָבן זיי דערפונדן הייסן שניי: אויך דאָס איצטיקע ישראלישע מלכות איז מלכות. אַהאָ!

וואָס מיר ווייסן ניט איז, צי אַ סאָציאַל-פּסיכאָלאָג האָט זיך אַ מאָל פאַרגענומען אויסצופאָרשן די אויסטערליש-פאַרפּלאָנטערטע באַציִונגען צווישן דעם מלך און דעם נביא. זינט די וועלט איז וועלט, האָט דער מלך באַהאַנדלט דעם אומבאַקוועמען גײַסטמענטש מיט עפּעס אַ מאָדנעם געמיש פון פאַרערונג און פאַראַכטונג, שרעק און ביטול. ביני-לביני האָט ער דעם נביא געזעצט אין תפיסות, געלאָזט איבערזעגן אים בײַם מויל, סתם פאַרגאָסן זײַן בלוט אָדער — כדי אויסצומײַדן בלוט-פאַרגיסונג — געברענט דעם נביא אויף די שײַ-טערהויפנס. די ראָמאַנאָווס פלעגן זיך באַנוצן אויך מיט שטופּן די אמת-דיכטער צו מערדערישע צי זעלבסטמערדערישע דועלן. דער-פינדערישער פון אַלע איבעריקע מנוולים זענען, ווײַזט אויס, די „פּאַטערס פון די פעלקער": בײַ זיי האָט מען אי באַגאַנגען זעלבסט-מאָרד (מאַיאַקאָווסקי, יעסענין, פּיאַסט, סאָבאָל, קוזניעצאָוו, פּאַדע-יעוו), אי צעשאָסן (פּילניאַק און אונדזערע בערגלסאָן, קולבאַק, האָפ-שטיין, דער נסתר אאַז"וו), אי פאַרמאַטערט אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן (באַבעל), אי צוגעסמט אַ ביסל, ווי מאַקסים גאָרקין אַ שטיי-גער. הגם די גרעסטע נעוואָלע בנוגע דעם לעצטן איז מען באַגאַנ-גען בעת מען האָט אין זײַן נאָמען פאַרעפנטלעכט פאַר דער וועלט אַזעלכע טיפּיש-טעמפּע סטאַלינישע דערקלערונגען, למשל, אַז „די אַרבעט-לאַגערן האָבן אויפגעטון גרויסע זאַכן, ווי פאַרוואַנדלט אַנאַר-כיסטן, גנבים אין נוציקע מענטשן". אַנטקעגן אָט דער לעצטער סאָרט פּײַניקונג, ווערן אַלע רשעותן בלאָס — אַפילו די רשעות פון צומאַכן די מיילער וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן אַרויסצוברענגען דאָס געטלעכע וואָרט (אַלע אונדזערע ברידער, ייִדישע שרײַבער אין סאָוועט-רוסלאַנד).

די גרעסטע רעטעניש איז, וואָס אין דער דראַמע מלך־נביא איז גראָד דער ערשטער אַנגענומען פאַרן גרעסערן „העלד". עס מאַכט ניט אויס, וואָס מיר וואָלטן אפילו ניט געוווּסט אפשר די נעמען פון די אחזס, מנשהם און אפילו די סנחריבס און נבוכדנצרס, ווען ניט די נביאים.

מיר האָבן זיך ניט איין מאָל אָנגעשטויסן אויף טעאָריעס פון די צאַרישע רעאַקציאָנערן, וואָס נאָך זיי זענען בלויז אויטאָ־קראַטיעס מסוגל אַרויסצוברענגען גרויסע וואָרט־זאָגער און קינסט־לער. פאַר אַ ראיה פלעגן זיי זיך ניט שעמען אויסצורעכענען אַ צעטל מיט נעמען פון שרײַבערס, וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די צאַרן געברענטע ליידן. אַט די רעאַקציאָנערע טעאָריעס הערן, פאַרשטייט זיך, ניט אויף צו זײַן שקר דערפאַר, וואָס דער צורר ניקאָלײַ דער צווייטער האָט מער רעכט צו באַרימען זיך מיט זײַן קעגנער גאָרקין, למשל, ווי די נאָך ערגערע צוררים, וואָס האָבן זייער „אידייען־חבר" אי צוגעמאַכט דאָס מויל, אי געשענדט, אי גע־ממיתט סוף־כל־סוף.

נו, מיר פאַרשטייען פאַר וואָס דער המון האָט ליבער דעם מלך, וואָס זײַן עובדה איז צו באַפרײַען דעם מענטש פונעם שווערן יאָך פון אחריות פאַר אייגענעם גורל, בעת דער נביא זוכט נאָך, אדרבא, צו וועקן דאָס געוויסן, אַרויפצולאָדן אויף די פּלייצעס איבער אַ נײַיענע אחריותן וואָס מען האָט געלאָזט אַראָפּפאַלן.

— נאָך וויניקער קאָמפּליצירט איז די גאווה פונעם מלך גופא אַלע פוסטע זאַנגען האַלטן דעם קאָפּ אין דער הויך!

שווערער איז צו פאַרשטיין דעם נביא: אפילו אויף אַזאַ אמתן און שטאָלצן נביא, ווי אליהו, זאָגט דער פסוק עדות, אַז „די האַנט פון גאָט איז געווען אויף אליהו, און ער האָט אָנגעגורט זײַנע לענדן, און איז געלאָפן פאָרויס פאַר אחאבן ביז ווו דו קומסט קיין יזרעאל". עס לייגט זיך ניט אַזוי גלאַט אויפן שכל, פאַר וואָס זאָל דער שליח פון גאָטס וואָרט געפינען פאַר נייטיק צו דערנידעריקן זיך פאַר דער ברוטאַלער מאַכט פון דעם מלך.

נו, אונדזערע מלכים זענען נאָך ערשטלינגען, „אַרויפגעאַרבע־טע", וואָס פאַרבענקען זיך נאָך צײַטנווײַז נאָכן ערלעכן אַקער, נאָך

בזיעת־אַפּימדיקן, קאַרגן שטיקל ברויט. אָבער — ניטאָ וואָס צו פאַרלייקענען — מלכים זענען זיי! מיט דער פאַרגרעבטמאַכנדיקער זיכערקייט פונעם הערשער! מיט דער שווידערלעכער העזה אויפצו־הייבן אַ בײַטש איבערן ברודער! און מיט אַלע אַנדערע אַנטמענ־טשנדיקע פונקציעס וואָס האָבן אַ שײַכות צום מלכותדיקן הכל־בכל! ווען בן־גוריון האָט נאָך מיט יאָרן צוריק, אין די האָניק־חדשים פון זײַן מלוכה, באַזוכט ניו־יאָרק, האָבן אים ש. ניגער ע"ה און זיי צו לאַנגע יאָר — לייוויק און פּאַט, די דרײַ פּאָרזיצערס פון אַלוועלט־לעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, פאַרבעטן אויף אַ שמועס. שוין דע־מאָלט האָט בן־גוריון „ניט געהאַט קיין צײַט" פאַר די וואָס האָבן פאַרטראָטן דעם יידישן גײַסט סײַ ווי אויסגעוויילטע דורך אַ כנסת־הגדולה פון אַריבער זעקס־הונדערט יידישע גײַסט־מענטשן, סײַ טאַקע בחסד־עליון אויך — עס האָבן זיך קיין מאָל ניט געוואַלגערט אין די גאַסן, ניט בײַ יידן און ניט בײַ די אומות העולם, קיין ניגערס און קיין לייוויקס! און דאָ כאַפּן מיר זיך אַליין בײַ דער האַנט, אַז מיר בייזערן זיך אויף עפּעס, וואָס איז „נאַטירלעך", וואָס איז מששת ימי בראשית באַשטימט אַזוי צו זײַן. און די זאַך איז שוין לאַנג פאַרבײַ. איז גענוג וועגן דעם!

אָבער חוץ דער ככל־הגוימדיקער מלוכה אין ישראל, האָבן יידן נאָך אַ נשאר פון דער „מלוכה אונטערוועגס" — די יידישע אַגענץ, וואָס איז עפּעס גאָר אַ קאָמפּליצירטער ענין. און צי דאָס האָט געטון אָט די אַגענץ, אָדער צי די פאַראַנטוואָרטלעכע זענען נאָר צוויי פון אירע פאָרמענטשן, שזר און נחום גאָלדמאַן, אָדער נאָך ווער איז פאַרמישט אין דעם — מען האָט צוזאַמענגערופן קיין ירושלים אַן „אידעאָלאָגישע קאָנפערענץ", וואָס דער נאָמען זעט אונדז, אַגב, אויס צו זײַן צוגעפּאַסטער ווי דער העברעיִשער נאָמען, וואָס באַ־טײַט אַ צוזאַמענפאָר פון „גײַסטיקע מענטשן" (אנשי הרוח). און צי דערפאַר, וואָס דער צוזאַמענפאָר איז געמאַכט געוואָרן אַ ביסל אימ־פּראָוויזירט, אָדער מחמת ווײַל אין די פאַרבעטונגען זענען געווען פאַרמישט צו פיל הענט, איז די קאָנפערענץ אַרויס אַ ביסל יוצא־דופניק:

פון בוענאָס־אײַרעס זענען דווקא פאַרבעטן געוואָרן די ריכטיקע

מענטשן פאַר אַ לײַטיש־מלוכהשער „אידעאָלאָגישער" קאָנפערענץ איינס אין איינס, פאַרדינסטפולע, באַלעבאַטישע מענטשן, וואָס וועלן ניט מאַכן קיין טראַבל, ניט פאַרפּליִען אין אלף השישי אַרײַן, ניט ריידן קיין פידראַך, קיין קידער־ווידער, הגם, דעם אמת געזאָגט, קומט אפשר פאַר דעם אויסוואַל גאָרניט אַזאַ אָנערקענונג די צוזאַמענרופערס — דער אויסוואַל אין בוענאָס־אַירעס איז זייער אַ לײַכטער!

עפּעס ניט אַזוי גלאַטיק איז עס צוגעגאַנגען מיט אַנדערע לענדער — ווי קומט אויף יענער אידעאָלאָגישער קאָנפערענץ אַ מאַרטין בובער? און צו וואָס האָט מען מטריח געווען קיין ירושלים לייוויקן, וואָס בן־גוריון האָט פאַר אים קיין צײַט ניט געהאַט אָפּצוגעבן אַ שעה אין ניו־יאָרק? — ניט שוין ווען לייוויק אין ירושלים צעבטלענען ווייניקער צײַט?

יאָ, מיט די פאַרבעטונגען איז עפּעס גאָרניט געווען גלאַטיק, אָבער דאָס וואָס עס איז פאַרגעקומען אויף דער קאָנפערענץ איז דווקא געווען בסדר: אויף דער דערעפענונג־סעסיע פון אַן עכט־מלוכהשער קאָנפערענץ פון „גײַסטיקע מענטשן" האָט ניט געקענט זײַן קיין צײַט פאַר דעם גרויסן דיכטער פון די „סיבירער לידער", פון „גולם", פון דער „באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריע", פון דער „חתונה אין פערנוואַלד", פון „איוב". עס איז ממש געווען אַ גליק, וואָס די קרוין אויפן קאָפּ פון דער ייִדישער דיכטונג לעבט נאָך — ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר! — און די מלכים פון מדינת ישראל קענען דעמאָנסטרירן, אַז זיי „שפּרינגען אַריבער אים": עס איז דער סימבאָל פון דעם „שפּרונג" איבער דורות הייליקע ייִדן, איבער זעקס מיליאָן קדושים פון ת״ש—תש״ה, איבער די קדושים פון ת״ח ות״ט, איבער די עקידות אין שפּאַניע און אין די רײַן־לענדער, איבער פּרץ, מענדעלע, שלום עליכם, איבער רב לוי יצחק באַרדיטשעווער און ר' נחמן בראַצלאַווער, איבערן ווילנער גאון, איבערן רמא, איבערן רמבן, רמב״ם, רשי, רבנו גרשום, איבער אביי ורבא, איבער הלל הזקן... אַזש ביז צו די... תנ״כישע צײַטן? סײַדן צו אחזן, צו מנשהן, אחאבן און אזבלן. וואָרעם אויב צו ישעיהן און ירמיהן און יחזקאלן — האָט מען איבערן הייליקסטן פון דער ייִדישער געשיכטע —

און אפשר טאַקע איבערן הייליקסטן פון דער מענטשהייטס געשיכטע — ניט גערדאַרפט שפּרינגען!

עס וואָלטן געווען אומזיסט די רייד, אויב מיר וואָלטן זיי געוואָלט לאָזן הערן די מלכים — יענע האָבן באַוויזן דעם באָלשעוויקישן קונץ צו אָפּדרוקן וועגן לייוויקס אינספּירירטער רעדע פון אַ שעה מיט צען מינוט... צוויי שורות אין דעם אָפיציעלן „דבר”. און דאָס זענען געווען צוויי שורות, וואָס האָבן, אויף חוזק, אַרייַנגעלייגט אין לייוויקס מויל פּונקט דאָס פאַרקערטע דערפון, וואָס לייוויק האָט געזאָגט.

וואָס מיר ווילן אויספירן איז אָט וואָס: פאַרגעסט אָן די מלכותן, ווען עס גייט וועגן ענינים פון גייַסט! אויב מיר וועלן זיך דאַרפן צוזאַמענריידן וועגן גייַסטיקע ענינים מיט ייִדן פון אַנדערע תפוצות און פון ישראל — וועלן מיר עס מוזן טאָן דורך אַנדערע אינסטאַנצן; אַזעלכע וואָס האָבן ניט קיין שייַכות צו דער מלוכה און ניט צו די „מלוכות אונטערוועגנס”, און וואָס קאָפּירן ניט די פאָרמען און די וועגן פון מלכות.

אויב מיר וועלן געהאָלפן ווערן — הלוואי במהרה בימינו! — און פון ציון וועט נאָך אַ מאָל אַרויסגיין תורה און פון ירושלים וועט ווידער זיך לאָזן הערן גאָטס וואָרט — וועט די תורה און דאָס וואָרט קומען צו אונדז ניט דורך מלוכישע קאַנאַלן! מען וועט גיכער קענען שיקן עלעקטריציטעט דורך גלאָז, ווי שיקן גייַסט דורך מלוכה!

סעפּטעמבער 1957

נאָכן וואַלפּראַצעס

זענען מיר שוין ווי עס איז אַריבערגעקומען די אַנטיעסטעטישע, דעגראַדירנדיקע פּראָצעדור פֿון אויסוויילן די רעגירערס. די הויכריידערס האָבן אָפּגעשטעלט דאָס לעכערן די אויערן מיט די וווּלגאַרע סלאָגאַנס, מיט דער שונדישער מוזיק, מיט די פּאַיאַצישע גרימאַסן, מיט די ליגנערישע צוזאָגן. לאַנגזאַם רייניקט מען שוין אויך אָפּ די ווענט פֿון די בערג פּאַרמיסטיקטן פּאַפּיר און פֿון די כּלומרשט המונישע אויפֿשריפֿטן.

ווען מיר וואָלטן ניט געווען קיין עדות פֿון די אומגלייבלעכסטע גיהנומדיקע פֿאַרברעכנס וואָס מלוכות זענען באַגאַנגען פֿאַר אַלעמענס אויגן, ווען מיר וואָלטן ניט צוגעזען ווי די מלוכות טרײַבן די מענטשהייט צו פֿיזישן אומקום — וואָלט דער וואַלפּראָצעס אַליין געקלעקט אויף צו איבערצײַגן אונדז מכּוח דעם אונטערמענטשלעכן אינהאַלט פֿון דער מלוכהשער אינסטיטוציע.

מיר וווּנדערן זיך אַלע אויף דער אומזיניקער טאָטאַליסטישער וואַל-קאָמעדיע מיט די 99 מיט נײַן צענטל פּראָצענט אָדער די 99 מיט דרײַ צענטל פּראָצענט שטימען פֿאַר אָן איין און איינציקער ליסטע, וואָס די דיקטאַטאָרס שטעלן צו, און מיר קענען ניט פֿאַרשטיין ווי דערוואַקסענע מענטשן קענען זיך פֿאַרנעמען מיט אַזאַ חוזק-שפּיל. אָבער די דעמאָקראַטישע מלוכה-וואַלן זענען ניט פֿיל ווייניקער אומזיניק און דערדריקנדיק. בלויז געווויסע „קליינע" פֿאַרטייען וואָס האָבן ניט קיין שום שאַנסן אַרויפֿצוכאַפּן זיך אויפֿן זאַטל, האָבן זיך בײַ אונדז דערלויבט דעם לוקסוס צו רעדן אין אַ מענטשלעכן לשון — די פּאַרטייען מיט שאַנסן אָדער פּרעטענזיעס האָבן אַלע גערעדט עפּעס אויף שטאַלצן, אָנגעצויגן, אומקלאָר, גע-

בראַקט אָפֿענע שקרים און בכלל זיך באַנומען אַזוי ווי די ווײלער־מאַסע וואָלט באַשטאַנען אויסשליסלעך פֿון ווילדע שוטים, וואָס זענען דערצו באַהערשט פֿון די נידעריקסטע אינסטינקטן.

שוין באַלד אין אָנהייב, תּיכּף ווי מען האָט משלח געווען פֿע־ראָנען און מען האָט אײַנגעשטעלט די „כונטאַ קאָנסולטיוואַ", און מענטשן האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די ראַדיאָ־טראַנסמיסיעס אויף צו הערן, פֿאַר אַ נאָווינע, די שוין כמעט־פֿאַרגעסענע דעמאָקראַטיש־פּאָליטישע רעדעס, און די אַלטע פּאָליטיקערס האָבן זיך טאַקע גע־נומען אָפּפּרישן די קולות — זענען די „ראַדיקאַלע" פּאָליטיקערס געווען די ערשטע צו שטאַמלען, צו שפּילן שלעכטן טעאַטער; דאָס איז געשען, מחמת די „ראַדיקאַלן" האָבן געהאַט די גרעסטע וואָר־שײַנלעכקייט צו ווערן די מאָרגנדיקע רעגירערס. אָבער וואָס נעענ־טער עס איז געוואָרן צו די וואַלן, אַלץ מער פּאָליטיקערס האָבן גע־נומען זיך אָנשליסן אָן דעם פּורים־שפּילערישן כאָר. אַפֿילו די אַלטע סאָציאַליסטישע „וואַנגואַרדיאַ" האָבן מיר געמוזט אויפֿהערן צו נעמען אין די הענט אַרײַן, זינט מען האָט גענומען גרייטן דעם וואַל־קאַמפּיין — אויך דאָרטן האָט מען גענומען רעדן אַזוי, אַז מיר האָבן זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז מענטשן מיינען טאַקע דאָס וואָס זיי זאָגן.

נו, מיר האַלטן חלילה ניט די אַלע פּאָליטיקערס פֿאַר קיין אי־דיאָטן, אַפֿילו ניט פֿאַר קיין פּאַטאָלאָגישע ליגנערס. מסתּמא קענען זיי זייער פֿאַך און זיי ווייסן, אַז צו דער ווײלער־מאַסע דאַרף מען רעדן ווי צו אידיאָטן, און מען דאַרף זיך באַנעמען מיט זיי ווי מיט פּרימאַטן, וואָס זענען נאָר וואָס אַרויס פֿון דער היהשער סטאַדיע.

מען דאַרף ניט זײַן קיין ספּעציאַליזירטע פּסיכאָלאָגן אויף צו באַמערקן, אַז די זעלביקע מענטשן זענען צײַטנווײַז קלוג ווי מענטשן און אַ מאָל נאַרישער פֿון פֿיש, אי גוט ווי מלאכים אי אַכזריותדי־קער פֿון שלענג, שכלדיק און איראַציאָנעל, דערהויבן און געמיין.

איז וואָס וועט איר זאָגן צו אַזאַ מין אינסטיטוציע וואָס דע־גראַדירט דעם מענטשן און פֿאַרוואַנדלט אים דווקא אין אַ נאַרישער, אַכזריותדיקער, איראַציאָנעלער, געמיינער באַשעפֿעניש?

צי האָט איר, אַגב, ניט באַמערקט, אַז אין די טאָטאַליסטישע

מלוכות, ווו דער שטאַט אוזורפּירט אַן אַרומנעמענדיקערן אָרט אין דער געזעלשאַפט — איז דער מענטש צום ערגסטן דעגראַדירט?

אין אָט דער ביטערניש ליגט פון דעסט וועגן פאַרבאָרגן אַ האָפענונג — ווען די אונטערמענטשלעכע מלוכהשע אינסטיטוציע וועט אונטערגיין — וועט די זון שטראַלן איבער אַ דערהויבענערער מענטשהייט!

אויב די מלוכה וועט פריִער ניט אומברענגען די מענטשהייט!

וואָרעם די אַלטערנאַטיוו שטעכט ממש די אויגן — אָדער די מלוכה, אָדער די מענטשהייט!

מאַרץ 1958

סעכּטיסטישע שטרײַקן

אין אונדזער פעברואַר-נומער האָבן מיר דערמאָנט די שטרײַק-כוואַליע, וואָס מיר האָבן געהאַט אין דעם ערב וואָל-פּעריאָד. עס איז אונדז אויסגעקומען צו באַמערקן, אַז חברים, וואָס קענען די אַרבעטער-באַוועגונג ווי זייערע צען פינגער, האָבן געהאַלטן די שטרײַקן פאַר „פּאָליטישע", דאָס הייסט, אַז די סינדיקאַלע פירערס האָבן די שטרײַקן אָרגאַניזירט צוליב פּאָליטישע צילן.

זענען צו אונדז דערגאַנגען, פון עטלעכע זײַטן, אומגינציקע רעאַקציעס פון חברים — די טענות זענען געווען, אַז עס איז ממש אַ גליק וואָס „ד. פּ. וו." האָט נישט קיין ברייטערע אַרבעטער-לייע-נערשאַפט — ווען ניט, וואָלט מען אונדז ממש צעריסן ווי הערינג!

אָט די אָפּרופן ווײַזן אָן זייער קלאָר וואָס פאַר אַ קלימאַט עס הערשט צווישן די אַרגענטינישע מאַסן. אוודאי איז דער אויפברויז אַ רעזולטאַט פון דער נויט, וואָס די מאַסן לײַדן שוין (לאָגיש, דאַרף די נויט נאָך שטײַגן אין דער נאָענטסטער צוקונפט!) אין דער אוואַנ-סירטער סטאַדיע פון דער אינפלאַציע. די אומצופרידנקייט מיט די אומגערעכטע און ניט-קלוגע האַנדלונגען פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג לגבי די אַרבעטערס האָט די לופט נאָך שיטערער געמאַכט. אָבער פאַר אַ געניטן אויג, וואָס וויל זען דעם אמת, איז זייער קלאָר אויך די ווירקונג פון די מאַנעווערס פון די באָלשעוויקעס, פון די פּעראָניסטן און פון געוויסע פּאָליטיקערס, וואָס דאַרפן האָבן אַזאַ קלימאַט — איטלעכער צוליב זײַנע ספּעציעלע צילן.

וואָלטן מיר געווען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס זוכט צו דער-גרייכן „פּאָזיציעס" — וואָלטן מיר מסתמא אויך געהאַט דעם שכל צו אויסנוצן די מוטנעקייט פונעם וואַסער וואָס יענע האָבן צעבוי-

טשעט! מיר פאַרשטייען גרויסאַרטיק, אַז מיט זאָגן דעם אמת גע־ווינט מען ניט קיין סימפּאַטיעס בײַ די „ברייטע מאַסן". אויף יעדן פאַל ניט בײַ דער מערהייט פון זיי, וואָס איז נאָך פאַרטשאַדעט פון די צוועלף יאָר דעמאַגאָגיע אונטער פעראָנען... און פון די דריט־האַלבן לעצטע יאָרן דעמאַגאָגיע פון די „פּאַרטייען", וואָס ווילן אויסנוצן פאַר זייערע זעגלען דעם ווינט, וואָס פעראָן האָט איבער־געלאָזט, און וואָס ער האָט נאָך איצט אויך ניט אָפּגעשטעלט צו קאָכיק פונאַנדערבלאָזן.

אָבער אויב מיר ווילן זיך אויך אַרײַנלאָזן אין דעמאַגאָגיעס, חניפות, אָפּנאַרערײַ וכדומה — וואָס וועלן מיר געווינען? וואָס פאַר אַ פּוילע סחורות דאַרפן מיר עם אַרײַננאַרן דעם עולם? וואָס פאַר אַ „בענקלעך" האָבן מיר צו פאַרכאַפּן? ווער וועט אונדז באַצאָלן פאַר אָפּנאַרן, פאַר פאַלשע חניפות, פאַר באַשווינדלען די אַרבעטער־מאַסן?

זאָגן מיר טאַקע נאָך אַ מאָל דאָס וואָס אונדז ווײַזט אויס צו זײַן אמת: אַז דווקא די שטרײַקן בעתן וואַל־פּעריאָד האָבן אין אונדזערע אויגן אויסגעזען ווי איינע פון די דערנידעריקנדיקסטע שטריכן פון דעם אַנטמענטשטן וואַלפּראָצעס: די שטרײַקן זענען געווען אַ מאַניפעסטאַציע פון מאַסן־בלינדקייט און פון חוזק איבער דער דראַמאַטישער נויט פון די וואָס דאַרפן לעבן פון לוינען און געהאַלטן אין אָט דער אינפלאַציע.

ווען אַפילו מיר וואָלטן ניט געהאַט קיין שום אַנדערע סימנים אויף צו דערקענען די „פּאָליטישע" שטעך אין אָט די שטרײַקן — וואָלט געקלעקט דערצו אַן אַנאַליז פון די פאָדערונגען, וואָס איצט האָט מען זיי נאָכגעגעבן און וואָס אַרבעטערס פײַערן אפשר ווי אַ „זיג". אַז ווייי איז צו אַזעלכע זיגן!

די סינדיקאַלע מאַכערס ווייסן צו גוט, אַז אין אָט דער אוואַנ־סירטער סטאַדיע פון דער אינפלאַציע איז פאַראַן בלויז איין אויס־גאַנג פאַר די לוין־פאַרדינערס — אַ באַוועגלעכער לוין, דאָס הייסט, אַ לוין וואָס שטײַגט אָדער פאַלט אויטאָמאַטיש און פּראָפּאָרץ מיט דעם פּרײַזן־אינדעקס. אין אַ סביבה וואָס לײַדט אויף כראָנישער אינפלאַציע, קען מען אַזוי אָניאָגן עפּעס מיט הורטאָוונע לוין־העכע־

רונג, ווי עמעצער קען אָניאָגן זײַן אייגענעם שאָטן: נאָך איידער דער שטרייק ווערט פאַרענדיקט, זענען שוין די פּרײַזן געשטיגן פּראָ־פּאָרציאָנעל צו דער העכערונג פון די לוינען (און עפּעס מער נאָך, ווײַל אויך דער קאָסט פון די שטרײַקן ווירקט אויף די פּרײַזן!).

קיין שום אָפיציעלע רעגולאַציעס פון די פּרײַזן קענען ניט העלפן בעת אַן אינפלאַציאָנע ווערט שוין אַזוי כראָניש, ווי זי איז איצט אין לאַנד. אדרבא, אויך די אָפיציעלע רעגולאַציעס קאָסטן (און גאַנץ טײַער!), און אויך אָט די קאָסטן פאַרטײַערן די פּרײַזן. אויב אַן אינטעליגענטער מענטש רעדט הײַנט מיט אַן ערנסטער מינע פון איינהאַלטן די פּרײַזן דורך רעגולאַציעס — איז ער חשוד צו זײַן אַ דעמאַגאָג, אַ באַוווּסטזיניקער ליגנער!

ווער איר אפשר פרעגן, אַז אויב אַזוי איז וואָס וועט דאָ העלפן דער באַוועגלעכער לוין? וועט איר אַוודאי זײַן גערעכט, אָבער די פאָדערונג פון באַוועגלעכן לוין איז די איינציקע, וואָס שטעלט אַוועק די שאלה קלאָר און שאַרף און לאָזט זיך ניט אַרויסדרייען מיט אָפּנאַרערײַ און מיט פאַלשע לייזונגען. דאָס וואָלט געמיינט צווינגען די רעגירערס און באַלעבאַטים צו זוכן אַ רעאַלע לייזונג, און ניט אַז די אַרבעטערס זאָלן זײַן די איינציקע וואָס דאַרפן שלעפן ווײַטער דעם וואָגן אין דער בלאָטע.

עס איז פאַראַן נאָך עפּעס ערגערס דערפון: בעת דעם וואַל־קאַמפּיין האָבן דווקא פּאַרטייען וואָס האָבן מער גליקן צוגעזאָגט די אַרבעטערס, אויך פאַרשפּראָכן אַזעלכע זאַכן וואָס מוזן די בלאָטע נאָך מאַכן טיפער:

דער גרעסטער אומגליק וואָס פאַראַנס אדמיניסטראַציע האָט איבערגעלאָזט בירושה, איז די קאָניונקטור וואָס האָט דערפירט דערצו, אַז דער אַרגענטינישער אַרבעטער פּראָדוצירט בלויז אַ ברוכ־צאָל פון דעם וואָס אַן אַרבעטער פּראָדוצירט הײַנט אין נאָרמאַלע לענדער. ערשטנס, אַרבעטן דאָ די אַרבעטערס מיט פאַרעלטערטע און אָפּגענוצטע מאַשינען. צווייטנס, ווערט די אַרבעט געשטערט, און אָפט אָפּילו אָפּגעשטעלט, מחמת מאַנגל אין טרײַבקראַפט. דער טראַנספּאָרט־סיסטעם איז כמעט חרוב. עס איז אויך פאַראַן אַ שאַר־פער דעפיציט אין אַגראַר־מאַשינען.

נאָך ערגער אפשר איז דאָס, וואָס די משוגענע אַדמיניסטראַציע האָט דערפירט צו דער אינסטאַלאַציע פון אַ גרויסער צאָל אינדוסט־ריעס, וואָס מוזן פּראָדוצירן דעפיציטן פאַרן לאַנד. ווען פריִער האָט געצאָלט פאַר אַ דאָלאַר וואָס מען האָט אַרײַנגעקראָגן פון פאַרקויף פון תבואה, ליאַן, וואָל, פלייש, בלויז פינף פעזעס, און פאַר אַ דאָלאַר וואָס מען האָט אַרײַנגעקראָגן פון פאַרקויף אין אויסלאַנד פון אַ מאַנופאַקטורירטן אַרטיקל פערצן פעזעס, און אַנדערע מאַנופאַק־טורירטע אַרטיקלען האָבן אין לאַנד קאָנקורירט מיט אויסלענדישע אַרטיקלען וואָס האָבן געדאַרפט קאָסטן דרײַסיק פעזעס אַ דאָלאַר — איז דער אינדוסטריאַל געוועזן פאַרזיכערט מיט זײַן פּראָפיט. ער האָט רוּיִקערהייט געקאָנט פאַרשיטן דאָס לאַנד מיט פּראָדוקטן וואָס האָבן געקאָסט צען מאָל אַזוי פיל ווי זיי זענען ווערט. די אַגריקול־טור, פאַרשטייט איר שוין, האָט דווקא, געמוזט אײַנשרומפּן — הגם זי האָט געקאָנט פּראָדוצירן, פּאַקטיש, זייער עקאָנאָמיש.

אָט די אַלע אומשטאַנדן האָבן דערפירט דערצו, אַז אַן אַרגענ־טינישער אַרבעטער פּראָדוצירט ניט אַפילו קיין העלפט דערפון וואָס אַרבעטערס פּראָדוצירן הײַנט אויף דער וועלט מיט דער זעל־ביקער אָנשטרענגונג. אין אַזאַ לאַגע קען דאָס לאַנד ניט באַצאָלן דעם אַרבעטער זײַן פולן לוין: מען קען אים נאָר אָפּנאַרן מיט כסדר־דיקע העכערונגען אין פעזעס, וואָס... פאַלן כסדר אין ווערט.

דאָס פּראָבלעם מוז געלייזט ווערן מיט אַרײַנפירן פרישע קאַ־פּיטאַלן אויף צו באַנײַען די מאַשינען, דעם טראַנספּאָרט, פאַרגרע־סערן די פּראָדוקציע פון טרײַבקראַפט אאַז״וו. און אויך דורך אָפּ־שאַפן די אַלע מאַכינאַציעס מיט דער וואַליוטע און די קאָמפּליקאַ־ציעס, וואָס פירן דערצו אַז די דעפיציט־אינדוסטריעס — די קאָנסער־געוועבן — זאָלן שטײַגן, בעת די געזונטע פּראָדוקציע — די נאָר־מאַלע געוועבן — זאָלן אײַנדאַרן.

אָבער די אַרבעטערס האָבן רוּיִקערהייט אויסגעהערט די צוזאָגן אָנצוגיין ווײַטער מיט די רעגירונג־אינטערווענצן אין דער עקאָנאָ־מיע כדי צו „סטימולירן” די אינדוסטריעס. זיי האָבן אויך אויסגע־הערט די דעמאַגאָגישע דעקלאַראַציעס קעגן „אימפּעריאַליזם” (סאָ־ראַ העסלעך וואָרט מען האָט עס אין אַרגענטינע געמאַכט פון דעם

„אַנטיאימפּעריאַליזם"!), וואָס דאָס מיינט אַ טאַבו אויפן אימפּאָרט
— ווער וועט אָט די אַלע זאַכן אויפקלערן פאַרן אַרבעטער?

דער פּאָליטיקער האָט נאָר אַן אינטערעס אויסצונוצן די אַר־בעטער־פּלייצעס ווי טרעפּ צו מאַכט־פּאָזיציעס. די באָלשעוויקעס אינטערעסירט בלויז, אַז אויף דער אַנדערער זײַט פון זייער אײַזער־נעם פאַרהאַנג זאָל ניט זײַן רויִק און עס זאָל זיך לעבן וואָס ערגער. די פּעראָניסטן וואָלטן אַנגעצונדן דאָס לאַנד פון אַלע עקן, ווען זיי קענען — אפשר וועט מען זיי רופן צו לעשן די שרפה. די זאַטע פירערס פון די סעכעטיסטישע „סינדיקאַטן" האָבן אַוודאי ניט קיין אינטערעס, אַז זייערע אונטערטאַנען זאָלן ווערן צו קלוג!

אַ מאָל פלעגט מען די שטרײַקברעכערס רופן „קאַרנעראָס" (לעמער). הײַנט זענען די אַרבעטערס קאַרנעראָס בעת זיי ברעכן אַ שטרײַק, קאַרנעראָס בעת זיי שטרײַקן פאַר דער סעכעטע און קאַר־נעראָס ווען זיי לײַדן אונטערטעניק און וואַרטן אויף די פּריקאָזן פון די לוקסוסדיק באַצאָלטע שעפן פון דער סעכעטע!

די אַרבעטער וועלן אויפהערן צו זײַן קאַרנעראָס ווען זיי וועלן צעשטערן אָט די אַלע פאַשיסטיש־צוגעשניטענע סינדיקאַטן אַזוי, אַז קיין שטיין אויף אַ שטיין זאָל אין זיי ניט בלײַבן, און אָנהייבן איבער אַ נײַס בויען ריכטיקע אַרבעטער־סינדיקאַטן. אָט יענע סינדי־קאַטן ווו — איר געדענקט? — די רעגירערס און די פּאָליטיקערס און די צוואַנציק טויזנט פּעזעס אַ חודשדיקע פּאַסטוכער האָבן גאָר ניט געקענט אַריבערטרעטן די שוועל אין זיי!

מיר פאַרשטייען אויסגעצייכנט, אַז אונדזערע רייד קענען די אַרבעטערס נאָר מאַכן אומרויִק, קענען אויף זיי אַרויפוואַרפן שווע־רע אחריותן — און מיט אַזעלכע זאַכן קויפט מען זיך ניט אײַן אין סימפּאַטיע. פאַרדריסט דאָס אונדז אַוודאי און אַוודאי, מיר פילן זיך ווי אָרנטלעכע און תמימותדיקע ליבהאָבערס, וואָס ווערן אויסגע־קאָנקורירט דורך גלאַט־צינגלדיקע, פּראָפעסיאָנעלע, פאַרפירערס.

אָבער קיין נביאי־השקר, וואָס „שרײַען אַלץ שלום, בעת קיין שלום איז ניטאָ"! — קיין פאַלשע נביאים ווילן מיר פאַר קיין שום פּרײַז ניט זײַן!

זאָגן מיר אײַך דאָס, וואָס מיר האַלטן פאַר אמת!

מאַרץ, 1958

צו רודאָלף ראָקערס 85סטן געבוירנטאָג

הערבערט ריד זאָגט אין זײַן פאָרוואָרט צו דער ענגלישער אויסגאַבע פון ראָקערס מעמוארן („די לאָנדאָן יאָרן" — אַ טייל פון „אין שטורעם"):

„עס זענען פאַראַן צוויי סאָרטן געשיכטעס — איינע איז אַ פאַרצייכענונג פון פאַקטן וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער עפנטלעכקייט, וואָס פאַרנעמען ערשטע פלעצער אין די צײַטונגען און ווערן פאַרצייכנט אין די אָפיציעלע פראָטאָקאָלן — מען קען דאָס רופן אייבערגרונט־געשיכטע. אין דער זעלביקער צײַט קומען פאָר פאַקטן וואָס גרייטן צו די עפנטלעכע געשעענישן און גייען זיי פאָרויס — דאָס איז שוין אַן אַנדער סאָרט געשיכטע וואָס גייט ניט אין די צײַטונגען, וואָס ווערט ניט פאַרצייכנט אין די אָפיציעלע פראָטאָקאָלן. אַן אומגעזעענע אונטערגרונט־געשעעניש פון 19טן י"ה איז געווען דער קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין האַג, אין סעפטעמבער 1872 — אָט די געשעעניש האָט מסתמא אָנטשלאָסן דעם גאַנג פון סאָציאַליזם אין אייראָפּע — זי האָט אפשר באַשלאָסן דעם זיג פון מלוכהשן סאָציאַליזם אין רוסלאַנד און די צײַטווײַליקע פאַרטונקלונג פון פרײַהייטלעכן סאָציאַליזם. איך צווייפל צי אָט די געשעעניש איז פאַרצייכנט געוואָרן אין וואָסער ניט איז צײַטונג פון יענער תקופה; זי איז קיין מאָל ניט אַרויף אויף די זײַטן פון דער אָפיציעלער געשיכטע. זי איז בלויז לאַנגזאַם אָנערקענט געוואָרן ווי אַן אָנטשליסנדיקע געשיכטלעכע געשעעניש דורך די קליגערע היסטאָריקערס פון סאָציאַליזם.

ראָקערס אויטאָביאָגראַפיע געהערט צו אָט דעם צווייטן טיפּ געשיכטע: אונטערגרונט־געשיכטע. איך בין ניט ביכולת אָפּצושאַצן

וואָס פאַר אַן אײַנפלוס ראָקערס אונטערגרונט־אַרבעט צווישן די ייִדן אין ענגלאַנד, אין די יאָרן 1895 ביז 1914, האָט געהאַט אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער איך בין זיכער אַז דער ציוניזם האָט געוויסע עקאָנאָמישע אַספּעקטן, וואָס שפּיגלען זיך באַזונדערס אָפּ אין דעם אויפקום פון די קיבוצים, די איינציקע ברייטערע פּראַקטישע פאַרקערפּערונג פון די אַנאַרכיסטישע אידעאַלן אין דער מאָדערנער וועלט — וועלכע שטאַמען אָפּ פון די פּרײַהייטלעכע אידייען וואָס ראָקער האָט פאַרשפּרייט אין משך פון זײַן רעדאַקציע פון „אַרבעטער פרײַנד" און „זשערמינאַל". אַנדערע האָבן פאַרשפּרייט די זעלביקע אידייען אין דײַטשלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָבער רודאָלף ראָקער איז געווען איינער פון די דעצידירנדיקע אײַנפלוסן אין אָט דעם פאָרמאַטיוון פעריאָד פון ציוניזם".

הערבערט רידס באַמערקונגען וועגן דער געשיכטע זענען זייער דין און זייער ריכטיק. הגם עס איז אַ שאָד וואָס ער האָט שטאַרק איבערגעטריבן דעם מעגלעכן פאַרנעם פון ראָקערס השפּעה אויפן ציוניזם. אונדז דאַכט זיך, אַז עס איז בכלל ניט געגעבן געוואָרן קיין שום יחיד — אַפילו דעם געניאַלסטן — צו האָבן אַזעלכע ריזיקע אײַנפלוסן אויף דער געשיכטע, און דאָרטן ווו אַזעלכע איבערנאַטירלעכע השפּעות ווערן צוגעשריבן אַ יחיד — זענען עס לעגענדעס, טעותים אָדער ... גאָר אַ מער אָדער ווייניקער קאָסטלעכע פּראָפּאַגאַנדע.

סײַ־ווי זענען די באַרירונגען פון ציוניזם מיטן אַנאַרכיזם אַ סך פילפאַכיקער און קאָמפּליצירטער ווי מען ווייסט עס נאָרמאַל: אָט לייענט איר, למשל, נעטלוים ביאָגראַפיע פון עליזע רעקליו, און אין מיטן דערינען דערוויסט איר זיך אַז אײדער אליעזר בן־יהודה פאָרט קיין ארץ־ישראל, קומט ער זיך דורכריידן מיטן באַרימטן אַנאַרכיסט און געאָגראַף. פון נעטלוים געשיכטע פון אַנאַרכיזם דערוויסט איר זיך, אַז טעאָדאָר הערצל האָט געהאַט אַ שײַכות צום קרײַז פון טעאָדאָר הערצקאַ, אַ מחבר פון אַן אוטאָפּיע, וואָס איז געווען אַ שם־דבר אין סוף נײַנצנטן יאָרהונדערט. איר באַגעגנט אין נעטלוים געשיכטע נאָך באַקאַנטע ציוניסטישע נעמען, צווישן זיי — פראַנץ

אָפּענהיימער, וואָס, ווי איר ווייסט מסתמא, האָט ער געשפּילט אַ זייער גרויסע ראָל אין דער ציוניסטישער געשיכטע. צי נעמט אַזאַ געשטאַלט ווי מאַרטין בובער, וואָס בעת ער איז נאָך געווען אין זײַנע פריִע צוואַנציקער האָט אים הערצל איבערגעגעבן די אחריות צו רעדאַקטירן „די וועלט”. בובער איז זינט דעמאָלט ביז זײַן איצ־טיקער טיפער עלטער, שטאַרק פאַרבונדן מיטן ציוניזם. אין דער זעלביקער צײַט, האַלט זיך מאַרטין בובער פאַר אַ תלמיד פון דעם גרויסן דײַטש־יידישן אַנאַרכיסט גוסטאַוו לאַנדויער!

קומט איר צו דער צווייטער עליה — גיט אײַך באַלד אַ בלענד די וווּנדערלעכע געשטאַלט אהרן דוד גאָרדאָן, וואָס איז אַזוי קענטיק אָנגעצונדן פון טאָלסטויס סאָציאַלע געדאַנקען. אָבער דאָ מוזן מיר אויפהערן צו זוכן איינציקע נעמען, מחמת עס איז קלאָר, אַז די גאַנצע צווייטע עליה איז באַאײַנפלוסט פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905טן יאָר, און די אַנאַרכיסטישע אידייען און אידעאַלן זענען אַרײַנגעדרונגען אין לאַנד צוזאַמען מיט די חלוצים וואָס האָבן געשטאַמט פון אַנאַרכיסטישן לאַגער, אָדער פון דער ברייטפאַרנעמיקער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פאַרשטייט זיך, אַז אָט דאָ פעלט ניט די השפּעה פון דער לאַנדאַנער באַוועגונג, בכלל, און פון רודאָלף ראָקערן, בפרט.

ווען עמעצער וואָלט דורכגעפירט אַ פאָרשונג פון די דירעקטע און אומדירעקטע אַנאַרכיסטישע השפּעות אויפן ציוניזם און אויפן ישוב, וואָלט ער אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך פאַר דער אויפקלערונג פון דעם ציוניזם און פאַר דער זעלבסטדערקענטעניש פון די קבו־צות. פּונקט ווי יעדע גרינטלעכערע פאָרשונג פון די קבוצות איז אַ גרויסער בײַטראָג צו דער אויפקלערונג פון אַנאַרכיזם.

אָבער עס איז אָן ספק אמת, אַז ראָקערס השפּעה אויף דער יידישער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַנטוויקלונג ווערט פאַרשוויגן אין דער אָפיציעלער יידישער היסטאָריאָגראַפיע. אמת איז אויך, אַז ראָקערס אײַנפלוס געהערט צו די מעכטיקסטע השפּ־עות, וואָס אָן אייצלנעם מענטשן איז געגעבן געוואָרן אויסצואיבן צווישן יידן אין די לעצטע צײַטן. מיר האָבן נאָך פאַרכאַפּט איבער־צולעבן עטלעכע יאָר, דורך לייענען דעם „אַרבעטער פרײַנד”, דעם

גרויסן פּלאַקער וואָס האָט געברענט אין ייִדישן לאָנדאָן אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט. אין בוענאָס־איירעס, ווו דער „אַרבעטער פריינד" האָט געהאַט אַ צירקולאַציע פון אַ סך הונדערטער עקזעמפּלאַרן, האָט מען ממש געשפּירט דעם אָטעם פון דעם דעמאָלט לעבעדיקן ייִדישן קולטור־לעבן אין ענגלאַנד: די אַקטיווע פאַרלאַגטעטיקייט, די געהויבענע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, די אומצייליקע לעקציעס און דיסקוסיעס. די לאָנדאָנער אויסגאַבן האָבן פאַרנומען אַ זייער וויכטיקן אָרט אין די דעמאָלט אָרעמע ייִדישע ביבליאָטעקן. מען האָט זיך דאָרטן דעמאָלט פאַרגונען גרויסצוגיקע אונטערנעמונגען אויפן ייִדישן פאַרלעגערישן פעלד: למשל, בערנשטיינס נאַטור־געשיכטע אין עטלעכע צענדלינג בענד. און מען דאַרף אָגב דערמאָנען, אַז דער וואַרשעווער פאַרלעגער יעקב לידסקי איז אויך געווען אַ „לאָנדאָנער" און טאַקע אַן אַנאַרכיסט. אַפילו די הכנות צו די טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין לאָנדאָן פלעגן מיר דאָ איבערלעבן: ראָקער פלעגט דורך לעקציעס און אַרטיקלען צוגרייטן דעם עולם צו מאַשקאָוויטשעס אויפפירונגען פון איבסען, טאָלסטוי, סטרינדבערג, און אַזוי ווייטער.

דעם לאָנדאָנער פאַרצוויגענעם און זיגפולן שטרייק אין 1913, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דער אויסלייזונג פון די שוויץ־שעפּער, האָבן מיר אין בוענאָס־איירעס מיטגעפיבערט.

חוץ אַלעמען, פלעגט פון לאָנדאָן אָנגיין אַ כסדרדיקע אימיגראַציע אַהער, און מען האָט נאָר געדאַרפט ריידן מיט אַט יענע „לאָנדאָנער" אויף צו באַגרייפן, אַז ראָקערס השפּעה אין לאָנדאָנער איסט־ענד האָט זיך געקענט פאַרמעסטן מיט דער השפּעה, וואָס פּרץ האָט אין יענע יאָרן געהאַט אויף דער ייִדישער וואַרשע. און מען דאַרף אָגב דערמאָנען, אַז די ערשטע „קוואָנטעניקעס־קאָאָפּעראַטיווע", וואָס האָט אַרויפגעלייגט אַזאַ שטעמפּל אויף דער היגער ייִדישער עקאָנאָמיק — איז געגרינדעט געוואָרן פון „לאָנדאָנער".

וועגן די פאַקטן פון דעם דעמאָלט ברויזנדיקן ייִדישן לעבן אין לאָנדאָן, ווו דער אַנאַרכיזם איז געווען אָנגעגליט אויף רויט און האָט אויפגערודערט און באַווירקט אויף אַ מעכטיקן אופן די ייִדישע מאַסן, דאַרף מען זיך ניט צו פיל אויסשפּרייטן — ראָקער גופא האָט

דאָס אַלץ קינסטלעריש-לעבעדיק באַשריבן אין דעם צווייטן באַנד פון זײַנע זכרונות („אין שטורעם", אַרויסגעגעבן אין בירנבוימס יידישער איבערזעצונג דורך דער בוכגעמיינשאַפט בײַ דער יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט).

פון דעסט וועגן האָבן מיר ערשט די טעג געלייענט אַ לאַנגע זשורנאַליסטישע דערמאָנונג פון אַמאָליקן יידישן לאָנדאָן... און נישט ראָקער, נישט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז דאָרטן דערמאָנט מיט אַ וואָרט. און אָט דער וואַנדאַליזם איז דער כלל! אַפילו די יידישע אויסגאַבע פון ראָקערס מאָנומענטאַלער אַרבעט „נאַציאָנאַליזם און קולטור" — אַזאַ ניט צו אָפּטע אָנשטרענגונג לעצטנס אין יידישן פאַרלאַג-וועזן! — האָט אין דער יידישער פּרעסע ניט פאַרדינט קיין איין רעצענזיע!

די אָפיציעלע געשיכטע ווערט געשריבן מיט דער שווערד — דער זיגער שרײַבט זי. אין דער אָפיציעלער געשיכטע הערשט דער כלל פון דעם שפּאַנישן שפּריכוואָרט: „דעם אָרעמאַנס טענות קלינגען ווי אַ האָלצערנער גלאָק".

אָבער ניט די אָפיציעלע געשיכטע מאַכט די געשיכטע! און עס זענען פאַראַן צײַטן ווען מען דאַרף קלינגען נאָר אין די האָלצערנע גלעקער — מחמת אין זיי ליגט די איינציקע האָפענונג פון דער מענטשהייט.

דעם 25סטן פ"ח איז ראָקער אַלט געוואָרן 85 יאָר. ער לעבט שוין די לעצטע יאָרן איינזאַם, אָן דער באַגלייטונג פון זײַן וווּנדער-לעכער לעבנס-חברטע מילי וויטקאָפּ. פיזיש זענען אויף אים אוודאי קענטיק זײַנע ווײַט ניט לײַכטע יאָרן, אָבער ער איז באַשענקט מיט אַ זעלטענער גײַסטיקער פרישקייט: מיט אומבאַרירטן זכרון, יוגנטלעכער סענסיבילעטעט, שפּרודלדיקער גײַסטיקער אַקטיוויקייט, פעיִקייט צו לערנען פון די נײַע געשעענישן, עלאַסטיציטעט פון זײַ-נע מיינונגען, וואַרעמען אינטערעס אין דעם גורל פון דער מענטש-הייט און אין דעם גורל פון יעדן איינעם פון די קאָנקרעטע מענטשן, וואָס ער קומט מיט זיי אין באַרירונג. ער איז שעפעריש, און די חברים קוקן אַרויס אויף זײַן מיינונג, אויף זײַן וואָרט!

ראָקער איז צו זײַנע 85 יאָר נאָך אַלץ דער מוסטער פון אַ

מענטשן, דער וואָס האָט באַוויזן ניט נאָר צו שאַפן ביכער קונסט־ווערק, נאָר צו שאַפן דאָס שווערסטע און שענסטע קונסטווערק — זײַן לעבן!

דער מענטש וואָס האָט אין זײַן קינדהייט געמוזט אָנקומען אין אַ קאַטוילישן יתומים־הויז, וואָס האָט געליטן הונגער און נויט און פאַרפאַלגונגען און גלות, און פאַרט באַוויזן אויפצושטײַגן צו אַזעלכע גײַסטיקע און מאָראַלישע הויכן — באַווײַזט בײַ זײַנע 85 יאָר נאָך אויך צו זײַן דער זעלביקער מוסטער וואָס ער איז עס געווען אין משך פון זײַן גאַנצן לעבן!

זאָל ער אונדז נאָך לאַנג געדויערן און אונדז זײַן אַ טרייסט און אַ ליכט אין אַט די פינצטערע יאָרן!

אַפּריל 1958

10 יאָר מדינת ישראל

עס איז פאַראַן אַ מדרש, אַז דער וואָס טרויערט אויפן חורבן־ירושלים וועט זיך פרייען מיטן אָפּבוי. ווען מיר אַפֿילו זאָגן אַז אונדז איז שטאַרק קשה אויף אָט דעם מדרש: וואָרעם אָט טרויערן מיר דאָך אויפן ערשטן חורבן־ירושלים, אויפן צווייטן חורבן־ירושלים, אויפן חורבן בעת די קרייצצוגן, אויפן חורבן־שפּאַניע, אויפן חורבן בעת דעם רשע כמעלניצקי, און דעם חורבן־אייראָפּע פילן מיר דאָך נאָך ווי פרישע אײַטערדיקע ווונדן און אונדזערע אויסגעריסענע שטעט און שטעטלעך טוען אונדז נאָך וויי ווי בײַ אַן אַמפּוטירטן טוען אַ מאָל וויי די פאַרלוירענע גלידער — און פון דעסט וועגן איז אונדז ניט באַשערט געווען מיטצופרייען זיך מיטן פאָלק בעת עס האָט געיובלט בײַ דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה. מיר קענען זיך אויך ניט צווינגען מיטצומאַכן מיטן פאָלק די איצטיקע טומלדיקע שמחות פון דעם צענטן אַניווערסאַר.

אוודאי מוז אין דעם זײַן שולדיק קודם־כל אונדזער אומרו פאַר די סכנות וואָס לויערן אויף די ייִדן וואָס האָבן מיט ליבע און ענער־גיע אויפגעשטעלט אין ישראל זייער היים און זי אַרומגערינגלט מיט אַ באַריקאַדע, וואָס זיי זענען אַנטשלאָסן צו פאַרטיידיקן. קיין מאָל אין אונדזער לאַנגער און טראַגישער געשיכטע איז דאָס ייִדישע לעבן ניט געווען מער אָפּהענגיק פון נסים, ווי איצט ווען די ייִדן האָבן, באַוווּסטזיניק, איבערגענומען די פאַרטיידיקונג פון זייער לעבן אין זייערע אייגענע הענט.

מיר האָבן לאַנג און אַ סך נאָכגעטראַכט איידער מיר האָבן זיך דערלויבט אַרויסצוזאָגן אָט די עטלעכע ווערטער, וואָס זענען אפשר עלול אָפּצושוואַכן די הענט פון מענטשן וואָס קעמפן אין אַ

צײַט פון סכנה — הגם די וואָס וועלן אויפנעמען אונדזערע ווער־טער צוזאַמען מיטן געפיל וואָס האָט זיי אינספּירירט, וועלן זייער טייל באַריקאַדע שוין פאַרטיידיקן ביז לעצטן!

מען דאַרף זײַן באַוווּסטזיניק אויף די סכנות, כדי די ברידער־לעכע הילף זאָל זײַן אַן ערנסטערע. ברידערלעכע הילף ממש — מיט טאַט און אויך מיט ראָט: ניט מורא האָבן פאַר קריטיק און ניט מורא האָבן צו קריטיקירן, צו וואָרענען ווען מען דאַרף, ניט חנפענען כּסדר ווי מען טוט עס מיט איינעם וואָס מען וויל בײַ אים עפּעס אויסנאַרן, אָדער פאַר וועמען מען וויל יוצא זײַן מיט אַ קלייניקייט.

מען דאַרף זײַן באַוווּסטזיניק גענוג אויף די סכנות, כדי ניט צו האָבן דעם טרויעריקן, אומבאַוווּסטזיניקן אָדער פאַנאַטישן קוראַזש צו שטערן אַנדערע אָנשטרענגונגען אויף דעם ביטער־האַרטן פעלד פון קאַמף פאַר אונדזער קיום: עס נעמט צײַטנווײַז אָן אַן אימה בײַם צוזען ווי אומבאַוווּסטזיניקע פאַנאַטיקערס טוען אַל דאָס מעג־לעכע אויף אונטערצוגראָבן די פונדאַמענטן פון דער טעטיקייט, וואָס זעט זיי אויס צו קאָנקורירן מיט זייער אייגענער טעטיקייט: דער אָנגריף אויף ייִדיש־לשון, מעשה סורינאַם (ווי אַן אַנגעזעענע ציוניסטישע טוערין איז געפאָרן ספּעציעל שטערן, ווי זי אַליין האָט זיך באַרימט!), דער באַרבאַרישער אופן פון כיבוש־הקהילות, די אָפט שוידערלעך געפערלעכע און העסלעכע פּאָליטיק, וואָס מען פּרוּווט אַרויפצווינגען אין תפוצות־לענדער — דאָס זענען נאָר בײַ־שפּילן!

און אפשר דאַרף מען פילן דעם ציטער פון סכנה אויך בעת מען גייט אַנאַליזירן די ניט שיינע פאַקטן פון דער מדינה, וואָס פאַר־לעצן אונדזערע טיפסטע און הייליקסטע געפילן פון יושר: אָט, למשל, זענען מיר זיך מודה אַז אונדזערע פּחדים פאַר דער זיכערקייט פון אונדזער קליינעם ישוב וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל שׂנאה, מאַכן בלאַסער אונדזער שולדגעפיל און אונדזער מיטגעפיל מיט די אַראַבישע פּליטים, ווײַל זייער טראַגעדיע איז פאָרט ניט אַזוי גרויס ווי עס איז די טויט־סכנה פון אונדזער ישוב.

ניין, ס'איז ניט קיין טריוויאַלע אָפּדינגעניש בײַ אונדזער גע־וויסן — ס'איז נאָר אַ שאַרפער זכרון פאַר דער טראַגישער לאַגע

פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט אין אַן עת-צרה בעת מעכטיקע בלוט-שונאים האָבן זיך געוואָרפן אויף אים מיט מעסערס, ניט געקענט אַנטלויפן פון אַ פּאַסטקע, וואָס די אומדורכדרינגלעכע ווענט אירע זענען געווען די פּאָליטישע גרענעצן. דאָס שווידערלעכסטע איז געווען פון די ביקסן און שפּיזן פון אַלע מלוכות: באָלשעוויקישע, סאָציאַליסטישע, דעמאָקראַטישע, קריסטלעכע, בודיסטישע, מוסול-מענישע. די הייליקייט פון יחידישן פּריוואַט-אייגנטום איז שוין איינ-געבראָכן, לפּחות טעאָרעטיש. אָבער די הייליקייט פון נאַציאָנאַלן פּריוואַט-אייגנטום איז נאָך אַלץ ניט אָנגערירט אפילו: „ס'איז מײַן לאַנד!" — טענהט אפילו דער כלומרשט מאָראַלישסטער סאָציאַ-ליסט. אדרבא, דאַכט זיך אַז דווקא די ערשטע סאָציאַליסטישע רע-גירונג אויף דער וועלט, אין אויסטראַליע, האָט עם די ערשטע אין די נײַע קאָנטינענטן זיך דערטראַכט צו פאַרבאָטן די אימיגראַציע אין „איר" לאַנד: כדי אויפצוהאַלטן דעם הויכן לעבן-סטאַנדאַרד פון די אויסטראַלישע אַרבעטערס. אויב דאָס איז יושר!...

דער וואָס קען פאַרמשפּטן איינעם וואָס האָט „עקספּראָפּיִרט" פאַר זײַן הונגעריקער משפּחה אַ שטיק ברויט וואָס אַ סדומישע געזעלשאַפט האָט אים ניט געלאָזט פאַרדינען, ניט געוואָלט באָרגן און ניט שענקען — יענער זאָל אויך פאַרמשפּטן אונדזערע ברידער וואָס די גאַנצע וועלט האָט זיי אָפּגעיאָגט פון די גרענעצן פון „זיי-ערע" לענדער, אין יענע ביטערע צײַטן!

מיר טראַכטן זייער אָפט און מיט טיפן ערנסט וועגן די ליבע חברים פון איחוד, וואָס מיר באַוווּנדערן פאַר זייער מוט צו פאַר-טיידיקן זייער אמת און זייער יושר-געפיל. דער עיקר, טראַכטן מיר, דאַרף זיי זײַן שווער צו קעמפן ניט קעגן די עכטע ציוניסטן, נאָר קעגן דעם ערב-רב, וואָס פּאַקט און מאָזלט גאַנץ ווייניק פאַר יעדן אידעאַל. מיר ווילן דערגרונטעווען זיך צו אַן ענטפער פאַר וואָס וואָגן מיר ניט צו געבן יענעם אַבסאָלוטן, אומפאַרהדיקן ענטפער אויף דעם פּראָבלעם פון די אַראַבישע פּליטים, וואָס אַזאַ חבר, למשל, ווי נתן חפשי וואָגט יאָ אים צו געבן. מיר האָבן אפילו זיך דער-טראַכט דערצו, אַז אפשר האָט דאָ געווירקט דער פאַקט וואָס חבר חפשי לעבט זײַן גאַנץ לעבן פון זײַן ערלעכער פּויערישער מי און

ער דאַרף אין זײַן טאָג־טעגלעכן לעבן ניט אָנקומען צו די פּשרות און „דיאַלעקטיקעס״, וואָס אונדזער איינעם פֿון דער בוכהאַלטערי־שער פּראָפֿעסיע איז אויסגעקומען צו מאַכן אין זײַן משא־ומתן אויף אייגענעם אָדער פֿרעמדן חשבון. אָבער אַפֿילו אַזוי דענקען מיר, אַז דער חילוק איז דאָ מער אַ סוביעקטיווער ווי אַן אָביעקטיווער: ווי וויפֿל פּשרות און פּאָליטיקעס און סוחרישע קונצן אַאַז״וו עס ווערן געמאַכט אין די הײַנטיקע פּריוואַט־ צי מלוכה־קאַפּיטאַליסטישע לענ־דער, סײַ כּדי צו שטיצן דעם ערד־אַרבעטער, און סײַ אויף צו באַ־רויבן אים!

זאָל דערפֿון קיינער ניט לערנען חלילה, אַז מיר שמעלצן זיך פֿון נחת איבער די יסורים פֿון אונדזערע קרבנות! פֿאַראַן אויך אַזעלכע האַנדלונגען פֿון אונדזערע ברידער קעגן דער מינדערהייט, וואָס פֿרישן אָפּ בײַ אונדז די אַלטע וווּנדן וואָס די האַלערטשיקעס האָבן פֿאַרשאַפֿט יִידן בײַ דעם אויפֿקום פֿון דער פּוילישער מדינה נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר פֿרייען זיך אויך ניט מיט דער מוראדיק אומבאַרעכטיקטער, מיט דער סנאָבישער התפּעלות פֿאַר דער איי־גענער מלוכהשקייט, מיט דער „אייגענער״ אַרמיי, ‚אייגענע״ מונ־דירן, מיט דער „אייגענער״ פּאָליציי, מיט די „אייגענע״ תּפֿיסה־ווערכטערס, מיט דער „אייגענער״ ביטערער דעמאָראַליזאַציע, וואָס די כּכל־הגויִםדיקע מלוכה האָט אונדז געבראַכט. אַדרבא, מיר זענען זיך מודה, אַז מיר טרויערן דערויף, הגם מיר זענען זיך אויך מודה, אַז מיר האָבן אויך ניט געזען קיין אַנדער אַלטערנאַטיוו פֿאַר דער מדינה, ווי די עטאַבלירונג פֿון אַן אייגענער מלוכה: עס לעבן פֿריש אין אונדזער זכּרון די האַנדלונגען פֿון דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט, און אויך די לאַגע פֿון אונדזער פֿאָלק אין יענע שוידערלעכע יאָרן.

ערשט איצט וואָלטן מיר געדאַרפֿט ריידן וועגן אונדזערע וויכ־טיקסטע חילוקי־דעות מיט די פֿירערס פֿון דער מדינה, וואָס דאָס זענען אויך יענע חילוקי־דעות וואָס האָבן אונדז קיין מאָל ניט גע־לאָזט אידענטיפֿיצירן זיך מיטן ציוניזם — יענע חילוקי־דעות וואָרצ־לען אין אַ טיפֿן, גרונטאָװנעם אונטערשייד אין באַנעמען דעם גאַנג

פון דעם ייִדישן פאָלק אין דער געשיכטע און אין דער צוקונפט, און וואָס האָבן אונדז געצווונגען צו באַטראַכטן דעם רוב ציוניסטן ווי אַסימילאַטאָרן, וואָס זוכן אָן אייגן לאַנד ווו צו קענען זיך לײַכטער אַסימילירן מיט די „פּריצישע" פעלקער, דאָס הייסט, ווערן אַ פאָלק ככל-הגויים. אָבער דאָ קומען מיר צו אַ טראַנסצעדענטאַלן פּונקט וואָס פאָדערט אַ סך פלאַץ און אַ סך צײַט אויף אויפצוקלערן אים.

בסך-הכל האָבן מיר איצט בלויז געוואָלט מיט עטלעכע אויפריכטיקע ווערטער אויסדריקן אונדזער צוגעבונדנקייט צו אונדזערע ברידער אין ישראל אין אַ דאַטע, וואָס דערמאָנט אָן אַזאַ טיפן בשותפותדיקן טרויער און אויך אָן דער טיפער פרייד וואָס בײַ אונדזער אומה האָבן זיך נאָך אויפגעהאַלטן אַזוי פיל כוחות און זאַפטן פאַר נײַע שעפערישע אָנשטרענגונגען פון אַזאַ פאַרנעם.

לאָמיר אונטערשטרײַכן, אַז צווישן יענע ווונדערלעכע שאַפונגען פאַרנעמט אַ באַזונדערס ליכטיקן אָרט „די איינציקע פראַקטישע אָנווענדונג פון אַנאַרכיזם אין אַ גרויסן פאַרנעם" — די קבוצות, וואָס האָבן געמאַכט, אַז אַנאַרכיסטן פון אַלע פעלקער זאָלן פילן ישראל ווי עפּעס אַ מין צווייט פאָטערלאַנד.

שלום צו אײַך, ברידער פון ישראל!

אַפּריל, 1958

קרעכצן פון אַ לייענער

מיר ווייסן ניט צי עס זענען פאַראַן באַזונדערע נעמען אויף אָנצורופן די צוויי מינים פובליציסטן, וואָס מיר האָבן אין זינען. מיר נעמען זיך ניט אונטער אַפילו אָנצוצייכענען קלאָר די גרענעצן וואָס טיילן זיי פונאַנדער. אָבער מיר וועלן פּרוּוון באַשרײַבן געוויסע סימנים, וואָס מען דאַרף פון דעסט וועגן ניט נעמען צו אַבסאָלוט.

אויף איין סימן האָט אונדז אַרויפגעפירט אַ פרײַנדלעכער זשור־נאַליסט, וואָס האָט אונדז בײַ אַ געלעגנהייט געזאָגט: „די שרײַ־בערס פון „דאָס פרײַע וואָרט" זענען פונקט אַזעלכע שרײַבערס ווי איך — דער חילוק איז נאָר וואָס מיר באַצאָלט מען פאַרן שרײַבן, בעת איר צאָלט נאָך צו דערפאַר". מסתמא איז אין דעם פאַראַן אַן אמת, מחמת דאָס האָט אונדז אַ ביסל פאַרדראָסן. הגם מיר ווייסן ניט צו באַשטימט וואָס אונדז האָט פאַרדראָסן: צי דאָס וואָס מיר דאַרפן צוצאָלן דערפאַר וואָס מען דרוקט אונדז, צי דאָס וואָס מיר זענען שרײַבערס פונקט ווי ער איז עס.

סײַ ווי רעוואַנשירן מיר זיך איצט מיט דעם וואָס מיר גיבן זיך אַליין אַ שטעל אַרײַן אין דער מחנה פון די וואָס שרײַבן בלויז דערפאַר, ווײַל זיי ווילן עפּעס פועלן בײַם לייענער. אָט די מחנה האָט גרויסע פאָנען־טרעגערס: שוין אַ פאַרצײַטיקער ייִדישער נביא האָט זיך באַקלאָגט אויף דעם וואָס דאָס פאָלק הערט זיך צו צו אים ווי צו אַ פידעלע, אָבער מען טראַכט ניט פון פאָלגן אים. אויב מען פאָלגט ניט וואָס ער זאָגט, האָט עס בײַ אים געהייסן אַז ער רעדט אומזיסט! צו אָט דער מחנה האָט געהערט אַ פרודאָן, אַ באַקונין, אַ קראָפּאָטקין! כדי עפּעס צו פועלן בײַם לייענער האָט דובנאָוו געשריבן זײַנע „בריוו וועגן נײַעם און אַלטן ייִדנטום",

אחד־העם — זײַן „אמת וועגן ארץ־ישראל", פּרק — זײַן „האָפענונג און שרעק". און צוליב דעם זעלביקן ציל האָבן געשריבן מעריסאָן, יאַנאָווסקי, ראָקער, שטיינבערג, א. ליטוואַק, מעדעם, ערליך, סיר־קין, באָראָכאָוו, קאַצענעלסאָן.

אויף דער צווייטער זײַט פון אָט דעם מעדאַל געפינען זיך די פּובליציסטן, וואָס האַלטן פון כּלל: „דרוש וקבל שכר!" — שרײַב און נעם דײַן האָנאָראַר: געלט, פּאָפּולאַריטעט, די קאָנפאָרמיסטישע פּאָזיציע, וואָס איז באַקוועם פאַרן גוף, הגם אויף דער נשמה פאַר־אורזאַכט זי ניט אַזעלכע באַקוועמע מאַזאָליעס.

אַ דינערן ניואַנס פון אָט דעם חילוק צווישן די ביידע סאָרטן שרײַבערס האָבן מיר אַ מאָל אַרויסגעבראַכט מיט אַ משל פון מאָטל פּייסי דעם חזנס ברודער אליה: ווען אליה האָט אַרויסגעפּאַרטיקט זײַנע טויזנט פלעשער טינט, האָט ער אויסגעכתיבהט אַ שילדל און עס אַרויסגעשטעלט אין פענצטער: דאָ, הייסט עס, פאַרקויפט מען טינט! נאָך דעם האָט אליה אַרויסגעשיקט מאָטלען אין גאַס צוצו־הערן זיך וואָס פאַר אַ רעאַקציע זײַן שילדל רופט אַרויס. דער באַריכט איז געווען, ווי איר געדענקט, אַז מענטשן זאָגן, אַז עס איז שיין אויסגעכתיבהט. ווען שלום עליכמס אליה נעבעך וואָלט ניט געהאַט צו פאַרקויפן קיין סחורה, וואָלט ער אפשר געווען צו־פרידן פון דער מבינות, ווי אַנדערע שרײַבערס זענען צופרידן פון די קאָמפּלימענטן פאַר די שיינע מליצות, קונציקע וואָרטשפּילן אַאַז"וו. עס זענען פאַראַן חשובע, צײַטנווײַז אפילו גרויסע יידישע שרײַבערס, וואָס בעת זיי שרײַבן פּובליציסטיק, פאַרגעסן זיי אַרײַנ־צושטעלן סחורה הינטער די „שיין"־דעקאָרירטע שויפענצטערס. אָט די שרײַבערס ווייסן אַז מיט די שענסטע מליצות און מיט די שאַרפ־סטע וואָרטשפּילן קען מען ניט פאַרבײַטן דאָס עכטע וואָרט אין אַ ליד. אָבער אין זייער פּובליציסטיק זענען זיי ניט אַלע מאָל אויס־געהיט פון פאַרשטאָפּן מיט ראַציאָנאַליזאַציעס די לעכער אין גע־דאַנק.

דאָ לעצטנס האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף נאָך אַ שטריך, וואָס שיידט פונאַנדער די צוויי סאָרטן שרײַבערס: אַ בוענאָס־אײַ־רעסער זשורנאַליסט האָט זיך ביטער באַקלאָגט אַז מען האָט גע־

גנבעט זײַנעם אַ געדאַנק (פּלאַגיאַט בלע"ז). מילא, ס'איז ניט וויכטיק וואָס אין דעם פאַל איז דער חשד, ווײַזט אויס, ניט געווען באַרעכ־טיקט. אינטערעסאַנט איז, וואָס אונדזער סאָרט זשורנאַליסט וואָלט לגמרי גאָר ניט אײַנגעפאַלן צו באַשולדיקן עמעצן אין פּלאַגיאַט, נאָר ער וואָלט זיך געפילט גליקלעך וואָס זײַן געדאַנק האָט זיך ערגעץ־ווו אָנגענומען און גייט ווײַטער — וואָס פאַר אַן אַנדער שכר פאַרלאַנגט ער דען פאַר זײַן מי?

עס איז פאַראַן נאָך אַ שטריך וואָס צעשיידט די צוויי סאָרטן שרײַבערס: דער פאַרשיידענער צוגאַנג זייערער צו „עולם־הבא". איין מין שרײַבערס דערמאָנט אונדז תמיד אָן דעם מענטשן וואָס, אַז ער שענקט עמעצן עפּעס, וואָלט ער וועלן אַז די מתנה זאָל זײַן אַ „דויערנדיקע": אַזאַ איינער וועט שווערלעך שיקן במתנה אַ קראַנץ נאַטירלעכע בלומען, וואָס ווערן אין אַ טאָג אָדער צוויי פאַרוועלקט. הגם ווען ער מאַכט אַ ריכטיקן אינווענטאַר פון זײַן אייגענער באַ־לעבאַטישקייט, וואָלט ער מסתמא אויסגעפונען דאָרטן אַזעלכע בלו־מען וואָס האָבן אַריבערגעלעבט שטיין און אײַזן.

סײַ ווי, דער ריכטיקער ליבהאָבער טראַכט ניט אַזוי פיל וועגן זײַן אייגענעם מאָנומענט, אַפילו ניט וועגן זײַן אייגענער רעאַליזאַ־ציע, ווי וועגן דעם נוצן און פרייד פון דעם וואָס ער וויל מהנה זײַן. ער וועט אַוודאי ניט זשאַלעווען צו „צעטרענצלען" זײַן פאַרמעגן אויף צו ראַטעווען זײַן ליבער פון הונגער, באַשר ער דאַרף דווקא צונויפזאַמלען אויף אַ „דויערנדיקער" זאַך, וואָס זאָל זײַן ליבער ניט לאָזן פאַרגעסן אָן דעםברייטהאַרציקן מנדב.

דער דירעקטער גורם פון אָט דעם שמועס איז ד"ר מוקדונים רעצענזיע, אין „קולטור און דערציִונג", וועגן אַבאַ גאָרדינס יאַ־נאָווסקי־בוך. בײַ ד"ר מוקדונין קומט אויס, אַז דאָס איז „אַ גרויסער בוך וועגן אַ קליינעם מענטשן". ווען אָט די בלינדקייט פאַר אַ שוין היסטאָרישער פּערזענלעכקייט וואָלט געווען מוקדונים אַ פּערזענ־לעכע זאַך און ניט קיין כאַראַקטעריסטישע פאַר אַ גאַנצן טיפּ פּו־בליציסטן — וואָלטן מיר דעם ענין פאַרבײַגעגאַנגען. עס לוינט אָבער צו פאַרריכטן אַ פּאָר טעותן וואָס אַ סך שלאָגן זיך אָן זיי:

ערשטנס, שטאַמט די דערמאָנטע בלינדקייט פון דער פולער אומפאַרשטענדעניש פאַר דער סיבה, וואָס יאַנאָווסקין איז אויסגעקומען צו זײַן טעטיק אין איר. עס זענען בכלל פאַראַן ווייניק אַזעלכע וואָס באַנעמען די טיפע דראַמע פון אַ פּיאָנערישער אימיגראַציע. דאַ לעצטנס האָבן מיר זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם זעלביקן בלויז בײַ אַזאַ גוטן באַאָבאַכטער ווי דאָס איז מרדכי שטריגלער. עס זענען פאַראַן אַ ריי שטריכן וואָס זענען אייגן יעדער אימיגראַציע וואָס געפינט זיך נאָך אין איר פּיאָנערישער סטאַדיע, אומאָפּהענגיק פון דער דרויסנדיקער סביבה. אַן עיקרדיקער שטריך, למשל, איז דער מאַנגל פון דרך־ארץ פאַר דער מאָראַל, פאַר די זיטן און מנהגים, וואָס האָבן געהערשט אין דער „אַלטער היים" פון אָט די אימיגראַנטן. שפּעטער־צו, ווען פון אָט די צופעליק צונויפגעשאָטענע מאַסן יחידים וועט זיך אויפורעמען אַ נײַע געזעלשאַפט, וועט אויך צוריקקומען בּיסלעכווײַז די „געזעלשאַפטלעכע מיינונג" און די בושה פאַר איר און, דער עיקר מסתמא, טאַקע די צוגעבונדנקייט צו דער געזעלשאַפט. אין די פּיאָנערישע יאָרן פון דער אימיגראַציע איז די צוגעבונדנקייט פון די יחידים זייער לויז. אין אָט אַזאַ כאַאָטישער סביבה דאַרף מען האָבן די גרויסע כוחות פון אַ... יאַנאָווסקי, כדי דערהערט צו ווערן אין דער ליאַרעמדיקער פאַרעמלאָזיקייט. מען דאַרף אויך די מעכטיקע מאָראַל, דעם אידעאַליזם פון אַ יאַנאָווסקי אויף ניט איבערגעמעכטיקט צו ווערן פון דער אַמאָראַלישקייט פון דער סביבה, אויף ניט מיד צו ווערן פון די כמעט איבערמענטשלעכע שוועריקייטן אויסצופורעמען עפּעס פון אָט דעם תוהו־ובוהו.

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזעלכע אומשטאַנדן האָט ניט געקענט אויפקומען דער דינער טעאַטער־קריטיקער פון וואַרשעווער „פרײַנד". אָבער בײַ אונדזער גאַנצער פּיעטעט פאַר איינעם פון די אָפּגעטער פון אונדזערע ייִנגלישע יאָרן מוזן מיר פאָרט מודה זײַן זיך, אַז מיר זענען ניט זיכער צי דער מײַסטער פון טעאַטער־עסיי האָט פועל געווען פאַרן ייִדישן טעאַטער מער, ווי דאָס האָט באַוויזן יאַנאָווסקי מיט זײַנע פּשוטע, דידאַקטישע און ערלעכע טעאַטער־רעצענזיעס. מיר ווייסן טאַקע אַז ווירקונג דאַרף מען זוכן אויך אין טיפענישן און אין פאַרבאָרגענישן — אָבער וויפל דאָס אויג

כאַפּט, זענען פּאַרט אַנזעעוודיקער דווקא יאַנאָווסקיס פּאַרדינסטן אפילו פאַרן טעאַטער, וואָס דאָס איז ד״ר מוקדונים פּעסטונג!

— אָדער מיינט עמעצער, אַז גראָד צופעליק איז דאָס יאַנאָוו־סקין באַשערט געווען אַרויסצופירן אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַרייַן כמעט אַלץ דאָס גרעסטע פון דער גרויסער אַמעריקאַנער ייִדישער ליטעראַטור?

— אָדער אַז צופעליק האָט זיך עס אַ „קליינעם מענטשן” אייַנ־געגעבן צו שאַפן אַט דעם מוסטער פון אַ הויכער און פרייַער טרי־בונע, ווי דאָס איז די „פרייַע אַרבעטער שטימע”?

— אָדער צופעליק איז עס אַרויפגעפאַלן אויף יאַנאָווסקין דער גורל צו האָבן אַזאַ חלק אין דער געשטאַלטונג פון דער ייִדישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג? אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער אַרבע־טער־באַוועגונג? אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער אַרבעטער־געזעל־שאַפטלעכקייט?

ד״ר מוקדוני דערקלערט אַז דאָס יאַנאָווסקי־בוך איז דערשינען נאָר אַ דאַנק דער פּיעטעט פון די געוועזענע תלמידים יאַנאָווסקיס צום רבין פון זייער יוגנט — איז טאַקע אַזאַ פּיעטעט בלויז אַ צופע־ליקייט?

מיר הערן אָפט פאַרשיידענע טענות צו די ערשטע דורות ייִדי־שע אימיגראַנטן: למאַי האָבן זיי ניט געבויט קיין ייִדישע שולן! למאַי האָבן זיי אָנגעהויבן זייער ליטעראַטור ניט פון לייוויקן און לייעלעסן, נאָר פון ראָזענפעלדן און עדעלשטאַטן? למאַי האָבן זיי ניט אויפגעבויט קיין ייִדישע אוניווערסיטעטן? די אַלע טענות דער־מאָנען אונדז אָן אַ וויץ וואָס מיר האָבן געהערט אויף אַ חנוכת־הבית פון אַ דעפּאַרטאַמענטן־הויז: דער בעל־שמחה, אָן אַרויפגע־אַרבעטער ווילנער ייִד, האָט זיך כלומרשט געקלאָגט אויף דעם וואָס ער האָט, באַלד ווי ער איז געקומען פון ווילנע (מיט עטלעכע קאָפּי־קעס אין קעשענע!) ניט געלאָזט זיך אויפבויען אַזאַ הויז און ער וואָלט פאַרשפּאָרט מאַטערן זיך אַזוי פיל יאָרן אויף דער פּרנסה.

מיר האָבן מורא אַז די טענות צו יאַנאָווסקין האָבן דעם זעלביקן טעם: למאַי זענען יאַנאָווסקיס טעאַטער־רעצענזיעס ניט געשריבן אַזוי אָפּגעטאָקט ווי ד״ר מוקדונים?

די פּשוטקייט פון יאַנאָווסקיס שטייגער שרייבן האָט געשטאַמט דירעקט פון זיין גורל. דאָס איז געווען אַ גרויסער און דערהויבענער גורל, וואָס יאַנאָווסקי איז אים געווען העראָיִש געטריי במשך זיין גאַנצן לעבן.

מיר לעבן אין אַ צייט ווען געפליגלטע רעצענזיעס שיטן זיך, דאָס רוב, דווקא פאַר גוטע ברידער, פאַר אַזעלכע וואָס קענען אָפּדינען און, צייטנווייז, אַפילו עמעצן אויף צו־להכעיס. ווען „שיין געשריבענע" אַרטיקלען באַוועגן זיך אויטאָמאַטיש אין דער זעלביקער ריכטונג וואָס דאָס וועטער־הענדל אויפן דאַך. ווען פּובליציסטיק אידענטיפיצירט זיך אַזוי אָפט מיט „פּראָפּאַגאַנדע", מיט אָט דער מלאכה בזויה וואָס איז איינער פון די העסלעכסטע סימפּטאָמען פון דער מסוכענער קרענק פון אונדזער געזעלשאַפט. ווען מענטשן פאַרלירן זייער סקעלעט און זייער פּנים און ווערן נאָכגיביק און פליסיק ווי וואַסער, און ווי וואַסער „פאַרלאָזן זיי די הויכע ערטער און לאָזן זיך אַראָפּ צו די נידעריקע ערטער" און זוכן זיך צו ניווע־לירן, צו גלייכשאַלטן זיך.

אין אַזאַ צייט האָט מען געדאַרפט לערנען אַרויפצוקוקן אויף יאַנאָווסקין ווי אויף אַ מוסטער! אדרבא, זאָל מען פּרווון נאָכטאָן אָט דעם „קליינעם מענטשן"!

מיי 1958

דריַי חדשים נאָך דער חופּה

מען דערציילט, אַז אין אַ שטעטל האָט אַ ייִד זיך פאַרקלאָגט פאַרן רב אויף אַ צווייטן ייִדן. דער רב האָט געדולדיק אויסגעהערט די טענות און דערנאָך זיך אָפּגערופן:

— נו, איצט דאַרף מען אויסהערן דעם צווייטן צד — ווערליך דעם וואָס איר רעדט, זענט איר אומגערעכט!

מיר האָבן אַ סך מאָל זיך דערמאָנט אָן אָט דער מעשה אין משך פון פראַנדיסים אויסערגעוויינטלעך לאַנגן וואַל־קאַמפּיין, בעת וועלכן ער האָט צוגעזאָגט אַ וואָרן גן־עדן וואָס וועט זיך אָנהייבן תיכּף ווי ער וועט נאָר איבערנעמען די רעגירונג, און דערצו אַ שלל מיט פאַרשיידענע סאָרטן גליקן פאַר אַלע קלאַסן און פאַר אַלע פּאַרטייען: פאַר די אינדוסטריע־אייגנטימערס, סוחרים, ערד־אַרבעטערס, פּי־ציכטערס, קאָלאָניסטן, מיליטער־לײַט, גלחים, ראַדיקאַלן, פּעראָ־ניסטן, קאָמוניסטן, פאַשיסטן, אַנטיאימפּעריאַליסטן, אויסלענדישע אינוועסטירערס... — וועמען ניט? הגם מיר, גראָבע, אומפּאָליטישע קעפּ, פאַרשטייען עד־היום ניט צוליב וואָס פראַנדיסי האָט די אַלע ווילד־קעגנזעצלעכע פאַרשפּרעכן געדאַרפט מאַכן און צו וואָס האָט ער בכלל געדאַרפט אַרויסוואַרפן אַזאַ קאָסטלעכע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט אַ סך מענטשן פאָרט געצווּונגען צו פאַרטראַכטן זיך: ווער האָט פאַר די אַלע הוצאות געצאָלט? אַז בסך־הכל איז דער רעזול־טאַט פון די — זייער ריינע און זייער דעמאָקראַטישע! — וואַלן באַשטימט געוואָרן מיט חדשים צוריק אין דער פינצטער, דורך אָפּמאַכן מיט די פאַרשיידענע כישוף־מאַכערס, דער עיקר, מיט פּע־ראָניסטן.

יאָ, דער וואַל־קאַמפּיין איז געווען אַ דערנידעריקנדיקער חוזק,

אָבער די מאַכט וואָס דער זיגערישער קאַנדידאַט וועט אַרײַנקריגן — כלומרשט דורכן פאָלקס ווילן — איז אַ בלוטיק־ערנסטע ממשות:

— ווי וועט פּראָנדיסי האַנדלען נאָך דעם ווי ער וועט אַרויף אויפן בענקל?

— מען דאַרף אָפּוואַרטן צו זען וואָס ער וועט טאָן — דאָס וואָס ער זאָגט צו איז זייער שלעכט!

פּראָנדיסי האָט אין משך פון זײַן קאַמפּיין געהאַלטן אין איין אונטערשטרײַכן אַנטיאימפּעריאַליזם. דער עיקר, האָט ער געקוועטשט אויפן נאַפט, וואָס ער האָט צוגעזאָגט ניט צו פאַרפרעמדן פאַר קיין שום פּרײַז. דאָס האָט, אַגב, געשטימט מיט זײַן לעבנסלאַנגן פּריי־דיקן. דאָס איז געווען אַ פּאָפּולערע טעמע אויף אײַנצוקויפן זיך אין ליבע בײַ די מאַסן. די מורא פאַר די קאָנסעקווענצן פון איבערגעבן די נאַפט־עקספּלואַטאַציע צו אויסלענדישע קאָנצעסיאָנערן האָט זייער ראַציאָנעלע טעמים. די בײַשפּילן פון מעקסיקע אַמאָל, פון ווענע־סועלאַ, פון מיטעלן מזרח — מעגן אָפּשרעקן. אַרגענטינע האָט אויך די בײַשפּילן פון די אויסלענדישע קאָנצעסיעס אויף באַנען, טראַמ־ווײַען, עלעקטרישע סטאַנציעס אאַז״וו, וואָס האָבן דאָס לאַנד אי עקספּלואַטירט אי דעמאָראַליזירט. די פאַרשיידענע סאָרטן, אָפענע און באַהאַלטענע, אופנים פון אונטערקויפן הויכגעשטעלטע פּאָלי־טיקערס זענען געווען אַ וואָכעדיקער גאַנג.

די שפּעטערדיקע נאַציאָנאַליזאַציע פון די באַנען און שטאָטישע טראַנספּאָרטן, טעלעפאָנען, גאַז און די נאַציאָנאַליזאַציע פונעם נאַפט גופא וואָס ציט זיך שוין זינט צענדליקער יאָרן, האָט באַוויזן אַז זי האָט ניט אָפּגעשטעלט די עקספּלואַטאַציע און אוודאי ניט די דע־מאָראַליזאַציע. די סיבות פון דעם סאָרט שלעכטס ליגן אין קאַפּי־טאַליזם גופא און ניט אין דעם צי דער קאַפּיטאַליזם איז אַן ענגלי־שער, אַמעריקאַנער, בעלגישער, רוסישער צי אַרגענטינישער. און אויב דער קאַפּיטאַליזם איז אַ פּריוואַטער, איז שלעכט — אויב דער קאַפּיטאַליזם איז אַ מלוכישער, איז נאָך ערגער.

צום באַדויערן, האָט זיך צו די מער אָדער ווייניקער באַרעכ־טיקטע סיבות פון דעם אַזוי גערופענעם „אַנטיאימפּעריאַליזם" צו־געמישט אַ שלל מיט איראַציאָנעלע פאַקטאָרן: די באָלשעוויקישע

פּראָפּאַגאַנדע וואָס איז אויסן אַרײַנצוקלאַפּן אין די מוחות אַזעלכע סלאָגאַנס וואָס זאָלן אָנטאָן צרות אירע קאָנקורענטן אין אימפּע־ריאַליזם; די פאַשיסטיש־שאָוויניסטישע מיסטיק מיט איר בלינדער קסענאָפאָביע; די פּראָפּאַגאַנדע פון אַ זייער גרויסן קלאַס מענטשן וואָס פילט זיך „באַרופן" צו פּאַראַזיטעווען אין די „נאַציאָנאַליזיר־טע" אינדוסטריעס, אאַז"וו.

אין דער איצטיקער לאַגע פון לאַנד, איז דער דאָגמאַטישער, איראַציאָנעלער „אַנטיאימפּעריאַליזם" אַן ערנסטע שטערונג: פּע־ראָנס דיריגיזם האָט אויפגעפרעסן די קאַפּיטאַלן פון לאַנד, און די פּלאַנטערס וואָס זײַן דיריגיזם האָט אַנגעמאַכט אין דעם לאַנדס עקאָנאָמיע, זײַן אינפלאַציע און זײַן ווילד־איבערגעוואַקסענע ביוראָ־קראַטיע גייען דערווײַל אָן ווײַטער און די שריפה האַלט נאָך אָן. דערווײַל איז ניט נאָר ניטאָ וואָס צו ריידן פון אָפּשפּאָרן פרישע נאַציאָנאַלע קאַפּיטאַלן, נאָר עס האַלט נאָך ניט אַפילו בײַם אָפּ־שטעלן די חולאת וואָס פאַרצערט די רעשטן פון די קאַפּיטאַלן, וואָס אַרגענטינע האָט אָפּגעשפּאָרט אין די פאַרפּעראָניסטישע צײַטן.

די באַפעלקערונג וואַקסט און די פּראָדוקציע וואַקסט ניט. דער טראַנספּאָרט ווערט אַלץ מער אָפּגענוצט, אָנשטאָט צו פאַרגרעסערט ווערן בהסכם מיט דער שטײַגנדיקער באַפעלקערונג. עס פעלט די צאָל פּי אין לאַנד. דער דעפיציט אין דער פּראָדוקציע פון נאַפט, שטיינקוילן, עלעקטריציטעט, גאַז ווערט אַלץ גרעסער. דער דעפי־ציט פון וווינונגען שטײַגט.

— פון וואַנען וועלן קומען די קאַפּיטאַלן אויף אַוועקצושטעלן דאָס לאַנד איבער אַ נײַעם אויף די פיס? אין רוסלאַנד האָט מען אין אַן ענלעכער לאַגע געפונען אַ מיטל: מען האָט אין די לעצטע צוואַנ־ציקער יאָרן און אין די אָנהייב דרײַסיקער געלאָזט שטאַרבן פון הונגער מיליאָנען מענטשן, און דעם ווייץ, קאָרן און אַנדערע רוי־שטאָפן האָט מען פאַרקויפט אין אויסלאַנד און מיטן געלט קאַפּי־טאַליזירט די אינדוסטריאַליזאַציע. אין אַרגענטינע האַלט נאָך, צום גליק, ניט דערבײַ, אַז די אַרבעטערס זאָלן זיך לאָזן פאַרהונגערן — וועלן די קאַפּיטאַלן בכן מוזן קומען פון אויסלאַנד, אַלץ איינס

צי די מורא פאַר אויסלענדישע קאַפּיטאַלן איז באַרעכטיקט אָדער ניט.

דאָס איז ניט שווער געווען צו פאַרויסזען, און מיר וואָלטן אפשר אָנגענומען אַפילו אַ וועט אַז פראַנדיסים רעגירונג וועט ניט עסן דעם „אַנטיאימפּעריאַליזם" אַזוי הייס, ווי פראַנדיסים וואַל-קאַמפּיין האָט אים געקאָכט. עס איז אָבער מוראדיק שווער מאָראַ-ליש צו פאַרדייען דעם פאַקט, וואָס קאַרגע דריי חדשים נאָכן איבער-נעמען די רעגירונג זענען שוין פאַרטיק געוואָרן אַזוי פיל אָפּמאַכן מיט אויסלענדישע נאַפט-קאָנצעסיאָנערן. דערצו איז די גאַנצע פּראָ-צעדור דערפון — למשל, דעם פּרעזידענטס דערקלערן זיך, באַלד ביים איבערנעמען די מאַכט, פאַרן דירעקטאָר פון דער אי־פּע־עפע — אַזאַ, אַז מען מוז קלערן אַז פראַנדיסי האָט פּלאַנירט דעם נאַפט-געשעפט שוין דעמאָלט, ווען ער האָט געהאַלטן אין איין „פּריידיקן" דאָס ניט איבערגעבן דעם נאַפט צו אויסלאַנד.

דער מאָראַלישער היזק, וואָס אָט דער סאָרט האַנדלונג איז גורם דעם לאַנד, איז ערגער ווי דער עקאָנאָמישער היזק וואָס אַפילו אַן אומגינציקער קאָנטראַקט קען פאַראורזאַכן. אפשר אַפילו ערגער ווי דער מעגלעכער היזק פון דעם אַריינלאָזן אין לאַנד אַזאַ סכנות-דיק ווירולענטן אימפּעריאַליזם ווי דעם רוסישן. דערצו איז נאָך אַלץ פאַראַן אַ חילוק צווישן אַריינלאָזן אין לאַנד אַ פּריוואַטע אויס-לענדישע קאָמפּאַניע און דירעקט אַן אויסלענדישע רעגירונג: אין רוסלאַנד זענען דאָך קיין פּריוואַטע קאָמפּאַניעס ניטאָ. עס איז ניט שווער פאַרצושטעלן זיך, אַז רוסלאַנד וואָלט אַנדערש געהאַנדלט ווי דאָס האָט געטאָן ענגלאַנד, בעת דעם ברוטאַלן אופן פון עקס-פּראָפּריִירן דעם גאַז, למשל. אפשר געדענקט איר פּעראָנס חשבון: די גאַזערן זענען ווערט 100 מיליאָן (עס איז ניט דער גענויער ציפער), דאָס אַרויסנעמען די רערן פון דער ערד דאַרף קאָסטן 90 מיליאָן — זענען מיר שולדיק דער קאָמפּאַניע 10 מיליאָן!... עס מאַכט ניט, וואָס סוף-כל-סוף האָט פּעראָן מסתמא אויך ניט אָפּגענאַרט ענגלאַנד!

נאָך ערגער פון פראַנדיסים אָפּנאַרן דעם ווילער-עולם איז זיין האַלטן וואָרט בנוגע די קאָלעגן-פּאָליטיקערס. ניט געקוקט אויף

דעם וואָס פּראַנדיסי האָט אַזוי פיל מאָל איבערגעחזרט פאַרן „פאָלק", אַז ער האָט גאָרניט צוגעזאָגט פּעראָנען און ניט די פאַשיסטן און די באָלשעוויקעס וואָס האָבן אים געשטיצט בעת די וואַלן — זעט מען שוין אָן די פאַשיסטן צו שטאַרק, אין אויסערן־מיניסטעריום דער עיקר, און דאָס מקיים זײַן די „ניט געמאַכטע" צוזאָגן צו פּעראָנען איז ממש קאַטאַסטראָפאַל: דאָס ערגסטע וואָלט געווען די מאַכינאַציעס אין געריכט־וועזן, ווען דער בראַך אויפן פעלד פון דער אַרבעטער־באַוועגונג וואָלט ניט געדעקט אַלץ — די מעשה מיטן נאַפט אַרײַנגערעכנט!

אָט דער „פּאָליטישער" כלל, אַז מען מעג אָפּנאַרן דאָס פאָלק אָבער מען דאַרף זײַן געהיט ניט אָפּצונאַרן די „פּאָליטישע פאַרבינדעטע" („ענטרע בועזשעס נאָ הײַ קאָרנאַדאַס!"), האָט אונדז אינטריגירט שוין מיט יאָרן צוריק. אין אונדזערע סטודענטישע יאָרן, געדענקען מיר, האָבן מיר געכאַפּט בײַ דער האַנט אַ באָלשעוויקישן קאָלעגע, וואָס איז געווען, צוזאַמען מיט אונדז, איינער צווישן די פינף מיטגלידער פון עקזעקוטיוו פון דער „רעפאָרמיסטישער פּאַרטיי", בעת ער האָט שיעור ניט רעאַליזירט אַ טראַנזאַקציע מיט אַ מיאוסן „פּאָליטיקער", צו וועמען ער האָט אונדז אַלעמען געדאַרפט פאַרקויפן. מיר האָבן אים געפרעגט: „דו האָסט זיך פאַרפּלאָנטערט און פון צוויי צדדים געמוזט איינעם אָפּנאַרן — פאַר וואָס האָסטו גראָד געוואָלט אָפּנאַרן דעם ערלעכן צד און ניט דעם גנבֿ?" דער באָלשעוויק, אַ צעטומלטער, האָט בלויז באַוויזן אונדז צו ענטפערן, אַז מיר מעגן אים גלייבן, אַז ער האָט בלויז אויסגעפירט די אינסטרוקציעס פון דער פּאַרטיי (סיק!).

אָבער דער ענין איז אונדז איצט אויפגעקלערט געוואָרן מיט אַ משל:

אַ ייִד האָט אין גאַס פאַרלאָרן זײַן בײַטל מיט געלט. אַ צווייטער ייִד האָט עס געפונען און באַלד אָפּגעגעבן דעם באַלעבאָס. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען בײַם אייגנטימער דאָס בײַטל אַרויסגעגנבֿעט. מען האָט גראָד געכאַפּט דעם גנבֿ, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז דער זעלביקער ייִד, וואָס האָט פריִער געפונען דאָס געלט און עס אָפּגעגעבן.

— איר פאַרשטייט? — האָט דער גנב אויפגעקלערט זײַן האַנד־לונג — אויף אומקערן אַן אבֵדה בין איך אַ ייִד ווי אַלע ייִדן. גנבה, ווידער, איז מײַן פּרנסה!

צווישן קאָלעגן איז דער פּאָליטיקער, ווײַזט אויס, אויך אַ מענטש וואָס דאַרף זײַן אַפילו אַ דזשענטלמאַן. אָפּנאַרן דאָס פאָלק איז דעם פּאָליטיקערס פּרנסה!

און אפשר איז אונדזער חשד אַז פּאָליטיקערס דאַרפן ווו נישט איז זײַן דזשענטללײַט נישט באַרעכטיקט, און עס זענען פאַראַן אַנ־דערע סיבות פאַר וואָס זיי האַנדלען אַזוי מאָדנע.

סײַ ווי, איז אָט דער ענין, וואָס אַ פּאָליטיקער איז „דערלויבט" אָפּצונאַרן דעם וויילער, אַ גאָר ערנסטער, וואָס קען נישט פירן צו קיין גוטס! נאָך אונדזער מיינונג נאָך, קלעקט אָט די רמאות אַליין אויף אַרונטערצורײַסן דעם גאַנצן פּרעסטיזש פון דער רעגירונג־אינסטי־טוציע. הגם מען דאַרף זײַן גערעכט און צוגעבן, אַז נישט אַלע פּאָלי־טיקערס, באַזונדערס פון דעמאָקראַטישע לענדער, לאָזן זיך אַראָפּ אויף אָט דעם לייטער צו אַזאַ מדרגה, ווי די וואָס מיר אָבסערווירן.

מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג אָפּגעשטעלט אויף דעם מאָראַלישן פּנים פון אָט דער „אינטראַנסיכענטישער" (דער טײַטש פון דעם איז... אָנפּשרהדיקער!) פּאָליטיק — מחמת דער עולם שטעלט זיך אויף אָט דעם פּונקט אין גאַנצן נישט אָפּ! אין דער אַרגענטינע פון 1958 איז אַן אַלגעמיין אָנגענומענע אַקסיאָמע, אַז אַ פּאָליטיקער מעג און מוז זײַן אַ ליגנער, אַ גנב און וואָס אין דער קאָרט, און אַז אָן אָט די מעלות איז גאָר קיין פּאָליטישער שידוך נישט מעגלעך. קאַרל מאַרקס האָט געלערנט אַז די אידייען פון אַ תקופה זענען די אָפּשפּיגלונג אין מענטשלעכן מוח פון דער תקופהס פּראָדוציר־מיטלען. וואַרטן מיר שוין אומגעדולדיק אויף דער צײַט ווען אַרגענ־טינע וועט קענען אומבײַטן אירע שטאַרק אָפּגענוצטע און פאַרעל־טערטע פּראָדוציר־מיטלען — וואָרעם פאַר אונדז איז קלאָר, אַז דער שווידערלעכסטער מאָמענט פון דער איצטיקער אַרגענטינער דראַמע איז דאָס, וואָס דער גראָבהויטיקער סלאָגאַן „לאַדראָן אָ נאָ לאַדראָן — קערעמאָס אַ פּעראָן!" (צי ער איז אַ גנב אָדער נישט קיין גנב — מיר ווילן פּעראָנען!) קאָטיזירט זיך אויף דער פּראָלעטאַרישער

בירזשע ניט דער ערך בעסער ווי פּרודאָנס „אייגנטום”, מאַרקס „קאַפּיטאַל” און קראָפּאָטקינס „פעלדער, פאַבריקן און ווערק-שע-פּער”, אין איינעם געגומען!

דער עולם טראַכט איצט נישט פון קיין מאָראַל — ער איז פאַרנומען מיטן פאַרדייען דעם אומאַסימילירלעכן סיורפּריז, וואָס גראָד נאָך פראַנדיסים איבערנעמען די מאַכט, ווען די פּרייזן אויף די פּראָדוקטן האָבן „געדאַרפט” נעמען פאַלן — האָט גאָר דער „יקרות” גענומען שטייַגן מיט קאַטאַסטראָפאַלער שנעלקייט. מיר פאַרשטייען אַז די לייענערס וואָלטן געוואָלט הערן עפּעס וועגן דעם, אָבער מיר ווילן זיך גראָד ניט אָפּגעבן מיט קראַצן אָט די ווונד — מיר האָבן אָט די קאָנסעקווענצן פאָרויסגעזען און באַשריבן מיט איינצלהייטן ערב די וואַלן, בעת מיר האָבן קאָמענטירט די דעמאָל-טיקע פּאָליטישע שטרייַקן:

בעת אַן אוואַנסירטער סטאַדיע פון אינפלאַציע, איז דאָס „באַ-וועגלעכע” לוין-סיסטעם דאָס איינציקע, וואָס קען באַוואָרענען אַז דער אַרבעטער-קלאַס זאָל ניט זייַן דער איינציקער שעיר-לעזאָזל פון דער עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפע. אָבער ווען דער אַרבעטער בעט און קריגט אַ הורטאָווע לוין-הוספה, דאַרף ער דערוואַרטן אַז, איידער נאָך די לוין-הוספה ווערט רעאַליזירט, וועט דער „יקרות” שטייַגן נאָך אפשר אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרץ ווי עס איז געשטיגן זייַן לוין.

אָבער די פּאָליטיקערס און די סינדיקאַלע באַסעס האָט ניט אינטערעסירט צו פאַרבעסערן דעם פאָלקס לאַגע; זיי האָט אויך ניט געאַרט דאָס, וואָס די אומנוציקע שטרייַקן וועלן אַקצענטירן די אינפלאַציע און פאַרשנעלערן דעם אמאָק-לויף פון דעם לאַנדס באַ-לעבאַטישקייט צו דער קאַטאַסטראָפע. זיי האָבן געוואָלט דורכפירן זייערע פּאָליטישע צילן — און די מאַסן האָבן זיך געלאָזט אָפּנאַרן!

מסתמא וועלן זיי זיך אויך לאָזן אָפּנאַרן בעת דער נאָענטסטער שטרייַקכוואַליע, וואָס די ערשטע דונערן אירע הערן זיך שוין אין דער לופט: אין סעפּטעמבער ענדיקט זיך דער טערמין פון די קאָ-לעקטיווע אָפּמאַכן!

— אין וואָס פאַר אַ פּאָליטישע רעדער וועט מען יענע שטרײַק־כוואַליע אײַנשפּאַנען?

די אַלע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, פּאָליטישע און מאָראַלישע צרות — די אינפלאַציע, דער נאַפּט, דאָס פאַרוווּנדן די חשיבות פון געריכט־וועזן און פון דעם מעדיצינישן צעך, דאָס רמאות אַאז״וו זענען אַ גאָרניט מיט אַ ניט, זאָגן מיר אײַך, אין פאַרגלײַך מיטן גרויסן אומגליק פון דעם פאַשיסטישן געזעץ וואָס רעגלאַמענטירט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען!

דאָ איז דווקא קיין רמאות ניט פאָרגעקומען: פּראַנדיסי האָט בפירוש צוגעזאָגט, בעת זײַן וואַל־קאַמפּיין, „אַן איינציקע און מעכ־טיקע סע־כע־טע״! אָבער דער אַרגענטינישער עולם איז שוין אַזוי צוגעוווינט געוואָרן צום דיריגיזם, אַז מען האָט זיך ניט געכאַפּט וואָס עס באַטײַט, אַז אַ רעגירונג זאָגט צו וואָס פאַר אַן אָרגאַניזאַציע די אַרבעטערס וועלן האָבן.

אָט דאָס פאַשיסטיש געזעץ איז חוץ אַלעמען, אַ צײַטבאָמבע וואָס מוז, לויט איר נאַטור נאָך, אויפרײַסן די גאַנצע פּאָליטישע און סאָציאַלע דעמאָקראַטיע וואָס איז נאָך געבליבן אין לאַנד — סײַדן דאָס לאַנד וועט באַווײַזן פריִער צו צעשטערן אָט די צײַטבאָמבע צוזאַמען מיט דער גאַנצער טאָטאַליסטיש־צוגעשניטענער סע־כע־טע אין איינעם: די „שוואַרצע״ און די כלומרשט ניט שוואַרצע אויך! די רעגירונג טאָר ניט אינטערוועניר מיט גאָרניט אין די סינדיקאַטן!

אָבער וועגן דעם וועט שרײַבן אַן אַנדער חבר.

מיר וועלן דערגאַנצן דאָס בילד פון דעם אָנהייב פון דער נײַער רעגירונג מיט צוגעבן, אַז דערווײַל הערשן אין לאַנד אַ סך פרײַ־הייטן, פון וועלכע מיר זענען שוין געווען אָפּגעוווינט — ווען מיר וואָלטן, למשל, אין פּעראָנס צײַטן קריטיקירט די רעגירונג אויף דעם אופן ווי מיר טוען עס איצט — וואָלטן די שרײַבערס פון ד. פ. וו. מסתמא געענדיקט אין תפיסה אָדער אין גלות, צי ערגער נאָך, און דער דרוקער וואָלט אָפּגעשניטן נאָך ערגער.

אָבער אַזוי פיל צײַטבאָמבעס זענען אָנגעשטעלט געוואָרן קעגן דער דעמאָקראַטיע, אַז אָט די אַלע פרײַהייטן שטייען אין סכנה!

און מיר קענען זיך ניט אָפּהאַלטן פון אָט דער באַמערקונג:

מיר האָבן לאַנג נאָכגעטראַכט וועגן די מאָטיוון וואָס די איצטיקע רעגירערס האָבן עס געהאַט אַרײַנצולאָזן זיך אין אַזאַ ווילדן געיעג צו דעראָבערן די רעגירונג; די גרעסטע צירק־קינסטלערס האָבן ניט געדאַרפט באַווײַזן אַזעלכע קונצן! און צוליב וואָס?

דער אָפּטימיסט אין אונדז באַרויִקט אונדז, אַז די מענטשן טוען דאָס אַלץ צוליב פּרנסה — ס׳איז אַ פּראָפעסיע אַזאַ: פּאָליטיקערס!

אָבער דאָס פּעסימיסטישע ווערעמל נאָגט פון דעסט וועגן: און ווי איז אַז דאָס אַלץ ווערט געטאָן צוליב אַן אידעאַל?

בלויז פון טראַכטן וועגן אַזאַ סאָרט רעגירונג לשם אידעאַל, עפנט זיך אונדז אַן אָפּגרונט פאַר די פיס!

אויגוסט, 1958

רודאָלף ראָקער

מיטן אָפּגאַנג פון אונדזער ליבן רודאָלף ראָקער פאַרלירט אונדזער גלײַכגעשאַלטע, פאַרשונדעוועטע און צעריסענע וועלט איינע פון די קאָנטיקסטע, ערנסטע און האַרמאָנישסטע מענטשלעכע פערזענלעכקייטן פונעם דור.

ראָקער איז געווען אַ מענטש אַ מושלם: ער האָט פאַרמאָגט אַ זעלטן קלאָרן מוח, אַ וווּנדערלעכן זכרון, וואַכע און סענסיטיווע חושים, אַ וואַרעם האַרץ. זײַן קאָלאָסאַלע ערודיציע איז געווען אַזאַ טיף דורכגעלעבטע, אַז זי האָט ממש וויברירט מיט לעבן. זײַן דיכטערישער שוווּנג איז געווען מעכטיק. זײַן וויסן, זײַן געדאַנק, זײַן געפיל און זײַן טאַט האָבן געשאַפן איין האַרמאָנישע גאַנצקייט. עס איז אַפילו ניט שײַך צו ריידן פון סתירות אין ראָקערס לעבן, ווי ס'איז ניט שײַך צו ריידן, אַז אַ מעכטיקער טײַך זאָל ערגעץ־ווו אויף זײַן וועג נעמען שטראָמען אויף צוריק.

געבוירן און אויפגעצויגן אין דער געדיכטער אָרעמקייט פון דער דײַטשישער אַרבעטערשאַפט אין אָנהייב פון די 70ער יאָרן פון 19טן י״ה, איז ראָקער געבליבן געטרײַ די אָרעמע און אונטערדריקטע ביז צו זײַן לעצטן אָטעם־צוג. ער האָט קיין מאָל ניט אויפגעגעבן זײַן קאַמף פאַר דער באַפרײַונג, און ער האָט קיין מאָל ניט געמאַכט קיין פּרוּוו צו אָפּטיילן זיך, פערזענלעך, פון דעם גורל פון די אונטערדריקטע און אָרעמע. דער סאָרט „סעפּאַראַטער שלום" איז אים אַפילו אויפן זינען ניט געקומען.

זײַן קאַמף איז געווען עכט און ריטערלעך לויטער. ער האָט שוין, באַלד אין זײַנע ערשטע שריט אין סאָציאַליזם, איבערגעריסן ניט נאָר מיט די בירגערלעכע הערשערס און אוזורפּירערס, נאָר

אויך מיט די אויטאָריטאַר־סאָציאַליסטישע ריכטונגען, וואָס קענען פאַרלאָקן מיט „פּאָזיציעס" פאַר מאַכט־ליבהאָבערס און קאַריער־ריסטן. וואָרעם דער גורל האָט, ווייַזט אויס, געוואָלט, אַז אָט דער באַגאַבטער מענטש מיט אָפענע חושים, מיט אַן ערלעך האַרץ און מיט אַ באַריידעוודיקער פּען זאָל דינען ווי אַ נביא און ווי אַן עדות קעגן אַלע עבודה־זרות פון זייַן עפּאָכע: פון „רעכטס" און פון „לינקס".

ראָקער האָט באַלד, נאָך אין די פריִע, הערצְישע יאָרן פון סאָ־ציאַליזם, זיך אָנגעשלאָגן ניט נאָר אָן דער שטיינערנער וואַנט פון דער ביסמאַרקישער רעאַקציע, נאָר אויך אָן דער ניט ווייכערער וואַנט פון דער דיקטאַטאָרישער פירערשאַפט פון דער דייַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. פאַר דעם יונגן ראָקערס סענסיטיווע אויגן האָבן שוין די אויטאָריטאַרע סאָציאַליסטישע פירערס דעמאָלט גע־וויזן גאַנץ בולט די ציין און נעגל, די מאַכט־אַפּעטיטן, דעם יעזוי־טיזם און אַפילו דעם סטיל פון די שפּעטערדיקע באָלשעוויקישע הערשערס.

ראָקער האָט גאַנץ פרי באַנומען, אַז עס קלעקט ניט דאָס קעמפן קעגן די בירגערלעכע הערשערס און אוזורפּירערס, נאָר אַז מען מוז, אין דער זעלביקער צייַט, אויך פירן אַ קאַמף קעגן די, וואָס טראָגן אַפילו סאָציאַליסטישע פאָנען כלומרשט, אָבער וואָס אין דער אמתן שלאָגן זיי זיך פאַר די געזעלשאַפטלעכע מאַכט־פּאָזיציעס, וואָס זיי טראַכטן גאָרניט צו צעשטערן זיי, נאָר צו פאַרכאַפּן זיי פאַר זיך גופא.

ראָקער וואַרפט זיך אַרייַן צו שווימען קעגן די מעכטיקע כוואַ־ליעס פון אַ ים, וואָס האָט ניט אויפן וועג קיין פּאָרטן פאַר אַמבי־ציעזע קאַריעריסטן, נאָר ענדיקט זיך מיט דער פולער פרייַהייט, חשיבות און וווילזייַן פאַר אַלע מענטשן־קינדער גלייַך. ס'איז אַ שווערער און פּייַנלעכער וועג, אָבער ראָקער איז אים דורכגעגאַנגען מיט שטילער העלדישקייט, מיט ניט איבערגעריסענער לעבנספרייד, מיט טיפער אינערלעכער צופרידנקייט, און איבערגעלאָזט דער וועלט אַ מוסטער פון אַ קרישטאָל־ריינעם און ליכטיקן לעבן אָן איין פלעק,

אַ לעבן אויסגעפילט מיט מעכטיקע קאַמפן, אומאיבערגעריסענער אַרבעטזאַמקייט און מאָנומענטאַלע שאַפונגען.

מיר האָבן געהאַט די זכיה צו זען ראָקערן צוזאַמען מיט דער אפשר ניט ווייניקער ווונדערלעכער לעבנסבאַגלייטערין זײַנער, מילי וויטקאָפּ, מיט עטלעכע יאָר צוריק אין קראָמפּאָנד, לעם ניו־יאָרק. ראָקער האָט געבעטן, אַז מיר זאָלן ניט קומען צו אים אין קיין סוף־וואָך, ווען עס פלעגן זיך תמיד צוזאַמענקלײַבן אין זייער שטוב צענדליקער מענטשן, נאָר אין אַ וואָכנטאָג.

חבר משה שוץ האָט אונדז דעריבער באַגלייט צו די ראָקערס אין אַ מאָנטיק. אויסגעפאַלן איז עס גראָד אין אַ זוניקן און דורכזיכטיקן יוני־טאָג, וואָס איז געווען אַ פּאַסיקע ראַם פאַר די מנוחה־דיקע מענטשן, וואָס די שײַן פון אַ ציכטיקן און ריכטיק־געלעבטן לעבן האָט אַרויסגעלויכטן פון זייערע אויגן.

מיר זײַנען פאַרכישופט געוואָרן פון דעם אויסערגעוויינטלעך וואַרעמען און עכטן אינטערעס, וואָס ראָקער האָט אַרויסגעוויזן פאַר מענטשן. מיר זײַנען געוווינט צו זען גאַנץ אָפט שרײַבערס, וואָס ווײַזן אַרויס אַזוי פיל פאַרשטענדעניש און ליבע פאַר די פּערסאָנאַזשן אין זייערע ביכער, אָבער וואָס האָבן ניט דעם מינדסטן טאַלענט צום לעבעדיקן מענטשן, אָדער פילאַנטראָפּן, רעוואָלוציאָנערן, פּײַערדיקע פּאַטריאָטן וואָס לעבן, דאַכט זיך, פאַר טובת־הכלל, אָבער זיי ווײַזן אַפילו מיזאַנטראָפּיע צום פּרט. ראָקערס אינטערעס און ליבע צו מענטשן איז געווען פונקט אַזוי מעכטיק, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פּרט ווי וועגן כלל. ער האָט וועגן אַלעמען דערציילט און וועגן אַלעמען אויסגעפרעגט זיך, ממש ווי וועגן ברידער וואָס ער לעבט צוזאַמען מיט זיי זײַן גאַנצן לעבן. די ראָקערס, וואָס זײַנען געווען געוווינט אויפצונעמען אַזוי אָפט אָן אַ שיעור מענטשן פון אַלע וועלט־טיילן, האָבן אַרויסגעוויזן, פון דעסט וועגן, דעם וואַרעמסטן אינטערעס פאַר שוצס און אונדזער באַזוך.

שוץ האָט פאַרשטאַנען, אַז פאַרן עלטערן ראָקער וועט זײַן געזינטער ניט אויסצומאַטערן זיך צו פיל, און ער האָט אונדז אַרויסגערופן אויף אַ שפּאַציר איבער דעם זייער שיינעם גאָרטן־שטעטל, וואָס די חברים האָבן עס אַ מאָל געגרינדעט צוליב דער פערער־שול.

ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט, איז שוין געווען שפּעטלעך, און מיר האָבן זיך געדאַרפט אײַלן צו דער באַן. די ראָקערס האָבן קוים געקענט באַהערשן זייער אומצופרידנקייט: זיי האָבן נאָך געהאַט אַזוי פיל צו דערציילן און אַזוי פיל צו פרעגן!

בײַם געזעגענען זיך איז ראָקער געווען זייער שטאַרק עמאָ־ציאָנירט. שוין איז שוין געווען געוווינט דערצו, אָבער מיר האָבן זיך עפּעס ניט געפונען קיין אָרט און זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נאַרישקייט:

— מיר וועלן נאָך אין גיכן זיך זען נאָך אַ מאָל.

די כמעט מאַיעסטעטיש געשטרעקטע און קלוגע מילי האָט זיך אָפּגערופן:

— ס'איז אַ גוטע האָפענונג פאַר אונדז!

אויך איצט, בײַם געזעגענען זיך מיט דעם, וואָס האָט מיט אַזאַ וווּנדערלעכן ליכט געלויכטן איבער אונדז און געוואַרעמט אין משך פון אונדזער גאַנצן לעבן כמעט, פילן מיר זיך פאַרלאָרן. לאָמיר אָבער בעסער זיך אויסהיטן פון זאָגן נאַרישקייטן דאָס מאָל — סײַ־ווי, איז נאָך, דאַכט זיך, ניט געבאָרן געוואָרן דער מענטש, וואָס האָט צו זאָגן חכמות בײַ אַזאַ געלעגנהייט.

לאָמיר אָבער, אויף דער הייסער מינוט, מאַכן אַ פאָרשלאָג די חברים: ניט אויפגעבן נאָך דעם ראָקער־פאָנד און ווידמענען אים אויף אַרויסצוגעבן אין ייִדיש, לפּחות, נאָך דרײַ ביכער ראָקערס: איין בוך איז דער, וואָס ראָקער האָט געהאַלטן אין שרײַבן די לעצ־טע יאָרן, און וואָס ער האָט אַלץ ניט געוואָלט אַרויסלאָזן פון האַנט — ער האָט אַלץ געוואָלט צוגעבן אַ פרישע באַאַבאַכטונג, אַ נײַעם געדאַנק וואָס די לעצטע וועלט־געשעענישן האָבן אים אָנגערעגט. ראָקער האָט, צו אַלע זײַנע מעלות, געהאַט דעם זעלטענעם פאָרצוג, וואָס ער האָט געקענט לערנען ביז זײַן סוף. פיזיש איז ער געווען אָפּגענוצט, אָבער זײַן זכרון איז געווען פריש, זײַנע אינערלעכע חושים זײַנען געווען אָפן, זײַן נײַגעריקייט איז געווען וואַך, זײַן קריטישער חוש איז געווען שאַרף. אַט דאָס בוך, וואָס דאַרף זײַן זײַן צוואה, איז זיכער פון אומגעוויינטלעכן ווערט!

מען דאַרף אויך איבערזעצן און אַרויסגעבן אין יִדיש דעם ערשטן און דעם דריטן טייל פון ראָקערס זכרונות. מיר האָבן אַרויס־געגעבן ביז איצט בלויז דעם צווייטן טייל, „אין שטורעם", וואָס באַהאַנדלט די לאָנדאָנער יאָרן ראָקערס, וואָס האָבן אַ דירעקטע און ריזיקע באַדײַטונג פאַר דער יִדישער געשיכטע. אָבער מען קען ערשט דעמאָלט אָפּשאַצן און פאַרשטיין ראָקערן, ווען מען לייענט אויך די אַנדערע טיילן פון זײַנע זכרונות.

דערצו פאַרמאָגן אָט די ביכער אַזאַ שלל מיט שיינקייט און אַזאַ אומאָפּשאַצלעכן אוצר פון באַאָבאַכטונג און באַרופענע קריטיק, אַז די אַלע דרײַ בענדער זכרונות ראָקערס זײַנען ראוי צו פאַרנעמען אַן אָרט אויפן סאַמע מזרח פון דער סאָציאַלער און פון דער געשיכט־לעכער ליטעראַטור. אויך פון בעלעטריסטישן קוקווינקל, זײַנען ראָקערס זכרונות אַ שעדעוור!

סעפּטעמבער, 1958

ה. לייוויק איז אַלט געוואָרן 70 יאָר

זינט דער בית-המקדש איז חרוב געוואָרן, איז געמינערט געוואָרן די שמחה ביי ייִדן. זינט דעם חורבן אין מזרח-אייראָפּע, איז אונדזער פרייד אין גאַנצן איינגעבראָכן געוואָרן. און פּאָרט וואָלטן מיר אַנדערש געפּייערט די ביבלישע עלטער פון אונדזער דיכטער, ווען דער נחת וואָלט אונדז ניט פאַרשטערט געוואָרן אַזוי אַכזריותדיק — דער דיכטער איז אויפן סאַמע שוועל פון זיין יובל, אַזוי שווער קראַנק געוואָרן, בעת אונדזער ישוב האָט גראָד געהאַלטן אין מאַכן הכנות אויפצונעמען לייוויקן ווי זיין גאַסט.

ה. לייוויק איז דער דיכטער פון אונדזער טראַגישן דור. ער איז געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן אין סאַמע וואָרצלדיקן פון דעם טויזנטיעריקן מזרח-אייראָפּעיִשן ייִדישן ישוב, און אין זיין ערשטער יוגנט האָט ער זיך אין גאַנצן אַריינגעוואָרפן אין דער העראָישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון יאָר 1905. צו זיינע 18 יאָר, איז שוין לייוויק אַריינגעפאַלן אין תפיסה, קאַטאָרגע, סיביר. צו זיינע 24 יאָר, אַנטלויפט לייוויק פון די צאַרישע קייטן, דורך שווערע אַנשטרענגונגען און סכנות. ער קומט אָן קיין ניו-יאָרק און דעבוטירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט זיינע אומפאַרגעסלעכע „אויף די וועגן סיבירער", וואָס זאָגן אָן אַ נייעם אויפשטייג אין דער ייִדישער פּאָעזיע און אַ נייעם אויסדרוק צו דער אייביקער ייִדישער טעמע, וואָס גראָד אונדזער דור איז פון איר פאַרכאַפּט געוואָרן אפשר שטאַרקער ווי וועלכער ניט איז אַנדער דור פאַר אים: דערלייזונג און אַלץ וואָס איז דערמיט פאַרבונדן. הגם, אפשר טאָקע ווייל אונדזער דור איז פאַרכאַפּט געוואָרן שטאַרקער, האָט עס זיך אויסגעדריקט אין גאַנץ נייע פאָרמען.

נאָך אין תפיסה שרײַבט שוין לייוויק זײַן דראַמאַטישע פּאָעמע „די קייטן פון משיח". דער דיכטער האָט באַלד בײַ זײַן אָנהייב זיך פאַרנומען אויף זײַן באַשערטן וועג אויסצודריקן די בענקשאַפטן, רעיונות, אָנשטרענגונגען און דעם טראַגיזם פון זײַן דור. דעם דיכ־טערס טיפע ייִדישע וואָרצלען האָבן אים דערלויבט אויסצונוצן — אויף אַן אומפאַרגלײַכלעך עפיציענטן און הערלעכן אופן! — די דורותדיקע רעליגיעזע סימבאָלן, וואָס זענען אָנגעזאַפּט מיט טויזנטיעריקע חלומות, שפּירונגען, אָנונגען און אָנונגען פון אָנונגען. אַזוי האָט ער אונדז אָנגעשריבן זײַן „גולם", זײַן „די גאולה־קאָמע־דיע"... אפשר האָבן אים די אַלטע סימבאָלן אויך אויסגעהיט פון פאַרפאַלן ווערן אין דער טומאהס נעצן, וואָס דאָס איז געווען דער גורל פון ניט איין קלעטערער צו דער גאולה!

באַשערט געוואָרן איז אונדזער דיכטער אויך צו באַוויינען דעם חורבן פון זײַן דור! וואָרעם ווײַל קיין שום ייִדישער דור האָט נאָך ניט אָנגעקלאַפּט אין משיחס טויערן אַזוי שטאַרק ווי אונדזער דור האָט אָנגעקלאַפּט, האָט טאַקע קיין דור ניט באַצאָלט אַזאַ מאָוּמ־דיקן פּרײַז ווי אונדזער דור האָט באַצאָלט: די אומריינע כוחות זענען שפּירעוודיק אויף די באַוועגונגען וואָס קענען דערפירן צו זייער סוף, און זיי טראַכטן צו אַלע תחבולות אויף צו באַשטראָפן די משיח־זוכערס. און לייוויק האָט אונדז געהאָלפן אויסדריקן אונד־זער אומאויסדריקלעכן צער, דורך „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען", „די חתונה אין פערנוואַלד", „אין די טעג פון איוב"...

און אפשר האָט טאַקע געדאַרפט אַזוי זײַן — אפשר איז דאָס די באַשערטקייט, צי גאָר די זכיה פון דעם דיכטער פון אונדזער טראַגישן דור אָט אַזוי־אַ צו באַגעגענען זײַנע זיבעציק יאָר; אַ צו־געשמידטער אין יסורים צו זײַן בעט! אפשר זײַנען אָט די — לאָמיר האָפן אַז צײַטווײַליקע יסורים — דער פּרײַז פאַר דעם הערלעכן וועג פון דעם דיכטער, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט „די קייטן פון משיח", וואָס האָט דערגרייכט אַזעלכע אומגעאָנטע בערג־שפּיצן און איז ניצול געוואָרן פון אַזעלכע איבערמענטשלעכע נסיונות!

סײַ־ווי, ווי ווייטיקדיק די ייִדישע וועלט זאָל ניט איבערלעבן, צוזאַמען מיטן דיכטער, אָט די טראַגישע קרענק פון אונדזער יובי־

לאַר — טאָרן מיר אַלץ ניט זײַן קיין אומדאַנקבאַרע צום גורל, און מיר דאַרפֿן אָנערקענען די טיפֿע פֿרייד אונדזערע, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו אַזאַ דיכטער. דורך אָרעמקייט, דורך קאַמף מיט די אומגלײַכע כּוחות פֿון דער טיראַניי, דורך קאַטאָרגע און סיביר, אויף וואַנדער־וועגן און אין נײַע כאַאָטישע סביבות, מיט מאָגערער פּרנסה בײַ שווערער יגיעת־כּפּיים, אין כלערליי שווערע, פֿיזישע און מאָראַלישע יסורים — וואָס פֿאַרוואַנדלען דעם דיכטערס פּער־זענלעכן לעבן אין אַ סימבאָל פֿון זײַן דורס לעבן — האָט לייוויק באַוויזן אַרײַנצושרײַבן אַ נײַעם ספֿר אין דעם אייביקן יִדישן תּנ״ך!

לייוויק איז די שטאַרקסטע אָפּלייקענונג פֿון די שונאים, פֿון די איגנאָראַנטן. און פֿון די אייגענע עם־הארצים, וואָס מיינען, אַז אונדזער קוואַל איז חלילה פֿאַרטריקנט געוואָרן! לייוויק איז פֿאַר אונדזער ביטער געפּרוּווטן דור אַ דערגרייכונג און אַ האָפֿענונג! זאָל נאָר זײַן געמיט — מיר האָבן פֿאַר וואָס זיך צו פֿרייען.

יאַנואַר 1959

פראַנדיסי האָט צרות פון זײַנע װײלערס

די אויפמערקזאַמע לייענערס אונדזערע דאַרפן מסתמא ניט האָבן איצט קיין איבעריקע דערקלערונגען אויף צו פאַרשטיין, אין אַלגעמיינע שטריכן, וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד. אפשר וועט זיך עמעצער דערמאָנען, אַז מיר האָבן פאָרויסגעזאָגט די איצטיקע שריט פון דער רעגירונג נאָך דעמאָלט, ווען פראַנדיסי, דעמאָלט קאַנדי־דאַט אויף פרעזידענט, האָט צוגעזאָגט פונקט דאָס פאַרקערטע. אויף פאָרויסצוזען עס, האָט מען אין דער אמתן ניט געדאַרפט זײַן קיין האַלבער נאַר און אַפילו ניט קיין גרויסער חכם: מען האָט נאָר ניט געדאַרפט זײַן געשלאָגן פון בלינדקייט, אָדער פון דאָגמאַטישקייט, אויף צו זען דעם וואָרן צושטאַנד פון לאַנד.

דאָס לאַנד איז אַרוים פון אונטער פעראָנס ממשלה, ווי פון אַ פאַרוויסטנדיקער מלחמה: אויסגעליידיקט, פאַרוויסט, דעקאַפּיטאַ־ליזירט. די גאָלד־ און וואַליוטע־סטאָקן זענען געווען אויסגעשעפּט, די באַנען — אָפּגענוצט, די אַנדערע טראַנספּאָרט־מיטלען — ניט גענוגנדיק און אָפּגענוצט, אָן לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, מיט פאַרעלטערטע און אָפּגענוצטע אינדוסטריעלע מאַשינען, מיט אַ שאַרפן דירות־דעפיציט, אָן עלעקטרישער קראַפט, אָן פּעטראָל און אָן קוילן, פאַרשולדיקט צו דער גאַנצער וועלט... חוץ צו שפּאַניע, ווײַל פראַנקאָ האָט נאָך „איבערגעקליגלט" פעראָנען און ער איז געבליבן אַ בעל־חוב צו אַרגענטינע.

די ערגסטע ירושה איז אָבער געווען דער אײַנגעשטעלטער סדר — צי כאָאָס — וואָס האָט ממשיך געווען די ראַשע אויסצערונג פון לאַנד, און וואָס אָט דעם סדר איז ניט געווען לײַכט צו ענדערן אָן גרויסע אָנשטרענגונגען און אָן ביטערע יסורים פאַר דער באַ־

פּעלקערונג. אויף צוצוטרעטן צו אָפּערירן די קראַנקע געוועבן, האָט מען געדאַרפט פאַרמאָגן הויכע מאָראַל — אָבער גראָד אין דעם פּרט איז דאָס לאַנד אַרויס פון פּעראָניזם נאָך מער געשלאָגן ווי אויפן עקאָנאָמישן פעלד. אַלע האָבן גערעדט פון דער געשלאָגענער מאָראַל פון דער אַרבעטער־מאַסע, אָבער ניט דער ערך ערגער איז געוואָרן דעמאָראַליזירט דער סוחריש־אינדוסטריעלער קלאַס, וואָס איז אײַנגעוווינט געוואָרן צו ווילדע און עקאָנאָמישע אומגעזונטע פאַרדינסטן דורך צופּאַסן זיך צו דער פאַרדאָרבענער אַדמיניסטראַציע און דורך אויסנוצן די לעכער פון דער קראַנקער עקאָנאָמיע. אָבער צום נידעריקסטן איז געפאַלן די מאָראַל פון דעם פּאָליטיקער, וואָס איז געזונקען ביז צום דעק פון דער דעמאַגאָגיע, און איז ניט פעיִק געווען צו טאָן דאָס מינדסטע, וואָס האָט געקענט שטערן אויף אַ רגע זײַן „פּאָפּולאַריטעט" בײַ די וויילערס.

פּעראָן האָט איבערגענומען דאָס לאַנד מיט 242 טויזנט פעדע־ראַלע אָנגעשטעלטע, וואָס מיר גלייבן, אַז מען וואָלט זיי געקאָנט אָן היזקות, רעדוצירן אויף העלפט. אָבער פּעראָן האָט איבערגע־לאָזט בירושה... 548 טויזנט אָנגעשטעלטע — אַן אמתער היישע־ריק, וואָס אַפילו די „רעוואָלוציאָנערע רעגירונג" האָט אָבער ניט געוואַגט צו אַטאַקירן. אַוודאי האָט די מיליטערישע רעגירונג אויך ניט אָפּגעשטעלט דאָס קרענקלעכע וואַקסן פון דער אַרמיי, וואָס פּעראָן האָט איבערגענומען מיט ווייניקער ווי 25 טויזנט סאָלדאַטן און איבערגעלאָזט מיט, לפּחות, איבער 150 טויזנט!

נאָך אַ גרעסערער אומגליק זענען געווען די אָן אַ שיעור גע־זעצן און דעקרעטן, וואָס פּעראָן האָט געשאָטן יעדן טאָג, פון דרײַ פערטל אויף זיבן אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט. דער קאַנסער איז ניט געווען קיין פוילער — ער האָט געשפּריי‌ט און געזייט זײַן סם מיט אַ ווילדער ענערגיע! יעדער דעקרעט האָט געדאַרפט גליק־לעך מאַכן דאָס לאַנד, און יעדערער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַנסער־געוועב, וואָס אי ער האָט אין גוף געשאַפן אַ נײַע מחלה, אי אים איז געוואָרן וואָס ווײַטער אַלץ שווערער אויסצושנײַדן.

ער האָט געוואָלט טאָן אַ טובה דער אָרעמער באַפעלקערונג מיט זײַן דירה־געזעץ. אויסגעלאָזט האָט זיך עס מיט דעם וואָס,

פּאַקטיש, צאָלט מען פאַר די אַלטע דירות ניט קיין דירה-געלט און עס ווערט בכן ניט קיין פאָנד אויף אָפּצובויען נײַע דירות. און דער אַרבעטער פאַרדינט ניט אויף צו צאָלן קיין ראַיעלע דירה-געלט. דאָס גלײַכן פאַרדינט ער ניט אויף צו צאָלן קיין אמתע טראַמוויי-געלט — לויט אונדזער חשבון, וואָלטן די 10 סענט טראַמווײַ-געלט פון יאָר 1928 הײַנט געדאַרפט באַטרעפן 7 פּעזעס! פּעראָנס רעגי-רונג האָט אַכזריותדיק באַשטראָפט די וואָס זענען געווען פאַרנומען בײַ דער געזינטסטער פּראָדוקציע פון לאַנד: אַגריקולטור און פי-צוכט. פאַר זייערע פּראָדוקטן איז געווען באַשטימט פּרײַזן, וואָס האָבן אויסגעמאַכט צו 5 פּעזעס פאַר יעדן דאָלאַר, וואָס מען האָט פאַר די פּראָדוקטן געקריגן אויפן וועלטמאַרק. אין דער זעלביקער צײַט האָבן געוויסע אינדוסטריאַלן זיך אָנגעשאָטן מיט געלט, מחמת זיי האָבן זייערע פּראָדוקטן געקענט פאַרקויפן אויפן היגן מאַרק אויף פּרײַזן, וואָס האָבן אויסגעמאַכט ביז 100 פּעזעס פאַר אַ דאָלאַר.

די משוגענע אינפלאַציע האָט אַלץ דענאַטוראַליזירט, אַלץ פאַר-געשטעלט פאַרן אויג אין משונהדיקע קרומע שפּיגלען. בלויז איינער פון טויזנט האָט פאַרשטאַנען וואָס אין לאַנד קומט פאָר. די באַפעל-קערונג האָט געצאָלט פאַר שפּײַז, פאַרן טראַנספּאָרט אאַז"וו נאָר אַ קליינעם פּראָצענט פון דעם ריכטיקן ווערט, און זיך, געקלאָגט... אויפן יקרות. דער אמת איז, אַז ניט דער אַרבעטער האָט פּראָפי-טירט פון זײַנע אומזיסטיקע דירות און פון די באמת רוינירנדיקע ביליקע פּרײַזן אויף אַ גרויסער צאָל אַרטיקלען פון ערשטן געברויך — מען האָט דעם אַרבעטער קיין מאָל ניט געצאָלט אַזעלכע שכירות, וואָס וואָלטן אים דערלויבט צו גיין אויף דער „פעריע" אָדער „אין מאַרק אַרײַן", ווען די פּרײַזן זאָלן דאָרטן זײַן די ריכטיקע.

צום אומגליק קען אַזאַ קראַנקע עקאָנאָמישע אײַנשטעלונג בשום אופן ניט זײַן קיין שטאַנדהאַפטיקע. דער אָרגאַניזם ווערט וואָס ווײַטער אַלץ מער אויסגעצערט, און אויב מען זאָל ניט אָפּשטעלן אָט דעם באַרג-אַראָפּ, וועט מען מוזן קומען צו אַ קאַטאַסטראָפע: צו דער צעבראָכענער און ליידיקער קאַרעטע!

די „רעוואָלוציאָנערע אַדמיניסטראַציע" האָט געמאַכט אַ פּרווו צו היילן די מחלה דורכן „פּלאַן פּרעביש". דער פּלאַן איז עקאָנאָמיש

געווען אפשר דאָס איינציקע וואָס עס איז געבליבן צו טאָן. ער האָט נאָר געדאַרפֿט קאָרעגירט ווערן אין דעם פּרט, וואָס דער פּלאַן האָט די גאַנצע משא געוואָלט אַרויפֿלייגן אויף דעם שוואַכערן צד... ווי עס פּירט זיך. עס איז אויך געווען אומדערטרעגלעך עוולה־דיק, וואָס די איינשפּאָרונגען, וועלכע וואָלטן זיך באַקומען דורכן איינציִען דעם פּאַסיק, וואָלטן אַרייַנגעפֿאַלן אין די קעשענעס פֿון דער בורזשואַזיע און פֿון דער מלוכה. אָט זענען דאָך פֿון דעסט וועגן, געווען פֿרישע אַנטצעדענטן אין ענגלאַנד און אַנדערע מלחמה־פֿירנדיקע לענדער, וואָס האָבן די עקאָנאָמיעס דורכגעפֿירט דורך ראַציאָנירונג־קאַרטן. יענע סיסטעם האָט פֿאָרט דערלויבט אַ יושרדיקערע פּאַרטיילונג פֿון דעם קאַרגן סכום פּראָדוקטן, אַז דאָס געלט, וואָס דער אַרבעטער האָט ניט געקענט אויסגעבן, זאָל בלייַבן ביי אים אין קעשענע — ניט ביים בורזשוי אָדער ביי דער מלוכה!

סיי־ווי, די פּאָליטישע דעמאַגאָגן זענען אָנגעפֿאַלן אויפֿן „פּלאַן פּרעביש" און ניט דערלאָזט דורכצופֿירן אים. דער פּאָליטיקער, וואָס האָט העכער פֿון אַלעמען געשריגן קעגן פּלאַן, איז געווען פּראַנדיסי, טאַקע אָט דער זעלביקער, וואָס באַמיט זיך איצט דורכצופֿירן אַן ענלעכן פּלאַן, נאָר אין שוין ערגערע באַדינגונגען, מחמת דאָס לאַנד איז שוין פֿאַר דער צייַט מער אָפּגעצערט געוואָרן. קיין באַוואָרע־נישן לטובת דעם אַרבעטער־קלאַס איז אין דעם פּלאַן אויך ניט צו זען. הגם אַז מען רעדט שוין פֿון זען, מוז מען זאָגן, אַז איינער פֿון די ערגסטע פֿעלערן פֿון דער איצטיקער רעגירונג איז דאָס, וואָס אַלץ טוט זי עפּעס ווי אין דער פֿינצטער. ניט ווילנדיק מוז עס וועקן חשדים!

דער ערגסטער פֿעלער איז, פֿאַרשטייט זיך, וואָס דאָס אַלץ, וואָס פּראַנדיסי דער פּרעזידענט טוט, איז פּונקט דאָס פֿאַרקערטע וואָס פּראַנדיסי דער קאַנדידאַט האָט צוגעזאָגט. די איינציקע באַ־רעכטיקונג פֿאַר דעם איז מסתמא, וואָס ווען פּראַנדיסי וואָלט צו־געזאָגט דאָס וואָס ער טוט איצט, וואָלט מען אים ניט אויסגעוויילט. און פּראַנדיסי האָט זייער געוואָלט זייַן פּרעזידענט! וועגן דעם איז

גאָר קיין ספק ניטאָ. מיר פאַרשטייען נאָר ניט צוליב וואָס ער האָט עס געוואָלט!

***

— און וואָס איז מכוח דעם שטרײַק?

— ווען דער שטרײַק וואָלט דערקלערט געוואָרן כדי צו פאַרריכטן די גרויסע עוולות, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן קעגן די אַרבעטערס אין דעם „פּלאַן", וואָלט ער געווען ראַציאָנעל און גערעכט: די אַרבעטערס האָבן שוין, ערב דעם פּלאַן, פאַרדינט צו ווייניק און עס וואָלט זיי געקומען אַ הוספה. אַנשטאָט דעם, איז דער פּלאַן אַזוי אויסגעפּלאַנירט, אַז ער מיינט אַ תיכּפדיקע פאַרקלענערונג פון די שכירות אויף אַ 50 פּראָצענט, מיט אַ זיכערער פאַרערגערונג אויף ווײַטער — מחמת די פּרײַזן וועלן נאָך מוזן שטײַגן, און גאָר באַדײַטנדיק! די „צנע" האָט דאָס לאַנד געמוזט אײַנפירן, אָבער ניט אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס פליייש זאָל געגעבן ווערן בלויז צו די, וואָס האָבן די 70 פּעזעס צו באַצאָלן פאַר אַ קילאָ! און די עקאָנאָמיע, וואָס וועט זיך באַקומען פון דער „צנע", דאַרף ניט בלײַבן בײַ בורזשויִ אָדער בײַ דער רעגירונג — דאָס פּראָבלעם וועט ניט געלייזט ווערן ערגער, אויב דאָס, וואָס דער קאָנסומירער שפּאָרט אָפּ, וועט בלײַבן בײַ אים און ניט בײַ זײַנע עקספּלאָטאַטאָרס!

אָבער דער שטרײַק איז גאָר דערקלערט געוואָרן קעגן דעם... וואָס די רעגירונג האָט באַשלאָסן צו „דענאַציאָנאַליזירן" די פריגאָריפיקאָ! דאָס איז שוין אַ ווילדע נאַרישקייט — דאָס לאַנד האָט ניט פון וואַנען צו נעמען די 1.500 מיליאָן אַ יאָר אויף צו דערלייגן צו דער פריגאָריפיקאָ, און די „נאַציאָנאַליזאַציע" איז אַזאַ דאָגמע, וואָס ברענגט ניט קיין גליקן. דאָ אין לאַנד קאָסטן דערצו די „נאַציאָנאַליזאַציעס" דעם פאָלק אַ סך צענדליקער טויזנטער מיליאָנען פּעזעס יערלעך! און די מיליאַרדן... זענען שוין מער ניטאָ!

ווער האָט דעם שטרײַק דערקלערט? פאַר וואָס איז דער שטרײַק אַזוי דערקלערט? — די סינדיקאַטן דאָ האַלטן אָן די טאָטאַליסטישע סטרוקטור זייערע, וואָס זיי האָבן געקראָגן אין פּעראָנס צײַטן. די

סינדיקאַטן מיט אַזאַ סטרוקטור זענען גולמס, וואָס טויגן נאָר פֿאַר פֿאַשיסטן אָדער באָלשעוויקעס — פֿאַרן אַרבעטער און פֿאַרן לאַנד זענען אָט די גולמס אַן אומגליק, און קענען מער ווי אומגליק ניט ברענגען!

נאָך אַ מאָל: די אַרבעטערס וועלן דאַרפֿן צעשטערן די סע־כע־טע אַזוי, אַז אַ שטיין אויף אַ שטיין זאָל פֿון איר ניט בלײַבן. נאָך דעם וועט מען פֿון דעם מאַטעריאַל קענען בויען אַרבעטער־סינדיקאַטן!

יאַנואַר 1959

אַ נײַער אַנאַרכיסט - ד״ר נחום גאָלדמאַן!

אין „די פּרעסע״ פון 4טן יאַנואַר איז אָפּגעדרוקט יעקב פּאַטס אַ קאָרעספּאָנדענץ װעגן אַ דיסקוסיע צװישן ד״ר נ. גאָלדמאַנען און זײַנע אָפּאָנענטן, װאָס זענען ניט צופרידן מיט גאָלדמאַנס פּאָליטיק צו „אַפּיזן״ מאָסקװע. ציטירן מיר פון יענער קאָרעספּאָנדענץ:

„צום סוף האָט ד״ר נחום גאָלדמאַן געהאַט זײַן שלוסוואָרט. ער האָט געענטפערט זײַנע אָפּאָנענטן. ער איז זיי ניט געבליבן שולדיק. ער האָט דערבײַ גענוצט אַ סך רעדנערישע עלעגאַנץ. בײַ דער געלעגנהייט האָט ער אַרויסגעבראַכט אַ היפּש ביסל אַפּיקורסות אין ענין פון „אייגענע מדינות״. ער איז — האָט ער געזאָגט — אַן אַנאַרכיסט און ער איז ניט צו פיל נתפּעל פאַר דעם אינסטיטוט פון מדינות. ער האָט אויך אַן עלעגאַנטן אופן אויסגעדריקט זײַן קריטיק צו געװיסע האַנדלונגען פון דוד בן־גוריון. ער האָט זיך װידער געשטעלט היבּ־טער דער שוצװאַנט פון אַנערקענען פאַרשיידענע מיינונגען. ער האַלט ניט אַז דער גאַנצער אמת איז דווקא בײַ אים. װער עס האָט בעסערע מיינונגען, זאָל עס אים באַװײַזן.

ער האַנדלט קיין מאָל ניט אין נאָמען פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, אין נאָמען פון אַלע ייִדן. ער האַנדלט אין זײַן אייגענעם נאָמען, אין נאָמען פון זײַן אָרגאַניזאַציע אָדער פון זײַן גרופּע״.

מיר מוזן צוגעבן, אַז די רייד זענען דווקא בײַם װעג. אָבער אונדז איז שװער צו גלייבן, אַז די מעשים גאָלדמאַנס זאָלן טאַקע שטימען מיט זײַנע רייד: אָט, למשל, זאָגט ער אַז ער האַנדלט בלויז אין זײַן אייגענעם נאָמען. אין נאָמען פון זײַן אָרגאַניזאַציע אָדער פון זײַן גרופּע — איז װי קומט עס װאָס „עס מאַכט זיך״ אַלץ אַזוי, אַז זײַן װעלטקאָנגרעס און די ייִדישע אַגענץ צװינגען אַרויף אויפן ישוב אַזעלכע באַשלוסן, װי, לאָמיר זאָגן, דאָס אומבײַטן די דאַטע פון דער געטאָ־דערמאָנונג, דאָס צושטימען צו דעם קליימס־אָפּמאַך, דאָס אויפנעמען די „ייִדישע״ דעלעגאַציע פון רומעניע, די העברעיִשע דערציִונג אאַז״װ?

מיר פאַרשטייען, אמת, אַז גאָלדמאַן קען אונדז ענטפערן, אַז ער איז טאַקע אַן אַנאַרכיסט, אָבער זײַנע אָרגאַניזאַציעס (דער וועלט-קאָנגרעס און די אַגענץ) זענען ניט קיין אַנאַרכיסטישע, און אַפילו ניט קיין כשר-דעמאָקראַטישע — איז וואָס פאַר אַ נוצן קומט אַרויס דעם אַנאַרכיזם דערפון, וואָס גאָלדמאַן לאָזט ניט צו קיין אַנדערע אַנצופירן מיט יענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אויף זיך אַזעלכע שווערע זינד קעגן דער פרײַהייטלעכקייט פון דער ייִדישער געזעלשאַפט?

אַגב, אַז עס איז שוין געקומען צו רייד, לאָמיר זאָגן, אַז זײַנע „באַמיִונגען" לטובת אַ שלום-פּאָליטיק (לייען: שתדלנות-פּאָליטיק!) מיט די באָלשעוויקישע מושלים שמעקט אונדז ניט אַזוי פרײַהייטלעך! און קלוג אויך ניט! מיר גלייבן ניט, אַז די „ווייכע רייד" וועלן ווירקן אויף צו בײַטן כרושטשעווס פּאָליטיק בנוגע די ייִדן: נאַדזשי אָדער טיטאָ זענען אַוודאי ניט אַנטיבאָלשעוויקישער ווי נאַסער — און אָט זעט איר דאָך! מען האָט פּעפּערן און בערגעלסאָנען אויך ניט דערשאָסן דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט געקענט ריידן קיין „ווייכע רייד"!

— קען מען ריידן ווייכערע רייד וועגן באָלשעוויקישן אימפּעריאַליזם, און האָבן ווייכערע רוקנס, ווי דאָס האָבן די ישראַלישע מקיםי? פון דעסט וועגן דערציילט ברוך קרוא אין חשוון-נומער „מאזנים" פון אַ העברעיִשער בראָשור, וואָס ווערט פאַרשפּרייט אין ישראל, ווו די באָלשעוויקישע פּלענער בנוגע ישראל ווערן גאַנץ קלאָר אויסגעדריקט: די ישראַלישע מלוכה דאַרף אויפגעלייזט ווערן, און די דאָרטיקע ייִדן דאַרפן זיך „אינטעגרירן" מיט די אַראַבער! אָט דאָס זענען די פּלענער, וואָס די מקים דאַרפן עס העלפן פּאָפּולאַריזירן אין ישראל! און מיר גלייבן ניט, אַז מיט שתדלנות וועט מען די אימפּעריאַליסטישע חשבונות קענען בײַטן. מיר האָבן יאָ מורא, אַז די שתדלנות-פּאָליטיק וועט מיטווירקן בלויז, אַז עס זאָל זיך מערן בײַ אונדז די מחנה פון די ווייכע רוקנס, פון די שקלאַפישע נשמות, וואָס זענען גרייט צו פאַרראַטן די רעשטלעך פון זייער טראַגישן פאָלק, כדי צו דינען דעם רשעותדיקן באָלשעוויקישן אימפּעריאַליזם!

יאַנואַר 1959

דער עקאָנאָמישער פּלאַן און די ייִדישע קולטור

די ערשטע התחלות פון דער אויסוויקלונג פון דעם עקאָנאָמישן פּלאַן האָט שוין געשטעלט די ייִדישע פאַרלאַגן און, באַזונדערס, די ייִדישע שולן פאַר שווערע פּראָבלעמען. מען מעג באַדויערן, וואָס מען האָט אָט די פּראָבלעמען ניט דערוואַרט: מען האָט זיי געקענט און געדאַרפט פאָרויסזען נאָך מיט יאָרן צוריק. סײַ־ווי, איז איצט די העכסטע צײַט צו פּרוּוון פאַרשטיין אָט די פּראָבלעמען, וואָס זייער האַרבקייט און פאַרנעם ווערט וואָס ווײַטער אַלץ ווערן בולטער.

די אינפלאַציע האָט געהאַט אַ צווייענדיקע ווירקונג אויף דער ייִדישער קולטור־אַרבעט: פון איין זײַט האָט זי געווירקט ווי אַן אומגעוויינטלעכער סטימול און, פון דער אַנדערער זײַט, האָט זי די אַרבעט אָפּגעפּרעמדט פון די נאָרמאַלע באַדינגונגען, מחמת די קולטור־טעטיקייטן זענען אָנגעגאַנגען אין קינסטלעכע תנאים.

מען האָט, למשל, אין אויסלאַנד אויפגענומען אונדזער היפּשע טעטיקייט אויפן פאַרלעגערישן פעלד ווי אַ „נס פון בוענאָס־איַירעס". די גרעסטע צאָל ייִדישע ביכער, וואָס זענען בײַ אונדז געדרוקט געוואָרן, האָט אויך שטאַרק געשמייכלט דעם לאָקאַלן פּאַטריאָטיזם, בעת אָט דער פענאָמען איז ניט געווען אַזוי פיל קיין רעזולטאַט פון אונדזער ווילן נאָר, בעיקר, איז עס געווען אַ פּועל־יוצא פון דער אינפלאַציע און פון די פּלאָנטערם פונעם פּעראָנישן דיריגיזם. די ייִדישע ביכער־פּראָדוקציע האָט נאָך ניט געהאַט אַזאַ מעצענאַט, ווי דאָס איז, פאַקטיש, געווען פּעראָן. הלוואי זאָל זיך אָט דאָס מעצענאַטנטום נאָר אויסלאָזן צום גוטן!

ערשטנס, האָט די רעגירונג געגעבן וואַליוטע אויף צו קויפן פּאַפּיר אויפן עקוויוואַלענט פון 7.50 פּעזעס פאַרן דאָלאַר, אַפילו בעת דער דאָלאַר האָט שוין אויפן פרייַען מאַרק געהאַלטן אַרום דרייַסיק פּעזעס. אויף פּשוטן לשון איבערגעזעצט, מיינט עס, אַז די רעגירונג האָט דעמאָלט געצאָלט דרייַ פערטל פונעם באַטרעף פונעם פּאַפּיר — קיין גרעסערע סובסידיע דאַרף מען זיך ניט ווינטשן. אַ ניו־יאָרקער יִדישער שרייַבער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן זייַנס אַ בוך אין אַרגענטינע אויף זייַן אייגענעם חשבון, האָט אָנגעהויבן צו געווינען דערמיט וואָס, פּאַקטיש, האָט מען פאַר אים דאָ גע־קויפט דאָס פּאַפּיר פאַר זייער פיל ביליקער ווי אין ניו־יאָרק, הגם דאָס פּאַפּיר איז אָפט טאַקע געווען נאָרד־אַמעריקאַנער. ניט קיין קלענערע מציאה, הגם ניט אַזאַ בולטע פאַרן הדיוט, האָט מען איינ־געהאַנדלט אין אַרבעטקראַפט: פּאַקטיש, האָט דער לוין־פאַרדינער געקראָגן פון זייַן אַרבעט־געבער בלויז אַ ברוך־טייל פון זייַן לוין — מע קען שאַצן אַז, צייַטנווייַז, האָט דער אַרבעטער און אָנגעשטעל־טער אַרייַנגעקראָגן פיר און פינף מאָל אַזוי פיל, ווי זייַן נאָמינעלער לוין האָט באַטראָפן, פון פאַרשיידענע סאָרטן אָפענע און באַהאַל־טענע סובסידיעס: דאָס דירה־געלט איז געווען כמעט בחינם, מחמת אַ געזעץ האָט עס פאַרפעסטיקט, ווערדליק די נאָמינעלע לאָקאַציע־פּרייַזן פון יאָר 1943, ווען די פּעזע האָט נאָך געהאַט איר נאָרמאַלן ווערט. ברויט, פלייש אאַז"וו האָט ניט געקענט שטייַגן, מחמת די עקספּאָרטירערס פון ווייץ, פלייש, פעל, וואָל אאַז"וו האָבן געמוזט די וואַליוטע אָפּגעבן דער רעגירונג, וואָס האָט זיי געצאָלט אויפן עקוויוואַלענט פון 5 פּעזעס דעם דאָלאַר (פּאַקטיש, איז דער עקס־פּאָרט־האַנדל פון ווייץ און פלייש געווען אַ מאָנאָפּאָל פון דער רע־גירונג, און זי האָט דעם פּראָדוצירער אָפט אַפילו ניט באַצאָלט אָט דעם ביליקן פּרייַז). די טראַנספּאָרט־באַדינונג איז געווען אַזוי ביליק, אַז די רעגירונג האָט דערלייגט צו אָט דעם געשעפט אומגעהייַערע סומעס.

ווען אַ ניו־יאָרקער יִדישער שרייַבער האָט געדרוקט אין בוע־נאָס־אײַרעס אַ בוך, האָט ער, פּאַקטיש, דעם זעצער געדאַרפט באַ־צאָלן בלויז אַ קליינעם טייל פון זייַן געהאַלט, ווייַל דעם ווייַט־

גרעסטן טייל פון זײַן לוין האָט דער זעצער אַרײַנגעקראָגן פון אָט דעם סאָרט סובסידיעס.

מיר ריידן אַזוי פיל פון דעם ניו־יאָרקער יידישן שרײַבער, מחמת דער אמת איז אַז דער עיקר־ראָל פון די צו פיל באַזונגענע פאַרלעגערס אונדזערע איז געווען באַגרענעצט צו אַ פאַרמיטלונג צווישן די נאָרד־אַמעריקאַנער יידישע שרײַבערס, וואָס האָבן געהאַט אַ פּאָר דאָלאַר אַרויסצוגעבן זייערע ביכער אויף זייער אייגענעם חשבון, און די היגע דרוקערײַען.

געווען ווייניק אויסנאַמען. אָט, למשל, דער קולטור־קאָנגרעס האָט ניט אַרויסגעגעבן קיין איין בוך אין אַזעלכע באַדינגונגען. די ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט האָט אַקצעפּטירט אָט דעם סאָרט פאַרמיטלונג בלויז ווי אַן אויסנאַם. מיר גיבן איבער אָט די פאַקטן ניט כדי עמעצן צו רימען אָדער עמעצן אויפצוּוואַרפן עפּעס (אדרבא, מען האָט טאַקע די געלעגנהייט ניט געדאַרפט דורכלאָזן), נאָר כדי צו געבן אַ מעגלעכקייט אָפּצושאַצן בעסער די ריכטיקע לאַגע פון דער יידישער פאַרלאַג־אַרבעט.

יענע פאַרלעגערישע טעטיקייט, וואָס איז געווען באַזירט אויף דער אינפלאַציע און אויפן עקאָנאָמישן פּלאַנטער, וועט איצט, פריער אָדער שפּעטער, מוזן פאַראַליזירט ווערן. אָט דאַרף מען שוין צאָלן פאַרן פּאַפּיר דעם גאַנצן פּרײַז, מחמת די אויסלענדישע וואַליוטע מוז געקויפט ווערן אויפן פרײַען מאַרק. ניט דער ערגער איז די לאַגע מיטן לוין פאַר די זעצערס און דרוקערס: דער עקאָנאָמישער פּלאַן צילט אָפּצושאַפן די אַלע אויבן־דערמאָנטע סובסידיעס, און דאָס מיינט אַז די אַרבעטערס וועלן דאַרפן קריגן 100% פון זייער לוין דירעקט דורך זייערע אַרבעט־געבערס. מיר שאַצן בכן אַז, ווען אַלץ וועט זיך אויספּרעסן, וועט אַ זעצער וואָס פאַרדינט איצט 3-4 טויזנט פּעזעס, פאַרדינען בײַ אַ צען טויזנט פּעזעס אַ חודש, אויב ניט מער. דאָס וועט פּאַסירן, אויב דער רעגירונג וועט געלינגען אָפּצושטעלן די אינפלאַציע — אויב חלילה ניט, ווייסט מען שוין אין גאַנצן קיין חשבון ניט.

דאָס מיינט, אַז איצט איז די סאַמע העכסטע צײַט צוצוגרייטן זיך צו באַגעגענען ניט נאָר דעם ערשטן שאָק, נאָר אויך די פולע

קאָנסעקוועגצן פונעם צוריקקער צו דער נאָרמאַלער עקאָנאָמיע. די וואָס ווילן דעם המשך פון דעם ייִדישן פאַרלאַג-וועזן, וועלן דאַרפן נעמען אויף זיך אַ גאַנץ שווערע אַחריות. די קינסטלעכע פאַרלייַכ־טערונגען פון דער אינפלאַציע האָבן אונדז געטאָן אַ האַלבע טובה, מחמת זיי האָבן אונדז אָפּגעוווינט פון טראָגן די נאָרמאַלע וואָג פון אונדזער ווייַט ניט לייַכטן פעקל.

ניט דער ערך ערגער נאָך איז דאָס פּראָבלעם פון אונדזער שולוועזן: פאַרלאָגן קענען, אָן צו ערנסטע סכנות, האַמעוון אויף אַ צייַט דאָס אַרויסגעבן פרישע ביכער, אָבער שולן טאָר מען ניט אָפּשטעלן. איז אָט דאַרפן די שולן זיך עפענען אין מיטן מאַרץ, און די שולטוערס גייען שוין אַרום אָן אַ קאָפּ — זיי האָבן שוין אַ שווע־רע שאלה צו פאַרענטפערן: אָמניבוסן. דאָס אָפּשטעלן די סובסידיע אויף נאַפט האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ פּלוצעמדיקער העכערונג פון דעם פרייַז אויף 200 פּראָצענט. פאָדערן איצט די אָמניבוסן בייַ די שולן אַ הונדערט פּראָצענטיקע העכערונג פאַרן פירן די תלמידים. אָט די באַדינונג האָט שוין פריִער באַטראָפן 90 פעזעס אַ חודש פון שילער, און בלויז פאַרמעגלעכע עלטערן האָבן זיך פאַרגונען צו שיקן זייערע קינדער אין דער ייִדישער שול, אויב די דיסטאַנץ האָט גע־צוווּנגען צו באַנוצן זיך מיטן שול-אָמניבוס. אַרבעטערס און אָרעמע בירגערס האָבן אין אַזאַ פאַל... אין גאַנצן ניט געשיקט זייערע קינ־דער אין דער ייִדישער שול. ייִדישקייט איז אין בוענאָס-אײַרעס בכלל געוואָרן אַן ענין בלויז פאַרן באַלעבאַטישן עלעמענט, — דאָס איז אַן אַנדער שאלה, וואָס איז זייער אַ האַרבע.

די טוערס האָבן אָבער מורא, אַז די העכערונג פון דער אָמני־בוס-באַדינונג פון 90 פעזעס אויף 180 פעזעס אַ חודש וועט אָפּשרעקן אויך אַ גרויסן פּראָצענט פון די עלטערן, וואָס האָבן די 90 פעזעס יאָ געצאָלט.

מיר מוזן אָבער דערמאָנען, אַז אויף דער ייִדישער שול וואַרט נאָך אַ שווערער סורפּריז: די אומפאַרמייַדלעכע העכערונג פון די לוינען פון די לערערס און שול-אָנגעשטעלטע. לאַנגזאַמער אָדער שנעלער, וועלן די לוינען שטייַגן אַ צוויי הונדערט פּראָצענט ביז דרייַ הונדערט פּראָצענט... אויב דער רעגירונג זאָל געלינגען די אינפלאַ־

ציע אָפּצושטעלן. די סיבות דערפון האָבן מיר אויפגעקלערט אויבן, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן די דרוק־אַרבעטערס.

אָט דאָס זייער ערנסטע פּראָבלעם דאַרף אײַנגעטיילט ווערן אין צוויי פּאַזן: אַ צײַטווײַליקע, וואָס באַשטייט אין באַגעגענען דעם ערשטן שאָק פון דער אָפּשאַפונג פון די וואַליוטע־מאַכינאַציעס, וואָס האָבן קינסטלעך אײַנגעהאַלטן די פּרײַזן אויף אַ צאָל וויכטיקע אינלענדישע און אימפּאָרטירטע סחורות. פּרײַזן זענען געשטיגן מיט אַ מאָל אויף הונדערט פּראָצענט, און די שכירות זענען נאָך ניט צוגעפּאַסט. עס וועט אויך באַזונדערס שווער זײַן בעת עס וועט זיך אָנהייבן דער פּראָצעס פון שאַרפע און אָפטע העכערונגען אויף די לוינען. די מעלה פון דער צײַטווײַליקער פּאַזע איז אָבער, וואָס מען קען זיך פאַרגינען צו לייזן די שוועריקייטן מיט עמערגענץ־מיטלען (הלוואות, ספּעציעלע זאַמלונגען, ספּעציעלע סובסידיעס אאַז״וו). די פּערמאַנענטע פּאַזע באַשטייט אין דער דעפיניטיווער אָפּשאַפונג פון די ביז איצטיקע קינסטלעכע סובסידיעס אויפן חשבון פון דער אַגראַר־פּראָדוקציע (ברויט, פלייש, וואָל, פעל), פון דער רעגירונג (טראַנספּאָרט, גאַז, עלעקטריציטעט) און נאָך. דאָס לאַנד האָט ביז איצט געלעבט אין אַ גרויסער פּראָפּאָרץ אויפן חשבון פון די פריִער אָפּגעשפּאָרטע קאַפּיטאַלן. איצט וועט מען מער ניט קענען רעכענען מיט יענעם „לײַכטן״ מיטל. עס וועט ווערן ניט דער ערך שווערער, און צו די קולטור־ביודזשעטן וועט מען אויך מוזן צולייגן מער קאָפּ און אונטערשטעלן מער פלייצע.

צוליב דער פריִערדיקער אומנאָרמאַלער לײַכטקייט, האָבן מיר זיך אָפּגעוווינט פון זאָרגן ערנסט פאַר די הכנסות. מען האָט, למשל, די שול־ביודזשעטן כמעט אין גאַנצן געבויט אויף די סובסידיעס פון דער קהילה, וואָס האָט... אַליין ניט פאַרמאָגט קיין רעאַלע פּאַ־סיקע הכנסה: די „פּאַרטייען״ האָבן איבערגענומען בײַ די פּשוטע ייִדן די חברה־קדישא, זי משנה־השם געווען אויף קהילה, אײַנגע־פירט „לײַטישע״ וואַלן, מיט די אַלע פּאָליטיקעס וואָס שמעקן אַזוי אײַנגענעם אין די נאָזלעכער פון אונדזערע פּאַרטיי־פּאָליטיקערס. מען האָט אָבער איבערגעלאָזט דעם זעלביקן איינציקן קוואַל פון הכנסות פון דער חברה־קדישא: קבורה־געלט. אין נאָרמאַלע צײַטן

קען אָבער אָט די הכנסה בשום אופן ניט קלעקן אויף אויסצוהאַלטן די אחריותן, וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף דער קהילה. מען האָט ביז איצט גענאַרט זיך און גענאַרט די וועלט מיט אַ כלומרש־טער שפע, וואָס מען איז גאָר שולדיק געווען דער אומנאָרמאַלער און אומגעזונטער פּראָנישער באַלעבאַטישקייט פון לאַנד.

מען האָט זיך אַפילו ניט דערטראַכט דאָ צו דעם הכנסות־קוואַל, וואָס איז אַזוי אַלגעמיין אין דעם נאָרד־אַמעריקאַנער ישוב — דעם פּאַראַייניקטן קאַמפּיין. דאָס הייסט, דער פּאַראַייניקטער קאַמפּיין עקסיסטירט יאָ בײַ אונדז, אָבער מען האָט אַזוי גוט ווי די גאַנצע דעה איבער אים און אַזוי גוט ווי די גאַנצע הכנסה אַוועקגעגעבן דער יִדישער אַגענץ.

ווען מען זאָל באַטראַכטן די פּאַרווענדונג פון די הכנסות פון אונדזער „פּאַראַייניקטן קאַמפּיין״ בלויז פון עקאָנאָמישן קוקווינקל, האָט מען כסדר געהאַלטן אין איין עובר זײַן אויף דער טראַדיציע, וואָס הייסט זשאַלעווען יִידיש געלט. און אפשר טאַקע האָט מען אַריבערגעטראָטן דעם בפירושן לאוו פון „בל תשחית״. די באַלע־באַטישקייט פון „פּאַראַייניקטן קאַמפּיין״ האָט זיך אין גרויסן רוב געפירט אַקוראַט קאַפּויער, ווי די נאָרד־אַמעריקאַנער יִדישע שרײַ־בערס האָבן געהאַנדלט: די לעצטע פלעגן שיקן אַהער דאָלאַרס אויף צו קריגן אַ פּראָדוקט וואָס האָט אין ניו־יאָרק געקאָסט עטלע־כע מאָל אַזוי פיל. דער פּאַראַייניקטער קאַמפּיין האָט אָבער גענומען פּעזעס און זיי אַוועקגעשיקט אַהין, וווּ זייער אַדקיזיטיווער ווערט איז געווען עטלעכע מאָל וויניקער ווי אין אַרגענטינע. נאָך דעם פלעגן מיר הערן די „חכמה״, אַז אַרגענטינע גיט זייער ווייניק פאַרן פּאַראַייניקטן קאַמפּיין, אין פּאַרגלײַך מיט אַנדערע לענדער. דער אמת איז טאַקע, אַז מען האָט פאַר אַ יאָרן, למשל, ווי מען גיט אונדז איבער, געשאַפן וויניקער ווי אַ מיליאָן דאָלאַר, וואָס דאָס איז זיכער אַ סומע וואָס מ׳קריגט אַרויס אין אַ מיטלמעסיקער פּראָווינץ־שטאָט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. מען האָט אָבער פאַרגעסן אויסצורע־כענען וואָס מען וואָלט פאַר די צוזאַמענגעקליבענע פּעזעס געקענט אויפטאָן דאָ אויפן אָרט, וווּ עס זענען שוין פאַראַן אַ סך לעכער — ניט נאָר אויפן קולטורפראָנט.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן שטאַרק אין זינען אויך דעם מאָראַלישן ווערט פון אונדזער ישובֿם מיטבאַטייליקונג אין דעם בוי פונעם ייִדישן לאַנד און אין דער סאָלידאַרישער הילף צו די פּליטים. אונדזער בייַטראַג האָט ניט געטאָרט פעלן, בשום אופן, אפילו ווען מיר דאָ וואָלטן געדאַרפט שיקן דעם ווערט פון אַ שטוב, כדי פאַר דעם אויפצושטעלן אין ישראל אַ בייַדל. אָבער מען מוז זייַן קלוג גענוג אויף צו אָפּשאַצן די גרענעצן פון אַזאַ מין סימבאָלישן בייַטראַג. פּראַקטיש, זענען פאַראַן, צום גליק, אַנדערע ישובֿים וואָס קענען העלפן ישראל ניט דער ערך עקאָנאָמישער ווי אַרגענטינע. און מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז אויך דאָ אין אַרגענטינע זענען פאַראַן גרויסע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, וואָס זענען שטאַרק פאַרלאָזט. פאַראַן אויך אַזעלכע געביטן, וואָס זענען קאַטאַסטראָפאַל פאַרלאָזט!

אָבער מיר ריידן איצט פון אַ ספּעציעלן ענין — דעם אומפאַרמייַדלעכן קריזיס אין דער היגער קולטור־אַרבעט. מען האָט ביז איצט אין „פאַראייניקטן קאַמפּיין" סיסטעמאַטיש אָפּגעזאָגט יעדן בייַטראַג פאַר דער לאָקאַלער קולטור־אַרבעט. אַן אויסנאַם איז געווען די דערציִונג, וואָס פאַר איר איז געווען באַשטימט, דאַכט אונדז, אַז 3½ %, צו אונטערשטיצן די העברעיִזאַציע. דער סאָרט בייַשטייַערונגען וועט דאָס יאָר ניט קלעקן אויף צו לייזן די געפערלעכע פּראָבלעמען פון דעם שולוועזן. מען דאַרף זיך אויך ניט נאַרן מיטן געדאַנק, אַז די קהילה, וואָס האָט שוין גאָר שטאַרק גענומען בלייַבן הינטערשטעליק בייַם אַנטקעגנקומען אירע „נאָרמאַלע" פאַרפליכטונגען, וועט אַליין קענען לייזן די שול־פּראָבלעמען אין דער איצטיקער עמערגענץ. אָן אַ בייַשטייַערונג פון „פאַראייניקטן קאַמפּיין" פון עטלעכע צענדליק פּראָצענט פון איר הכנסה וועט מען אפשר ניט קענען אויסמייַדן דאָס צומאַכן זיך פון אַ צאָל שולן. און מיר האָבן ניט צו פיל שולן — אדרבא!

וועלן די שולטוערס האָבן מוט צו פאָדערן? וועט אונדזער פּרעסע האָבן מוט צו אַרויסשטעלן אַ פאָדערונג צו די תּקיפֿים פון פאַראייניקטן קאַמפּיין? — קיין צו גרויסן גלויבן אין דעם האָבן מיר ניט. אָבער לאָמיר זען!

פעברואַר, 1959

חנוכת־הבית אין דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפֿט

אין יאָר 1916, ווען די „ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפֿט" איז געגרינדעט געוואָרן, זענען אין אַרגענטינע געווען אַ סך צענדליגער ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס. דאָ ניט לאַנג האָט הערשל קאַפּלאַנסקי, ביי אַ לחיים צום 40סטן אַניווערסאַר פֿון זיין בוכהאַנדלונג, באַווײנט הונדערט ייִדישע ביבליאָטעקן, וואָס זענען אין די ערשטע יאָרן פֿון זיין טעטיקייט געווען קונים ביי אים און איצט עקסיסטירן זיי ניט מער. פֿון די צענדליגער ייִדישע קולטור־אַנשטאַלטן פֿון יאָר 1916 האָבן אַריבערגעלעבט ביז איצט זייער ווייניק. נאָך ווייניקער פֿון זיי האָבן געראַטעוועט אַ ביסל געזונט. אויף יעדן פֿאַל, איז די ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפֿט איצט די געזינטסטע פֿון זיי, די ענערגישסטע, די לעבעדיקסטע. זי איז אויך איצט פֿול מיט איניציאַטיוו, מיט אימפּעט, מיט באַנייונגס־כוחות.

— מיט וואָס דערקלערט זי אָט די אויסנאַמלעכע לעבנס־ענערגיע?

אוודאי דאַרף זיין אַ גרעסערע צאָל פֿאַקטאָרן, וואָס האָבן גורם געווען אָט די פֿרישקייט און אַריכות־ימים. אויף אַ פּאָר גורמים, אפשר די וויכטיקסטע, איז באַזונדערס כדאַי זיך אָפּצושטעלן: דער אויפֿקום פֿון דער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפֿט איז געווען פֿאַרבונדן, צווישן אַנדערע, מיט אַ פּאָר אידעאַלן, וואָס האָבן געמיינט אַ רעוואָלוציע אין דעם דעמאָלטיקן לעבן. מען דאַרף לכתחילה פֿעסטשטעלן, אַז יענע אידעאַלן זענען נאָך ניט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן אין לעבן, אַז יענע אידעאַלן האָבן ביז איצט ניט פֿאַרלאָרן —

און וועלן מסתמא קיין מאָל ניט פאַרלירן — זייער טראַנסצענדענטאַלן ווערט און זיי האָבן בכן אויך ניט פאַרלאָרן זייער אורשפּרינגלעכע טרייַבקראַפט.

לאָמיר דערמאָנען, אַז די „ייִדישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט" איז אויפגעקומען פון אַ מערקווירדיקן שידוך צווישן די „זוכער פון אמת" און די „ייִדיש־שפּרעכנדע אָפּטיילונגען פון דער ליגע פאַר ראַציאָנעלער דערציִונג". עס איז געווען אַ חתונה, ווי אין אַלע שידוכים, מיט נחת און מיט שווערע קאַמפן. שוין דער שינוי פון „ייִדיש־שפּרעכנדע" אויף „ייִדישע" איז ניט געווען קיין בלויז פאָרמעלער ענין, און אין דעם האָט געשטעקט אָן אַ שיעור אויפרייַסשטאָף. דער פּרימיטיוו־סאָציאַליסטישער קאָסמאָפּאָליטיזם, אַ ניט געננוג דערגרונטעוועטער, ניט געננוג אויפריכטיקער, ניט געננוג בכל־נפשדיקער, האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ נייַעם אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס איז געווען באַזירט אויף אַ פּאַרטיפּטן נאַציאָנאַלן באַוווסטזייַן, וואָס האָט אי ניט געהאַט אין זיך קיין שמץ פון נאַציאָנאַלער גאווה, אי ער האָט געשטימט אין אַלע פּרטים ביז ממש צו זייַן פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיטן טיפסטן און איי־ביקסטן אידעאַל פון פרייַהייט און דרך־ארץ פאַר דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

די ייִדישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט איז, אויסשליסלעך, אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע, ניט געקוקט אויף אַלע טעותים און פאַלשע אינפאָרמאַציעס וואָס זענען פאַרשפּרייט, און אַפילו אײַנגעוואָרצלט, וועגן דעם ענין און וואָס ניט דאָ איז דאָס אָרט אויף מאריך צו זייַן מיט אויפקלערונג וועגן דעם. דעם אויסשליסלעכן קולטור־כאַראַקטער פון דער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט דערמאָנען מיר דאָ בלויז כדי צו דערקלערן, פאַר וואָס זי האָט זיך כמעט ניט אָפּגעגעבן מיטן נאַציאָנאַליזם, ווי אַן אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט פון אַ גרופּירונג מענטשן וואָס טיילט דעם זעלביקן גורל. דאָס מיינט ניט חלילה קיין אונטערשאַצונג פון דער נייטיקייט, אַפילו פון דער הייליקייט, פון אָט דער סאָלידאַריטעט — דאָס מיינט נאָר אַז אָט דער סאָרט סאָלידאַריטעט האָט שווערלעך געקענט זיך געפינען אַן אָרט צווישן

די טעטיקייטן פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס אירע צילן זענען אויס־שליסלעך קולטורעלע.

אָבער אַז עס איז שוין געקומען צו רייד וועגן דעם, איז נייטיק צו דערמאָנען, אַז איטלעכער סאָציאַליסט מוז חלומען און האָפן אויף דער צײַט, ווען אָט די ספּעציעלע גרופּן־סאָלידאַריטעט וועט שוין מער ניט זײַן נייטיק, און אַז די סאָלידאַרישע געפילן וועלן קענען אויסגעברייטערט ווערן אויף דער גאַנצער מענטשהייט בכלל, אָן אויסשליסלעכקייטן. „אין בודקים למזונות״ — מען דאַרף ניט נאָכ־קוקן ווער דער מענטש איז אויף צו געבן אים עסן — אָט דעם כלל וואָלט שוין אַוודאי געווען צײַט, אַז מען זאָל אים קענען אָנווענדן אויף אַלע מענטשן און אויף אַלע מאַטעריעלע געביטן.

אייביק אָבער דאַרף פאַרבלײַבן די שטרעבונג צו פרײַהייט פון דעם יחיד און פון דער מענטשן־גרופּע. אויף אַלע אייביקייטן וועט דער מענטש זײַן מחויב צו קעמפן קעגן אַלע אויסערלעכע און אינער־לעכע מניעות, וואָס שטערן צו דער פולסטער אויסוויקלונג פון זײַן יחידישער און גרופּן־פּערזענלעכקייט, ביז אַלע אירע מעגלעכקייטן, אין אירע אַלע פּרטים און ניואַנסן. אויף אָט דעם אידעאַל טאָר דער מענטש קיין מאָל ניט מוותר זײַן, מחמת אָן דעם פאַרלירט ער זײַן צלם־אלהים, און דאָס לעבן פאַרלירט איטלעכן ווערט. דאָס איז אַ טיף־מענטשלעכער געבאָט, וואָס געהערט צו דער קאַטעגאָריע „יהרג ועל יעבור״ — מען דאַרף זיך לאָזן הרגענען פאַר דעם און ניט נאָכגעבן!

— צי זענען מיר איצט, אין יאָר 1959, נענטער צו יענעם נאַ־ציאָנאַלן באַוווּסטזײַן, ווי מיר זענען עס געווען אין 1916? מיטן האַנט אויפן האַרצן, מוזן מיר זאָגן, אַז מיר זעען ניט קיין שום פּראָגרעס אין יענער ריכטונג. בײַ ייִדן קען מען מסתמא מערקן אַן אויפלעבונג פון דעם „נאַציאָנאַליזם״, אָבער בלויז ווי אַ פונאַנדער־וווּקס פון דער הומרדיקער סאָלידאַריטעט צווישן מענטשן, וואָס געהערן צו איין נאַציאָנאַלער גרופּירונג און וואָס טיילן דעם זעל־ביקן גורל. אָבער וואָס שײַך יענעם אידעאַל, וואָס האָט גורם געווען דעם שינוי פון „ייִדיש־שפּרעכנדע״ אויף „ייִדיש״ אין דעם נאָמען פון דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט — געפינען מיר

זיך איצט ווײַטער ווי אַ מאָל. ווען דאָס וואָלט ניט געווען אַזוי וואָלטן מיר דאָך איצט ניט געהאַט פֿאַר זיך די פּראָבלעמען פֿון דעם קריזיס פֿון דעם ייִדישן לשון און פֿון דעם קריזיס פֿון דער ייִדישער קולטור אין אַלע ערטער, מדינת ישראל אַרײַנגערעכנט.

אַפֿילו דער פּרימיטיווער, פֿלאַכער און אומפּראָדוקטיקער קאָסמאָפּאָליטיזם איז נאָך דאָ און ער געפֿינט זיך נאָך בײַ אַלע זײַנע כוחות־הטומאה. עס איז שוין איצט קלאָר, אַז די פֿאַלשע פֿאָרמולע „נאַציאָנאַל לויט דער פֿאָרעם און סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט" איז בלויז געווען אַן אָפּאָרטוניסטיש שפּיצל, וואָס מען האָט מיט אים גענאַרט ייִדן אין משך פֿון צענדלינגער יאָרן — די אַנדערע פֿעלקער נאַרט מען נאָך איצט אויך מיט יענעם ליגן! די געצנדינערישע דאָגמע פֿון פֿאַלשן קאָסמאָפּאָליטיזם איז ניט געריהרט, פּונקט ווי עס זענען ניט געריהרט די אַלע אַנדערע פֿאַרשימלטע, אָפּגעלעבטע און ליגנערישע דאָגמעס פֿון דער עבודה־זרה וואָס האַלט זיך אויף מיטן כוח פֿון גאָלד, האַרמאַטן, טאַנקן, קריג־אַוויאָנען, סובמארינען, ראַקעטן און אַטאָם־באָמבעס, און שטיצט זיך אויף די אינטערעסן פֿון אירע כוהנים, וואָס בילדן דעם בלוט־ און מאַכט־דורשטיקן „נײַעם קלאַס". רעדט מען וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם און מען אונטערדריקט פֿעלקער, און מען צעשיסט ייִדישע שרײַבערס און מען פֿאַרווערט דאָס ייִדישע לשון! אָט דאָס איז דער דרך פֿון עבודה־זרה!

מיר מוזן פֿעסטשטעלן, אַז דער נאַציאָנאַלער אידעאַל פֿון דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפֿט איז נאָך לחלוטין ניט פֿאַרנוצט. ער האַלט נאָך אויף, בכן, זײַן גאַנצע טרײַבקראַפֿט. ניט פֿאַרנוצט איז, צום באַדויערן, אויך אַ צווייטער טיף־מענטשלעכער אידעאַל וואָס איז אויך אונטערגעשטראָכן אין סאַמע נאָמען פֿון דער געזעלשאַפֿט — די ראַציאָנעלע דערציִונג.

דעם 13טן אָקטאָבער הײַיאָר וועט ווערן 50 יאָר, זינט די שפּאַנישע מאָנאַרכיסטישע רעגירונג האָט, אַנגערייצט פֿון דעם פֿינצטערן קלער, געלאָזט דערשיסן דעם גרויסן פּיאָנער, גלענצנדיקן אָרגאַניזאַטאָר און העראָישן מאַרטירער פֿון דער ראַציאָנעל דערציִונג פֿראַנסיסקאָ פֿערער. דער טויט־אורטייל איז דורכגעפֿירט געוואָרן איבער פֿערערן נאָך אַ באַשײַמפּערלעך פֿאַלשן פּראָצעס, וואָס האָט

דעמאָלט אויפגערודערט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט און אַרוים-גערופן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן. פּערערס טויט האָט, ניט ווייני-קער ווי זײַן באַרופענע טעטיקייט בײַם לעבן, צוגעצויגן דעם אינ-טערעס פון דער וועלט צו זײַן אידעאַל פון אַ דערציִונג וואָס זאָל שאַנעווען דעם קינדס פּערזענלעכקייט און וואָס זאָל צוגרייטן אַ דור פון אינערלעך-פרײַע מענטשן, מיט אַ ניט געבראָכענעם ווילן און ניט צוגעפּלעטשטן קריטישן געדאַנק. פּערער האָט געוואָלט „אַזעלכע מענטשן, וואָס זאָלן זײַן פעיִק כּסדר זיך צו אַנטוויקלען, וואָס זאָלן זײַן פעיִק צו צעשטערן און צו באַנײַען אומאויפהערלעך זייער קרײַז און זיך אַליין באַנײַען; מענטשן וועמענס אינטעלעקטועלע אומאָפּ-הענגיקייט זאָל זײַן די גרעסטע קראַפט; מענטשן וועלכע וועלן ניט זײַן צוגעבונדן צו קיין זאַך, נאָר תּמיד גרייט אָנצונעמען דאָס, וואָס איז בעסער; מענטשן, וואָס וועלן זײַן גליקלעך פון דעם נצחון פון נײַע אידייען; מענטשן, וואָס שטרעבן צו לעבן אַ סך לעבנס אין איין לעבן". פּערערס ראַציאָנעלע אָדער מאָדערנע שול האָט געוואָלט אַרויסקריגן „אַ פרײַען דענקער, וואָס צאָלט ניט קיין צינז צו די פאַראורטיילן פונעם עבר, אַ זעלבשטענדיקן פאָרשער מיט אַ פרײַען קריטישן אויג און אַ פעסטן כאַראַקטער, בײַ וועמען דער מוח איז דער באַוועגער פון אַ ווילן". „אַ ראַציאָנאַלע דערציִונג וועט זײַן די דאַזיקע, וואָס וועט אויפהיטן אין מענטשן די פעיִקייט צו וועלן, צו דענקען, צו אידעאַליזירן, צו האָפן"*.

דער אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט פאַר-שטופּט אין שאָטן אָט די טיף-הומאַניטאַרע דערציִונג-אידייען. אין די צוואַנציקער יאָרן זענען פּערערס אידייען אויפגעשטאַנען תּחית-המתים אין דער געשטאַלט פון דער באַוועגונג פאַר דער „נײַער שול" און פאַר די „רעכטן פונעם קינד". דער אויפשטײַג פון דעם נאַציזם און די נאָכקומענדיקע צווייטע וועלט-מלחמה האָבן פאַר-שטיקט אַלע פרײַערע און הומאַניסטישע אידעאַלן, און די פרײַע דערציִונג בתוכם.

* די ציטאַטן זענען גענומען פון פראַנסיסקאָ פּערערס בוך „די מאָדערנע שול"; אַרויסגעגעבן אין ייִדיש פון דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט.

איצט, צוליב דעם גרויסן „דערפאָלג״ פון דער סאָוועטישער דערציִונג אויסצובילדן אַ ריזיקע צאָל טעכניקערס פאַר איר שווע־רער אינדוסטריע און פאַר איר מאָנסטערדיקער פּראָדוקציע פון מלחמה־מכשירים, זענען איבער אַ נייעם אַרויפגעשווומען אויף דער אייבערפלאַך די דיסקוסיעס וועגן דערציִונג. די סאָוועטישע „דער־פאָלגן״, וואָס זענען אַרויסגעקראָגן געוואָרן אויפן חשבון פון די מענטשלעכע פרייהייטן און אויפן חורבן פון איר ליטעראַטור, טעאַ־טער און הומאַניסטישע שטודיעס, האָט אין געוויסע קרייזן אין נאָרד־אַמעריקע אַרויסגערופן אַ פאַרלאַנג נאָכצוטאָן דעם סאָוועטישן בייַ־שפּיל. צו אונדזער האַרצווייטיק מוזן מיר צוגעבן, אַז גראָד אין דער יִדישער פּרעסע פון נאָרד־אַמעריקע איז אונדז אויסגעקומען צו לייענען די רעאַקציאָנערסטע עצות מכוח דער דערציִונג, מיט דער פולסטער אומפאַרשטענדעניש וועגן דעם אומגעהייערן קנויל פון די פאַרוויקלטסטע, דינסטע און וויטאַלסטע פּראָבלעמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם ענין. מיר האָבן, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ציטירט פון אַ ניו־יאָרקער יִדישער צייטונג איינעמס אַן עצה, וואָס, בקיצור, איז זי באַשטאַנען אין אַ רעקאָמענדאַציע צו צענטראַליזירן די גאַנצע נאָרד־אַמעריקאַנער דערציִונג אין די הענט פון דער פעדעראַלער רעגירונג, און יענע זאָל שוין זען, אַז עס זאָלן פּראָדוצירט ווערן נאָך מער אינזשעניערן, ווי דאָס וואַרפן אַרויס די סאָוועטישע הויכ־שולן.

אַז פערערס קרבן איז ניט געווען קיין אומזיסטער האָבן מיר גראָד געדאַרפט אַרויסלערנען פון דער ענגלישער פּרעסע. דווקא אין דער פּאָפּולערער „סאַטורדיי איווינינג פּאָסט״ און דווקא פון אַ סופּעראינטענדענט פון שולן (אוירל ה. הענסאָן) האָבן מיר געקענט לייענען אַז דער אַמעריקאַנער חלום איז „גלייכער דרך־ארץ פאַר איטלעכן מענטשלעכן וועזן און צו לערנען איטלעכן אַזוי, אַז ער זאָל אויסוואַקסן ביז צו די גרענעצן פון זיינע פעיִקייטן. מען וועט ניט אַריבערגיין פון יענעם ציל צו אַן אידעאַל פון אויסקלייבן בלויז עטלעכע צו אויסבילדן ווי פירערס, און אין דער זעלביקער צייט איבערלאָזן אַלע איבעריקע פון אונדז צו זיין די פּראָלעטאַריער פון אַרוועלם 1984״.

יאָ, אויך דער צווייטער פון די אידעאַלן, וואָס האָבן אַרויס־גערופן צום לעבן די ייִדישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט, איז נאָך גאָרניט אָפּגענוצט געוואָרן. עס איז נאָך פאַראַן מער אַרבעט אָפּגעטאָן צו ווערן, ווי דאָס איז געווען אין יאָר 1916, בעת די ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט איז אויפגעקומען. הלוואי זאָל מען אויסנוצן דעם יובל זינט פּערערס דערמאָרדונג אויף צו וואַרפן ליכט אויף אַט דער קאַרדינאַלער פראַגע, וואָס רירט אָן די סאַמע וואָרצלען פון מענטשלעכער פרייִהייט און פון דרך־ארץ פאַר זייַן פּערזענלעכקייט!

עס פרייט צו זען דעם אומגעוויינטלעכן אידעאַליזם פון די טוערס פון דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט, זייער פרישן ענטוזיאַזם, זייער ניט אָפּגענוצן מוט, זייער ערנסטע קרבנות־גרייטקייט. פון דעסט וועגן טאָר מען ניט פאַרבייַגיין מיט שטילשווייַגן אַ זייער מעלאַנכאָלישן פאַקטאָר פון דער קאָנטינויִטעט פון די רודערערס ביַי דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט — דאָס פעלן פון יוגנט, וואָס זאָל זייַן גרייט איבערצונעמען — אַפילו אַרויסרייַסן! — די פאָן ביַי דעם עלטערן דור.

די אַמאָליקע קעמפערס קעגן די „ייִדיש שפּרעכנדע" האָבן אפשר אין דער אמתן ניט געזינדיקט אַזוי פיל, אַז זיי זאָלן ניט ראוי זייַן צו זען אַרום זיך איצט קאָדרען מיט יונגע ייִדיש־ריידנדיקע כוחות, וואָס זאָלן זיך רייַסן אין פאָדערגרונט מיט זייערע נייַע אידייען, אָדער ניואַנסן פון אידייען, אָדער כאָטש נייַע מעטאָדן.

אָבער ניט נאָר אויפן ייִדיש־אַפּשניט איז אַזוי טונקל. מיר מוזן צוגעבן, אַז בכלל זענען ניט אויפגעקומען אויף דער וועלט אַזעלכע דורות, ווי פראַנסיסקאָ פערער האָט געחלומט. און לאָמיר ניט זייַן אומגערעכט קעגן דער היגער יוגנט — מיר געדענקען, אַז אין יאָר 1935 האָבן מיר, ביַי אַן אויפנאַמע לכבוד שמואל ניגערן, אין דער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט טאַקע, זיך באַקלאָגט אויף דער ייִדישער יוגנט וואָס פלעגט דעמאָלט קומען פון פוילן: „זיי שטייען אַלע גרייט צו פאָלגן, ווי די זעלנערס, אָבער אָן אייגענעם כאַראַקטער, אָן פאַרלאַנג צו נעמען אויף זיך אחריות פאַר דער אייגענער אויפפירונג, זיי האָבן מורא צו טראַכטן אייגענע געדאַנקען".

דער שרײַבער פון אָט די שורות איז געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט, און איר קענט אַלע קלאָר אויסרעכענען אַז מיט 43 יאָר צוריק איז ער געווען מיט 43 יאָר ייִנגער ווי הײַנט. אויף אָט יענעם שנעק, וואָס האָט געווויגן 43 קילאָ, איז אויסגעפאַלן אַזאַ גרויסער חלק פון דעם קאַמף מיט די עלטערע (און ייִנגערע) „יידיש-שפּרעכנדע" און „דאָגמאַטיקער", אַז עס איז ממש אַ בייז-ווונדער וואָס ער איז ניט אײַנגעפאַלן. — פון וואַנען נעמט זיך בײַ דער יוגנט אַזוי פיל כוחות אַריבערצוטראָגן די יסורים?

— ווו נעמט מען איצט אין דער יידישער קולטור-אַרבעט אַזאַ בינטל עקשנותדיקע ייִנגלעך, וואָס זאָל אונדז פון דער פּאַקטישער אַרבעט פּאַרטרײַבן צו דער „ערן"-אָנפירערשאַפט? אוודאי וואָלטן מיר זיך ניט געלאָזט פאַרטרײַבן, און אוודאי וואָלטן מיר אַרײַנגעקראָגן אַ היפּש ביסל קלעפּ, איידער מיר וואָלטן זיך אונטערגעגעבן. און אוודאי וואָלטן מיר דערנאָך געלעקט די ווונדן מיט ווונדערלעכער הנאה!

אין דעם, וואָס דאָס איז איצט ניט מער ווי אַ חלום, איז שולדיק ניט נאָר די דאַליע פון מאַמע-יידיש: אָט קלאָגן זיך אויך די העברעיִסטן אין ישראל אויפן זעלביקן.

וועגן דעם הויפּט-פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר אָט דער לאַגע קען מסתמא צום בעסטן אויפקלערן טאַקע פראַנסיסקאָ פערער!

יוני, 1959

אַ מענטש טראַכט

מיט אַ 12-10 יאָר צוריק האָבן זיך בײַ אונדז גענומען װײַזן די ערשטע רײַפּערע פּרוכטן פון דער מיפּולער אַרבעט אויף דער ייִדישער דערציִונג. די ערשטע אַרויסלאָזן פון די סעמינאַרן, פונעם מכון און פון די אַנדערע מיטלשולן האָבן גענומען באַשײַנען אונדזערע קולטור-קרײַזן מיט פרישע, אויטאָקטאָנישע קנאָספּן. צו די יערלעכע יוגנט-קאָנקורסן בײַם קולטור-קאָנגרעס פלעגן אָנקומען צענדליקער אַרבעטן, און מען האָט געקענט פּרעמירן עטלעכע גאָר ערנסטע און צוזאָגנדיקע פּרוּװן. יוגנט האָט גענומען עקשנותדיק קלאַפּן אין די טירן פון ייִדישע רעדאַקציעס, װוּ זײ האָבן, אַגב, ניט געהאַט קײן צו לײַכטן צוטריט: מסתמא װײַל עס האָבן שוין געפעלט אַ פּאָר ריננען צװישן די צװאַנציק-יעריקע אָנהײבערס און די צײַטונג-מענטשן, װאָס אַפילו די ייִנגסטע פון זײ זענען שוין אויך געװען אין זײערע מיטעלע יאָרן. אויף יעדן פאַל, פלעגט אויסקומען צו הערן װי די יוגנט קלאָגט זיך אויף פאַרמאַכטע טירן. מען האָט זײ גאַנץ אָפּט געהערט אויך קלאָגן זיך אויפן אויספעלן פון אַ העכערער ייִדישער שול, װוּ זײ זאָלן קענען דערגאַנצן זײערע ייִדישע ידיעות.

עס זענען אַריבער עטלעכע יאָר, און, אָנשטאָט צו שטײַגן, האָט די צאָל פון אָט די יוגנטלעכע צוזאָגן גענומען פאַלן. אַ בולטער סימפּטאָם איז געװען דאָס, װאָס די צוגעשיקטע אַרבעטן צו די יוגנט-קאָנקורסן זענען געװאָרן, פון יאָר צו יאָר, אַלץ װײניקער, ביז די קװאַנטיטעט איז געפאַלן צו אונטער אַ צענדלינג. די דעקאַדענץ האָט זיך אָנגעזען אין אַלץ: דער געשאַפענער קרײַז פון יוגנטלעכע שרײַבערס איז צעפאַלן. פריִער האָבן זיך די יוגנטלעכע שרײַבערס

גערייסן צו אַן אייגענעם ליטעראַרישן זשורנאַל — זיי האָבן נאָר געקעמפט קעגן אַפּוטרופּסות פון עלטערע שרייַבערס. נאָך דעם האָט זיך שוין ניט אײַנגעגעבן צונויפצוזאַמלען געגנוג יוגנטלעכן כוח פאַר אַ זשורנאַל, הגם זיי איז צוגעזאָגט געוואָרן פולע אויטאָנאָמיע אין דער רעדאַקציע און פולע פינאַנצירונג פון דעם זשורנאַל, ביז אַזאַ אומבאַגרענעצטע הילף וועט זײַן נייטיק.

דער וויכטיקסטער גורם פון דער דעקאַדענץ איז געווען אויף דער האַנט — דער אויפקום פון דער יידישער מדינה האָט, חוץ פרייד, האָפענונג און שטאַרקונג, אַרײַנגעבראַכט אין אונדזער „גלות" אויך אַ גאָר היפּשע צאָל נעגאַטיווע מאָמענטן, וואָס דער ישוב וועט זיך דאַרפן באַפרײַען פון זיי כדי צו קענען אַריבערלעבן: פאַרלייקענונג און פאַרלאָזונג פונעם אָרטיקן לעבן, כיבוש, תקיפות, אַנטי־דעמאָקראַטיע, צענטראַליזאַציע, גלײַכשאַלטונג, סנאָביזם און — „אַחרון אַחרון חביב"! — פאַרביסענע רדיפות קעגן לשון יידיש.

דער גולמדיקער נחום־לעווינזם, וואָס האָט געהאַט צו־הילף די פינאַנצן, דעם פּרעסטיזש און די אָרגאַניזאַציע פון דער „יידישער אַגענץ" (און אויך פון דער ישראלישער מלוכה), האָט געבראַכט זײַנע ביטערע פּירות. פון יאָר צו יאָר האָט זיך געמינערט די יידיש־קענטעניש פון די אַביטוריענטן פון די סעמינאַרן און מיטלשולן. עס איז געקומען דערצו, אַז עס איז שוין אפשר אַ לוקסוס צו קלאָגן זיך אויף דער פאַראַליזירונג פונעם נאָכוווּקס פון יידישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן — עס זענען שוין ניטאָ קיין יידיש־לערערס פאַר די יידישע עלעמענטאַרע שולן. און ניט נאָר קיין יידיש קענען ניט די אַביטוריענטן פון די סעמינאַרן, נאָר זיי זענען בכלל ניט פאַרבונדן מיטן אָרטיקן יידישן לעבן. אַפילו די בעסטע תלמידים פונעם סעמינאַר בײַ דער קהילה, וואָס ווייסן גענוי וויפל מילימעטערס רעגן עס פאַלט יערלעך אין יעדן פּונקט פון ישראל, האָבן ניט קיין ידיעות וועגן די אַרגענטינישע יידישע קאָלאָניעס. אפשר ווייסן זיי אַפילו ניט וואָס אַקוראַט עס באַטײַטן די אַנדערע שטאָקן פונעם קהילה־בנין, חוץ דעם צווייטן שטאָק ווו די תלמידים פאַרברענגען זעקס יאָר אָדער מער. די קומענדיקע לערערס ווערן אפשר דערצויגן צו עליה, אפשר וועלן זיי קענען אַרבעטן אין ישראלישע שולן, אָבער

זיי ווערן ניט געגוג צוגעגרייט צו זײַן לערערס אין אַרגענטיניש-ייִדישע שולן.

די „ברידערלעכע הילף" פון דער ייִדישער אַגענץ פאַר דער „קולטור אין די תפוצות" איז אַ באַזונדערס וויכטיקדיקער ענין, פאַרשטייט זיך. אָבער עס פעלן ניט קיין שווערקייטן, וואָס זאָלן פאַרביטערן דאָס לעבן פונעם ייִדישן קולטור-עסקן. מען וויל דעם אַרגענטינישן ישוב אײַנשמועסן, אַז ער איז אַ דערוואַקס פונעם וואָרצלדיקן מזרח-אייראָפּעיִשן ייִדנטום. דער אמת איז, אַז אונדזער ישוב איז נאָך צו יונג און ער איז בס"ה אַ יתום, וואָס האָט פאַר דער צײַט פאַרלאָרן זײַן אָנשפּאַר. מיר האָבן דאָ נאָך קיין מאָל ניט געהאַט קיין באַדייטנדיקע ייִדישע אינטעליגענץ, ניט אין קוואַנטום און ניט אין קוואַליטעט. אָבער די צײַט גייט. בײַ די 80% פון די לערערס אין די ייִדישע פאָלקסשולן זענען שוין היגע געבאָרענע. די רעשטלעך פון די לערערס, וואָס שטאַמען פון וואָרצלדיקע ישובים, האָט זיך צונויפגעזאַמלט אין די סעמינאַרן און מיטלשולן. צי זיי זענען אַלע באַרופן דערצו אָדער ניט — קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ! ערגער איז, וואָס די צײַט ראַמט אָפּ אַכזריותדיק אויך אָט די אומדערזעצלעכע אינטעליגענץ. — — —

פון וואַנען וועט קומען די הילף?

אָט דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן אויבן געשריבן, איז כמעט אַ פּראָטאָקאָל פון דעם, וואָס עטלעכע ייִדישע קולטור-עסקנים האָבן געשמועסט צווישן זיך, בײַ אַ גלעזל טיי, אין אַ פּריוואַטער שטוב, אין אַ פרײַען אָוונט ערב אַ יום-טוב. ווי די עסקנים הייסן, איז ניט אינטערעסאַנט אויסצורעכענען. סײַ-ווי, קענט איר זיי ניט. קיין איינער פון זיי געהערט ניט צו די וואָס מאָנען בקולי-קולות בײַ דער וועלט דעם שכר „פאַר דער גראַנדיעזער קולטור-אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן אין אַרגענטינע". דאָס זענען געווען פּשוטע אַנאָנימע מענטשן וואָס געהערן צו דער זאַפּטיקער, פאָלקסטימלעכער עדה, וואָס האָט שטענדיק געבויט און וואָס בויט אויך ווײַטער דאָס פאָלקסלעבן אומעטום, וווּהין דער גורל פאַרוואָרפט זי. פאַרשטייט זיך, ביזקל וואַנען דער צענטראַליזם און דער כיבוש וועט נאָך בײַ זיי ניט אָפּטויטן די שפּרודלדיקע, געבענטשטע איניציאַטיוו.

אָט אַזוי שמועסנדיק, האָט מען זיך דערדערעדט דערצו, אַז ראַטעווען די סיטואַציע קען אַ יִידישע הויכשול. דאָ האָט מען זיך דערמאָנט, אַז דער ישוב האָט ביז איצט בכלל געהאַט ווייניק מזל צו העכערער אינטעליגענץ און אַז, להיפּוך צו נאָרד־אַמעריקע וואָס האָט אַ גאַנץ היפּשע צאָל ווערטפולע יִידישע הויכשולן, איז נאָך דאָ ניט פאַראַן און ניט געווען קיין איין העכערע יִידישע שול. דאָס וואָלט אפשר געקענט אויסלאָזן זיך צום גוטן, אויב דער פאָלקסטימלעכער יִידישיסטישער עדה זאָל זיך איצט אײַנגעבן צו שאַפן אַזאַ שול בצלמה ובדמותה, אַ שול וואָס זאָל וואָרצלען אין דעם פּרוכטיקן באָדן פון ווילנע־של־מעלה. אַזאַ סאָרט שול וואָלט משפּיע געווען, אַז די תורה, וואָס די קומענדיקע דורות וועלן לערנען און שאַפן, זאָל ניט זײַן קיין טרוקענע און עקרדיקע.

די עסקנים האָבן געבראַכט די איניציאַטיוו צום אַרגענטינער יִיוואָ, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַרן פּאַסיקסטן אַנשטאַלט, וואָס דאַרף אונטערנעמען די גרינדונג פון אַ יִידישער הויכשול: ערשטנס, איז שוין געווען אַן אָנטעצעדענט פון אַזאַ שול בײַם ווילנער יִיוואָ. צווייטנס, אַרבעטן מיט אין יִיוואָ אַלע ריכטונגען, מיט וועלכע מען קען זיך רעכענען, בעת אין קולטור־קאָנגרעס, למשל, פאַרנעמען נאָך אַלץ ניט זייער אָרט די לינקע פּועלי־ציוניסטישע טוערס, וואָס טראָגן אויף זיך אַזוי פיל אַחריותן אין דער היגער שולאַרבעט. דער יִיוואָ האָט דעם פאָרשלאָג אָנגענומען.

דער שרײַבער פון אָט די שורות האָט אָנגעשריבן אַ מעמאָראַנדום, וואָס האָט „געקענט רירן אַ שטיין". מען האָט אָט דעם אויפרוף צעשיקט צו טוערס, צו די שולן און קולטור־אינסטיטוציעס און מען האָט גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון פאַראַנטוואָרטלעכע עסקנים און פון אַלע ריכטונגען. די פאַרזאַמלונג איז געווען אַ גוט באַזוכטע און האָט אויסגעזען צו זײַן אַ שטימונגפולע. מען האָט אויסגעוויילט אַ פּראָוויזאָרישע פאַרוואַלטונג און מען האָט באַשלאָסן זיך תיכף צו ווענדן צום נאָרד־אַמעריקאַנער יִיוואָ מיט אַ דרינגענדיקער ביטע צו אויפזוכן אַ פּאָר לעקטאָרן. געווען איז עס אין נאָוועמבער. אויב מ'וועט דעם ענין אונטעריאָגן, וועט מען אפשר צום קומענדיקן שול־סעזאָן, אין אַפּריל, קענען מאַכן אַ התחלה.

דערווײַל האָבן מיר צײַט צו באַטראַכטן די ערשטע אָפּקלאַנגען אויף אונדזער איניציאַטיוו: ש. ניגער האָט געשריבן, אַז דער מעמאָראַנדום איז זייער אַן איבערצײַגנדיקער און אַז די איניציאַטיוו איז זייער וויכטיק אויך פֿאַר ניו־יאָרק. אַז דער ניו־יאָרקער ייִוואָ וועט זיך אָפּגעבן מיט אונדזער ענין אַזוי שנעל, ווי ער וועט פֿאַרענדיקן דאָס אַריבערציִען זיך אויף דער נײַער דירה. ד״ר יצחק־נחמן שטיינבערג האָט איבערגעדרוקט אין אַ ניו־יאָרקער אויסגאַבע לענגערע אויסצוגן פֿון דעם מעמאָראַנדום. עס דערמונטערן אַ. גאָלאָמב פֿון מעקסיקע, ד״ר אהרן שטיינבערג פֿון לאָנדאָן און אַנדערע.

ש. ניגער איז אין אַ חודש אַרום נאָך דעם געשטאָרבן. י. נ. שטיינבערג איז שוין געווען שטאַרק קראַנק. די אַנדערע, זאָלן זיי לעבן און געזונט זײַן, זיצן ווײַט. וויכטיק איז וואָס זאָגט מען אויפֿן פּלאַץ. אָט האָט איר עטלעכע אָפּרופֿן: מלך טשעמני האָט אין זײַן וואָכנבלאַט געשריבן, אַז די גאַנצע הויכשול איז פֿאַרטראַכט געוואָרן כדי צו נעמען שילומים־געלטער. פֿאַר וואָס ער האָט אַזוי געשריבן, בעת פּערזענלעך האָט ער אונדז, דאַכט זיך, מיט אַ פּאָר וואָכן פֿריִער, מיט גרויס ענטוזיאַזם באַגריסט פֿאַר אונדזער קאַמף קעגן די שילומים — דאָס איז ניט פֿאַר אונדזער מוח צו פֿאַרשטיין. ניט פֿאַרשטענדלעכער איז אויך געווען פֿאַר וואָס די „ידיעות", אַן אָרגאַן פֿון דעם „אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט", האָט איבערגעחזרט די זעלביקע טענה. מען דאַרף דערמאָנען, אַז דער אַרגענטינער ייִוואָ האָט בכלל זיך אָפּגעזאָגט פֿון אָננעמען געלט פֿון די שילומים. שמואל ראָזשאַנסקי האָט מיט פֿײַער (איז דאָס ניט געווען קיין „פֿרעמדער פֿײַער"?) קריטיקירט דעם ניט אוניווערסיטעטישן סטיל פֿונעם מעמאָראַנדום — פֿאַר וואָס האָט עס דער אויפֿרוף געדאַרפֿט האָבן אַן אוניווערסיטעטישן סטיל און מיט וואָס האָט ער געזינדיקט קעגן יענעם סטיל — דאָס ווייסן מיר ניט.

אָבער ווען וועט שוין אָנקומען דער ענטפֿער פֿון ניו־יאָרקער ייִוואָ? עס האָט לאַנג געדויערט, עס האָלט שוין ערב שולסעזאָן — עס איז אָנגעקומען אַ לאַנגער ענטפֿער: אַ פּלאַנטער מיט די טערמינען: בײַ אונדז אַ הויכשול איז... אַ הויכשול, אָבער אין נאָרד־אַמעריקע איז הויכשול אַ מיטלשול (היי־סקול). דאַקעגן בײַ אונדז

איז אַ סעמינאַר אַ מיטלשול, אָבער בײַ זיי איז דאָס אַ העכערע שול, וואָס מען דאַרף זײַן אַן אַביטוריענט פון אַ מיטלשול אויף אַרײַנצוטרעטן אין דעם. טענות — למאי איז מען צוגעטראָטן צו אַזאַ אַרבעט, איידער מען האָט זיך מיישב געווען מיט די שול-עסקנים? זיי האָבן פון דאַנען בריוו אַזעלכע און אַזעלכע (הכלל, שמרם-בלאָשטיינס „אינטריגעס" זענען אויפגעשטאַנען תחית-המתים). דער שפּיץ איז אַן עצה... איבערצולאָזן די איניציאַטיוו פאַר אַנדערע!

ערשט אַז מען האָט דעם אַמעריקאַנער ייִוואָ אויפגעקלערט דעם ענין און מען האָט זיך דערקליבן צום וואָרן באַדן, — ערשט דעמאָלט האָט מען זיך אָנגעטראָפן אויף דער ביטערער רעאַליטעט: ניטאָ אין נאָרד-אַמעריקע קיין איין פּאַסיקער מענטש, וואָס זאָל וועלן און קענען פאָרן קיין בוענאָס-אײַרעס צו איבערנעמען אַ קאַ-טעדרע אָדער די אָנפירונג אין אונדזער הויכשול!

צו אָט דעם זעלביקן ענטפער האָט מען זיך שפּעטער דערשלאָגן אויך פון לאָנדאָן, פון מעקסיקע, פון פּאַריז.

עס איז אַריבער די צווייטע העלפט 1955, אַריבער די ערשטע העלפט 1956, און עס האָט זיך געענדיקט דער פּראָלאָג פון אונדזער הויכשול. אין 1957-1958-1959 וועט זיך אָפּשפּילן דער ערשטער אַקט, אונטערן נאָמען „העכערע קורסן פאַר ייִדיש". איצט זענען מיר אַרײַן אין אַן אַנטראַקט. מיר האָפן אַז עס איז ניט מער ווי אַן אַנטראַקט, מחמת מענטשן גייען נאָך אַרום אין פאָדערזאַל און צווישן די רייען און מען רעדט.

וועגן אָט דעם ערשטן אַקט און וועגן די רייד בײַם אַנטראַקט וועלן מיר ריידן אַן אַנדערש מאָל. ריידן וועגן דעם ענין מוז מען, מחמת פון דעם צי די הויכשול וועט האָבן אַ קיום, פון דעם ווער עס וועט שטיין בײַ איר אָנפירונג און וואָס פאַר אַ פּנים די שול וועט האָבן, — פון דעם קען זײַן געווענדט דער פּנים וואָס אונדזער ישוב וועט האָבן און זײַן גראַד וויטאַליטעט.

ס'איז אָן ספק אַ וויטאַלער ענין!

יולי, 1959

נבֿואה און אַפּאָקאַליפּסיס

1

מענטשן פֿון יִינגערן דור, וואָס האָבן ניט פֿאַרכאַפּט די צײַטן פֿון „העראָישן סאָציאַליזם‟, האָבן זיכער בלויז אַ שוואַכע אַנונג פֿון דעם נשמה-פֿלאַקער, פֿון די שטרעבונגען, פֿון דעם אידעאַליזם און אַפֿילו אויך פֿון די אידעאַלן פֿון די גרינדער פֿון סאָציאַליזם. אויף יעדן פֿאַל האָבן זיי ווייניק געלעגנהייט איבערצוטראַכטן אָדער גאָר איבערצולעבן די גרונט-אידייען פֿון דער אַמאָליקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דאָ לאָזט זיך אָנווענדן דער אַלטער משל מיט איינעם, וואָס איז אַזוי פֿאַרטאָן מיט די ביימער, אַז ער זעט מער ניט דעם וואַלד. די מאָדערנע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור און פּרעסע איז אַזוי פֿאַרהאַוועט מיט די טאַקטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים, אַז דער סאָציאַליסטישער עיקר איז פֿאַרשטופּט געוואָרן אין הינטערגרונט. מיר קענען צִיִען ווײַטער די אַלעגאָריע און זאָגן אַפֿילו, אַז אַ סך האָבן, אין גיכער נאָך די ביימער, שוין לאַנג פֿאַרלאָזט דעם סאָציאַליסטישן גאָרטן און פֿאַרקראָכן אין ערטער פֿון דערנער און שטעכערעס און זיי כאַפּן זיך אַפֿילו ניט, אַז זיי האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט.

— ווי האָט עס געקענט פּאַסירן? — ווײַזט אויס, אַז עס ליגט שוין אין דער מענטשלעכער נאַטור צו פֿאַרבינדן די דערלייזערישע חלומות מיט פֿאַרשיידענע מינים מיסטיקעס און קבלות, וואָס, ווערדליך זיי, איז גאָרניט אַזוי אויסטערליש אָנצוטרעפֿן זיך אויפֿן משיחישן וועג מיט די אַלע דערנער און שטעכערעס. אַפֿילו אַזאַ „קאַלטער מתנגד‟ ווי קאַרל מאַרקס האָט אויסגעאַרבעט אַזאַ „וויסנשאַפֿטלעכע‟ קבלה, וואָס קען באַרעכטיקן אַלע שבתי-צבֿיִישע הפֿקרדיקייטן.

די מאַרקסיסטישע דיאַלעקטיק דרינגט, אַז פון כולו חייב קומט מען צו כולו זכאי, אַז דווקא דורך דער „פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור" קומט מען צו דער פולער פאַרשווינדונג פון דער מלוכה אאַז"וו. און מאַרקס האָט זיך גופא געפֿונען „ווייסנשאַפטלעכער סאָציאַליסט", בעת די אַנדערע האָט ער אָנגערופן „אוטאָפּיסטן"! מאַרטין בובער זאָגט אויף דעם טאַקע, אַז מאַרקס איז ניט פריי פון אוטאָפּישקייט און דער חילוק צווישן זײַן „נעצעסיטאַריסטישן" סאָציאַליזם און די אַנדערע איז בלויז דער, וואָס די אוטאָפּיסטישע עלעמענטן אין אים זענען פון אַן אַנדערן מין. בובער דערמאָנט די צוויי עיקרדיקע פאָרמען פון דער סכאַטאָלאָגיע: די נביאישע (וואָס שטאַמט פון ישראל), וועלכע מאַכט אָפּהענגיק די דערלייזונג פון דער אַנטשייי־דונגס-קראַפט פון יעדן מענטש, און די אַפּאָקאַליפּטישע (וואָס שטאַמט פון איראַן), לויט וועלכער דער גאולה-פּראָצעס איז שוין באַשטימט מיט אַלע פּרטים פון ששת-ימי-בראשית אָן. דער מאַרק־סיזם איז איבערגעוועלטיקט מיטן אַפּאָקאַליפּטישן עלעמענט.

אָט דער אַפּאָקאַליפּטישער פאַטאַליזם און די אַלץ באַרעכטיקנ־דיקע דיאַלעקטיק איז אַוודאי שולדיק ניט קיין קליין ביסל אין דעם, וואָס מען איז אַזוי פאַרזונקען אין דעגראַדירנדיקן אָפּאָרטוניזם און אין דעם, וואָס מען פרעגט אַזוי ווייניק קשיות אויף די פאַרברעכע־רישע מעשים פון די מכלומרשטע כוהנים פון דעם סאָציאַליזם. די דיסציפּלין פון דער אויטאָריטאַרער אָרגאַניזאַציע האָט אָגב ניט ווייניק געווירקט אויף די פּראָסטע סאָלדאַטן צו פאַרלאָזן זיך אויף די פירערס מיט זייערע „קלוגע קעפּ" און צו טראַכטן וואָס ווייני־קער. בפרט אַז דאָס איבעריקע פאַרטראַכטן זיך קען ר"ל פאַרפירן אין פאַרשיידענע ספיקות, ווי דאָס פּאַסירט מיט די „צעקראָכענע קליינבירגערס" להבדיל.

ביני-לביני איז דער סאָציאַליזם געוואָרן אַזאַ מין פּאַרקאָלעכ־טער ענין, ווי מיר זעען עס צו בײַ אַלע אַלטע רעליגיעס, וואָס זייערע תורהס ווירקן קוים אויפן טאָג-טעגלעכן לעבן און טראַכטן פון זייערע אָנהענגערס.

דערפאַר איז מאַרטין בובערס בוך „שטעגן אין אוטאָפּיע"* ביז גאָר ווערטפול שוין דערמיט אַליין, וואָס עס פירט אונדז איבער אַ נײַעם אָוועק צו די פרישע קוואַלן פון עכטן און לעבעדיקן סאָציאַליזם. שוין דער אַרטיקל „גוסטאַוו לאַנדאַוער אין דער איצטיקער צײַט", וואָס איז אין דער ייִדישער אויסגאַבע געדרוקט ווי אַן אַרײַנפיר (אויך אין דער העברעיִשער אויסגאַבע פון בוך איז עס צוגעגעבן — דאָרטן ווי אַ הוספה), זוכט צו צעשטערן די פאַראַליזירנדיקע אילוזיע פון אונדזער דור: „זיי זענען מער ניט קיין אַרבעטערס בײַ אונטערנעמערס פון בלוט און פלייש, וואָס האָבן אויף יעדן פאַל געהאַט אַ מאַכט בלויז אויף די הענט פון די אַרבעטערס בעת דער אַרבעט. זענען זיי אָבער איצט געוואָרן קנעכט בײַ דעם גרעסטן פון אַלע אונטערנעמערס, דעם אונטערנעמער מלוכה, און אָט דער האָט אַ מאַכט אַפילו אויף זייערע קינדער־יאָרן. ער האָט אַ מאַכט אויפן אויסזען פון זייער לעבן און אויף די מחשבות פון זייער האַרץ". בובער דערמאָנט אונדז אָן לאַנדאַוערס וואָרענונג: „ניט אין דער מלוכה קען דער סאָציאַליזם פאַרווירקלעכט ווערן, נאָר אין דרויסן פון דער מלוכה". „דער סאָציאַליזם קען שפּראָצן בלויז פון פרײַהייטלעכן גײַסט און פרײַער פאַראייניקונג. ער קען אויפקומען בלויז פון יחידים און זייערע פאַרברידערונגען". „זיי מיינען אַז סאָציאַליזם איז מלוכה, בעת די קולטור־דורשטיקע ווילן באַשאַפן דעם סאָציאַליזם, מחמת זיי ווילן דווקא אַרויסגיין פון דער מלוכה און אַרײַנגיין אין אַ פאַרבאַנד פון חברשאַפט און פרײַען אויסוואַל".

דאָס בוך דערמאָנט אונדז כסדר אָן דעם, וואָס איצט האָבן אַלע ווי פאַרגעסן, אַז אויך מאַרקס און ענגעלס האָבן זיך ניט פאָרגעשטעלט דעם סאָציאַליזם אַנדערש ווי אָן אַ מלוכה — אָן „אָט דער פּאַראַזיטישער פאַרזעעניש 'שטאַט', וועלכער שפּײַזט זיך פון דער געזעלשאַפט און שטערט איר פרײַע באַוועגונג" (מאַרקס). די מלוכה — לערנט מאַרקס — וועט „פאַרשווינדן צוליב דער קומענדיקער רעוואָלוציע", ווײַל די עפנטלעכע פונקציעס וועלן אָנשטאָט פּאָלי-

* מאַרטין בובער — שטעגן אין אוטאָפּיע, פון דײַטש י. בירנבוים, בוכגעמיינשאַפט בײַ דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט, 208 זז'.

טישע ווערן פּראָסט און פּשוט אַדמיניסטראַטיווע. דערמיט וואָס דער פּראָלעטאַריאַט וועט פאַרוואַנדלען די מיטלען פון דער פּראָדוקציע אין אייגנטום פון דער מלוכה, וועט ער דערמיט אָפּשאַפן די מלוכה, ווי אַזעלכע און אַגב וועט טאַקע יענץ איבערנעמען אין רשות די מיטלען פון דער פּראָדוקציע „זײַן איינצײַטיק די לעצטע זעלבשטענדיקע טוונג זײַנע ווי אַ שטאַט". נאָך דעם וועט ער פון זיך אַליין „אײַנשלאָפן" אָדער „אָפּשטאַרבן". בובער ציטירט אַ סכאָטאָלאָגישן פּירוש צו „איינצײַטיק": דאָס וועט זײַן „דער ארוים-שפּרונג פון דער מענטשהייט פון די ראַמען פון דער פרײַהייט".

בובער דערמאָנט אונדז אויך, אַז לענין האָט גראָד אין די חדשים פאַר דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, אין זײַן באַהעלטעניש, געשריבן זײַן בוך „די מלוכה און די רעוואָלוציע", וואָס באַשעפּטיקט זיך מיטן פּראָבלעם, ווי די מלוכה וועט פאַרשווינדן נאָך דער רעוואָלוציע. קיין סאָציאַליזם צוזאַמען מיט מלוכה האָט זיך קיינער ניט פאָרגעשטעלט, מאָדנע ווי דאָס זאָל ניט קלינגען אין אונדזערע אויערן איצט, 43 יאָר נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, ווען מענטשן האָבן זיך צוגעוווינט צום פאַקט, וואָס די טאָטאַליסטישסטע מלוכה פון אַלע צײַטן רופט זיך דווקא „סאָציאַליסטישע", און אַנשטאָט צו פאַרשווינדן, זוכט זי זיך ערשט אויסצושפּרייטן אין אַלע דימענ-סיעס איבערן גאַנצן פּלאַנעט, אויב ניט איבערן גאַנצן קאָסמאָס.

2

דאָס בוך בובערס שטאַמט פון דעם מחברס טיפן אומרו פאַר אַ פרײַער, מענטשלעכער, אָרגאַנישער געזעלשאַפט. אין זײַן ארײַנ-פיר דערקלערט בובער, אַז זײַן בוך איז געשאַפן געוואָרן מיט דער כוונה אַרויסצוברענגען די אידייען פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם, דער עיקר זייער פּאָסטולאַט וועגן „באַנײַען די געזעלשאַפט דורכן באַ-נײַען איר גאַנצן קעמערלדיקן געוועב". דער דירעקטער גורם אָנצו-שרײַבן דאָס בוך, זאָגט ער, איז געווען זײַן באַקאַנטשאַפט מיט די ישראַלישע קבוצות, ווי אַ פּרוּוו צו פאַרווירקלעכן די אידיי — „אַ פּרוּוו וועלכער איז ניט דורכגעפאַלן".

בובערס אייגענע באַציִונג צו דער אידייע ווערט אַרויסגעבראַכט אינעם קאַפּיטל „אינעם שטורעם", מיט וועלכן ער שליסט דאָס בוך. ער דריקט דאָרטן אויס אונדזער אַלעמענס געפיל, אַז מיר לעבן זינט עטלעכע צענדליק יאָר, ביי דער התחלה פונעם גרעסטן קריזיס, וואָס איז ביז איצט געווען באַקאַנט פאַרן מענטשלעכן מין. אויף משקולת איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ניט קיין קלענערער ענין ווי די עקסיסטענץ אין אַלגעמיין פונעם מענטש אויף דער וועלט. ער זאָגט אַז אַ קריזיס פון דעם מין קען מען ניט ביַיקומען מיט וועלן אומקערן זיך צו אַ פריִערדיקן פונקט אויפן וועג, נאָר „מיט איַינשטעלן אַ וויטאַלן שלום, וועלכער זאָל צונעמען ביַים פּאָליטישן פּרינציפּ די סוווערעניטעט איבער דעם געזעלשאַפטלעכן פּרינציפּ. און וויסן דאַרף מען, אַז אָט דעם ערשטן ציל קען מען ניט דערגרייכן דורך קיין שום פּאָליטישע אָרגאַניזאַטאָרישע שטיק, נאָר בלויז דורכן שטאַרקן ווילן פון די מענטשן צו עקספּלואַטירן און פאַרוואַלטן בשותפות דעם פּלאַנעט ערד..." אָבער „דאָ גראָד סטראַשעט אַ גרעסערע סכנה ווי אַלע ביז איצטיקע — די סכנה פון אַ גרענעצלאָזן, אומבאַשרענקטן מאַכט-צענטראַליזם, וועלכער זאָל פאַרשלינגען אַלע פריַיע געמיינדעס, יעדע פריַיע געזעלשאַפטלעכקייט. עס האַנדלט זיך בכן וועגן דעם, אַז מען זאָל די ערד ניט איבערענטפערן אין רשות פון פּאָליטישן פּרינציפּ".

פאַרוואַלטן בשותפותדיק איז נאָר מעגלעך, ווען די פאַרוואַלטונג איז אַ סאָציאַליסטישע. אָבער די גורלדיקע פראַגע איז וואָס פאַר אַ מין סאָציאַליזם דאָס זאָל זיַין. סאָציאַליזם, זאָגט מען, איז דער איבערגאַנג פונעם באַזיץ פון דער מאַכט און די פּראָדוקציעמיטלען אין רשות פון דער קאָלעקטיוויטעט. אָבער אויב אונטער קאָלעקטיוויטעט דאַרף מען פאַרשטיין דאָס, וואָס מיר זענען געווינט צו רופן מלוכה — וואָלט זיך באַקומען אַ געמיינדע, וואָס וואָלט געווען אַ ליגן אין פּלאַנעטאַרישן פאַרנעם: אומבאַגרענעצטע מאַכט-אָנזאַמלונג פון איין זיַיט און קיין אמת-שותפותדיקן לעבן פון דער אַנדערער זיַיט.

בובער האַלט זייער ווייניק פון דער אַטאָמיזירטער, ניט געגלידערטער מאַסע, וואָס לאָזט פירן אירע געשעפטן דורך אַן אַזוי

גערופענער פאַרשטייערשאַפט (די מלוכה). בובער זאָגט, אַז די אָרגאַניש־פונקציאָנעלע געזעלשאַפט איז אָרגאַניזירט אויפן יסוד פון פאַרשיידנמיניקע געזעלשאַפטן, וואָס אין יעדער איינער פון זיי פילט זיך די מענטשלעכע פערזאָן. מיטן שאַפן אַ „סאָציאַלע" וועלט פון יחידים, וואָס זענען איינצײַטיק אי אָפּהענגיק און אי אומאָפּהענגיק צווישן זיך, האָט זיך דער מענטש גרונטיק אונטערגעשיידט פון דער חיה: אינסעקטן לעבן טאַקע אויך אין געזעלשאַפטן, אָבער דאָרטן פעלט די אימפּראָוויזאַציע און אַפילו די באַשיידנסטע מאָס פון קעגנזײַטיקער אומאָפּהענגיקייט. עס פעלט די מעגלעכקייט צו באַטראַכטן זיך קעגנזײַטיק ווי „פרײַע" צווישן זיך.

בובער שטעלט צוויי עיקרדיקע באַדינגונגען פאַר אַן עכטער אָרגאַניזאַציע: ערשטנס, דאַרף אין יעדן אָרגאַניזאַציאָנעלן קעמערל זײַן אַ מענטשלעכע, זעלישע באַציִונג צווישן די מיטגלידער; צווייטנס, דאַרפן די אַלע אָרגאַניזאַציע־קעמערלעך זײַן פאַרבונדן צווישן זיך — „אַן אָרגאַניש ציבורדיק קהילה־וועזן... וועט קיין מאָל ניט אַנטשטיין פון יחידים, נאָר פון קליינע און קלענערע געמיינדעס, מחמת אַ פאָלק איז אַ בשותפותדיקע געמיינשאַפט נאָר אויף אַזוי פיל, וויפל ס'אַנטהאַלט אין זיך אַזעלכע געמיינדעס". די געזעלשאַפט דאַרף, ווי לאַנדאַוער לערנט, זײַן „אַן אָרגאַניזם מיט אומצייליקע אָרגאַנען און צווײַגונגען".

דאָס אינטימע, דאָס נשמהדיקע אין געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען, אינטערעסירט אַזוי פיל בובערן, אַז אויף אַן אָרט זאָגט ער, אַז יעדער באַוויַיז פון הילפסגרייטער שכנהשאַפט אין די קאַזאַרמע־דיקע דעפּאַרטאַמענט־הײַזער, יעדע כוואַליע פון וואַרעמער חבר־שאַפט בעת אַ הפסקה אין דער היפּער־ראַציאָנאַליזירטער פאַבריק, באַטײַט אַ שטײַגערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער בשותפותדיקייט פון דער וועלט".

בובער האַלט ניט פון דעסט וועגן, אַז די מלוכה קאָן אָפּגעשאַפט ווערן מיט איין מאָל. ער זאָגט, אַז די מלוכה טרעט אָפּ אויף אַזוי פיל, וויפל עס עקסיסטירן אויסער איר אַנדערע, מענטשלעכע געזעלשאַפטלעכע קעמערלעך, און זי פאַרכאַפּט נײַע שטחים, אויב

די עכטערע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען פֿאַרשווינדן און זיי לאָזן איבער אַ ליידיקייט.

די רעוואָלוציע קען זײַן נייטיק אויף צו דערמעגלעכן גרונטיקע שינויים אין די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען, אָבער מען דאַרף ניט דערוואַרטן פֿון איר קיין ניסים: די רעוואָלוציע איז ניט קיין שעפֿערישער אַקט, נאָר אַן אַקט פֿון געבורט, בעת וועלכן עס קומט אַרויס אויפֿן עוויר-העולם נאָר דאָס, וואָס מענטשן האָבן שוין פֿון פֿריִער געשאַפֿן און צוגעגרייט.

בובער האַלט, אַז אין די קלאָרזעענדיקסטע מאָמענטן האָט דער מענטש זיך אויסגעלערנט צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער רופֿט פּראָגרעס פֿון מענטשלעכן מין, איז ניט קיין גאַנג אויף קיין באַקוועם-אויסגעלייגטן וועג, נאָר ער מוז כּסדר שטעלן זײַנע שריט אויף אַ שמאָלער סטעזשקע צווישן אָפּגרונטן. בובער גלייבט אין די מעשׂים, וואָס זענען געלײַטערט געוואָרן אין דער דערקענטעניש.

טיף סוגערירנדיק און טרייסטפֿול איז דעם מחברס גלויבן אין דער פּעולה פֿון זײַן אייגענעם ווערק — פֿון „דער בילדערישער צייכענונג, וואָס ער האָט אַנגעוואָרפֿן אין גרויסע שטריכן”: ער גלייבט ניט אין מאַרקס „אויסוואָרעמונג” פֿון דער נײַער געשטאַלטיקונג. פּונקט אַזוי גלייבט ער ניט אין באַקונינס פּרוכפּעריקייט פֿון דער טראַכט פֿון דער רעוואָלוציע. אָבער ער גלייבט אין דער „באַגעגעניש צווישן בילד און גורל אין דער פּלאַסטישער שעה”.

סעפּטעמבער 1959

פראַנסיסקאַ פּערער

(1909 — 13טער אָקטאָבער — 1959)

וועגן תלמידי־חכמים זאָגט די גמרא, אַז וואָס עלטער זיי ווערן, ווערט זייער תורה געזעצטער. סענטימענטאַלע מענטשן ווערן מסתּמא סענסיטיווער אויף דער עלטער.

מיר זאָגן דאָס אָקעגן דעם, וואָס מיר קענען זיך נאָך אַלץ ניט באַפרייַען פון אַ שווערן אייַנדרוק, וואָס אונדז איז אָנומלטן איבערגעבליבן פון אַ שמועס אין אַ שטוב — אין אַ ייִדישער שטוב, דאַרף מען צוגעבן.

געווען איז עס אין טעג, ווען דער מענטש האָט אַרייַנגעשאָסן אין דער לבנה אַרייַן זייַן ערשטע קויל, און כרושטשאָוו האָט געגעבן קאָרטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מיר געדענקען ניט ווי אונדזער שמועס מיט אַ יונגן־מאַן איז אַרויף אויף דער דראַמע פון די ייִדישע שרייַבערס אין רוסלאַנד. איינער, וואָס איז, דאַכט זיך, גאַר געזעסן אַ ביסל וויַיטלעך, האָט זיך פּלוצלינג אַרייַנגעמישט:

— איך פאַרשטיי ניט פאַר וואָס איר גיט זיך אַזוי פיל אָפּ מיט אַזאַ קליינעם ענין. נו, האָט זיך געמאַכט אַ טעות! איר זעט דאָך בחוש, אַז אין אַלגעמיין גייט דאָרט אַלץ גוט. והראיה, אָט זעט איר דאָך ווי כרושטשאָוו געפינט זיך איצט.

מיר ווייסן ניט צי די מעשה וועט אייַך ווערן אינטערעסאַנטער, אויב מיר וועלן אייַך דערציילן, אַז אָט דער ייִד, וואָס אַ שוידערלעכער פּאָגראָם איז ביַי אים אַ „קלייניקייט", איז דווקא אַן אַדוואָקאָט, אַ פּראָפעסיאָנאַל פון דער גערעכטיקייט. סיַי־ווי וואָלט די ווילדקייט זייַנע געווען צו גרויס אויף צו מאַכן אַן ערנסטן אייַנדרוק.

ערגער איז געווען אונדזער מיטשמועסער, וואָס האָט דווקא

אַרויסגעוויזן עלעמענטאַרע פּילעוודיקייט. ערשט אַט דער האָט בולטער געמאַכט די פֿאַרשאָלטענע גלײַכגילטיקייט פֿון אונדזער דור צו עוולות וואָס ווערן באַגאַנגען סײַ לגבי יחידים און סײַ לגבי מענטשן־גרופּעס: ער איז אַן „אָפּטימיסט". ער גלייבט, אַז אין דער געשיכטע גייט יעדע עוואָלוציע צום גוטן. די שוואַכערע קומען אום און די בעסערע לעבן אַריבער און דערגרייכן אַ בעסערע וועלט.

אַוודאי האָבן מיר אויף דעם ניט געדאַרפֿט ענטפֿערן גאָרניט. אָבער עמעצער פֿון אונדז אַרום האָט אַליין אַרויסגערעדט ווערטער, אַן אונדזער ווילן. מען ווערט טאַקע עלטער הפּנים:

— אונדז וועט שוין קיין מאָל ניט זײַן מעגלעך צו פֿאַרשטיין דעם אָפּטימיזם, אויף דעם אופֿן ווי דו דריקסט אים אויס. מיר האָבן געקענט צו נאָענט אַ וועלט, וואָס אַט די עוואָלוציע האָט אומגע־בראַכט. עס איז גראָד געווען אונדזער אייגענע וועלט. מיר וועלן קיין מאָל ניט קענען פֿאַרשטיין, אַז די מערדערס זענען געווען בע־סערע, ווי זייערע קרבנות. מעגסט זיך פֿאַרלאָזן אויף אונדז אין אַט דעם פּרט — מיר האָבן די קרבנות גוט געקענט.

מען האָט אונדז ניט געענטפֿערט. די קויל, וואָס האָט געטראָפֿן אין דער לבנה אַרײַן, און כרושטשאָווס גאַסטראָלירן אויפֿן קאָנטי־נענט האָבן די מענטשן, ווײַזט אויס, גוט געשטימט. פֿון זייערע אויגן האָבן מיר אַרויסגעלייענט, אַז זיי האָבן אויפֿריכטיק רחמנות אויף אונדז, וואָס „אונדזער" וועלט איז אונדז אונטערגעגאַנגען.

אײַך, ליבער לייענער, קענען מיר אויסזאָגן דעם סוד, אַז מיר זענען אויך ניט קיין פֿאַרפֿאַלענע פּעסימיסטן און מיר גלייבן, אַז ווען ניט איז וועלן יענע יידן זיך כאַפּן, אַז דווקא „אונדזער" וועלט איז טאַקע „זייערע" אויך — ניט חלילה די וועלט פֿון די מערדערס, פּאָגראָמשטשיקעס און מאַכטהאָלטערס! אָבער ביז יענע צײַט וועט אָנקומען, כּל־זמן מענטשן זענען אַזוי ניט פּילעוודיק צו די פֿאַר־ברעכנס וואָס ווערן באַגאַנגען איבער זייערע נאָענטסטע אַפֿילו — סאַראַ מאָדנעקייט עס דאַרף אויסזען, וואָס אין אַט דער פֿאַרשטיי־נערטער צײַט גייען מיר דערמאָנען אַן עוולה, וואָס איז מיט פֿופֿציק יאָר צוריק באַגאַנגען געוואָרן קעגן איין מענטשן: קעגן פֿראַנסיסקאָ פֿערער.

אין יאָר 1909, איז די דעמאָלטיקע „ציוויליזירטע״ וועלט געווען פּילעוודיקער, נאָך ניט אַזוי פאַרהאַרטעוועט פון צוויי וועלט־מלח־מות, פון משוגענע דיקטאַטורן, פון מאַסן־צעשיסונגען, פון גאַז־קאַמערן. דער באַשײַמפּערלעכער בלבול, וואָס אַ „ציוויליזירטע״ רעגירונג און גאַנץ ערדישע פאַרטרעטערס האָבן אויסגעטראַכט אויף אַ ריינעם, גוטן, באַגאַבטן מענטשן, כדי צו פאַרניכטן איינעם פון די שענסטע לעבנס אין אונדזער יאָרהונדערט, — האָט אויפגעבראַכט די בעסטע מענטשהייט: ווי דער פּראָצעס קעגן די שיקאַגער אַנאַרכיסטן אין די אַכציקער יאָרן, ווי דער דרײַפוס־פּראָצעס בײַם סוף נײַנצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווי דער פּראָצעס קעגן סאַקאָ און וואַנזעטין אין די צוואַנציקער יאָרן. הגם מיר האַלטן, אַז דער אויפברויז איז מסתמא געווען מער אַ שטחדי־קער ווי אַ טיפער. מיר גלייבן, אַז אויב דער אויפברויז קעגן יענער עוולה וואָלט געווען רעאַלער און מעכטיקער, וואָלט מען ניט נאָר געהאַט שאַנסן אָפּצושטעלן די האַנט פון דעם מערדער, נאָר מען וואָלט אויך אפשר באַוויזן אויסצומײַדן די ערשטע וועלט־מלחמה און אירע פאָלגן. פערערס מאָרד איז געווען איינער פון די פּרוּוון פון דער וועלטס גרייטקייט צו אײַנשטעלן זיך פאַר יושר, און ער איז געווען דער אָנזאָג פון נאָענטער שטראָף. אָט ווי די מאַרטירער־שאַפט פון דעם סדומישן באַרעמהאַרציקן מיידל איז געווען דער נסיון און דער אָנזאָג פון סדומס חורבן. פאַר קיין זאַך באַצאָלט דער מענטש ניט אַזוי טײַער, ווי פאַר אַכזריותדיקער גלײַכגילטי־קייט צו עוולה, ווי פאַר פּחדנותדיקן ניט שטערן דעם רוצח.

די רעגירערס און די קלעריקאַלן האָבן גוט אָפּגעזוכט זייער קרבן: פערער איז געווען אַ גאַנצער מענטש, וואָס צווישן זײַן געדאַנק און זײַן טאַט זענען ניט געווען קיין סתירות. ער האָט געהאַט אַ מעכטיקן ווילן, וואָס איז געווען אַזוי געזונט, אַז ער גופא האָט אים מסתמא ניט געפילט, פּונקט ווי מען פילט ניט קיין געזונטן פינגער. ער האָט דרײַ־פערטל פון זײַן פופציק־יעריקן לעבן געזוכט און געגרייט זיך צו זײַן שליחות, און ווען ער האָט אַנטדעקט זײַן מיסיע, האָט ער זיך אָפּגעגעבן צו איר אָן קיין שום רעזערוואַציעס. ער האָט יעדע מינוט, זינט דעמאָלט, געלעבט פאַר זײַן ראַציאָנאַלער

שול. ער האָט ניט געהאַט קיין זכר פֿון קיין קרבן־קאָמפּלעקס: ער האָט געקעמפֿט מיט זײַן גאַנצער אומאויסשעפּלעכער ענערגיע פֿאַר זײַן לעבן און ער האָט דערוואַרט צו זיגן קעגן דער פֿאַרשווערונג פֿון דער רעאַקציע און אומצוקערן זיך צוריק צו זײַן אַרבעט פֿאַר דער קינדהייט. ביז די לעצטע טעג פֿאַר זײַן פֿאַרמשפּטונג האָט ער אָנגעהאַלטן זײַן קאָרעספּאָנדענץ אין שײַכות מיט זײַן שול: געזוכט ביכער, זשורנאַלן. אָבער ווען דער אומדערוואַרטער פּסק־דין איז געקומען, האָט זיך פֿערער געהאַלטן רויִק, ווי אַ פֿאַרצײַטיקער סטאָיִ־קער. אין לעצטן מאָמענט האָט ער ניט געלאָזט, אַז מען זאָל אים פֿאַרבינדן די אויגן און געבעטן די סאָלדאַטן צו צילן גוט. ער איז געשטאָרבן מיטן געשריי: „וויוואַ לאַ עסקועלאַ מאָדערנאַ!" די וועלט האָט געמעגט זײַן צופֿרידן מיט איר קרבן!

ווייניקער גליקלעך איז געווען די רעאַקציע: די שול־באַוועגונג, וואָס זי האָט געזוכט צו דערשטיקן צוזאַמען מיט איר באַשאַפֿער, האָט נאָך פֿערערס טויט זיך ערשט פֿונאַנדערגעוואַקסן און זיך אויסגעשפּרייט איבער אַלע פֿרײַע לענדער. פֿערערס אויסגעשריי „זאָל לעבן די מאָדערנע שול!" איז ערשט פֿאַרהילכט געוואָרן פֿון די דונערן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין די צוואַנציקער יאָרן האָט ווידער אויפֿגעלעבט אַ פּעדאַגאָגישע באַוועגונג, אין וועל־כער עס איז געווען קענטיק פֿערערס אײַנפֿלוס. די אויסשפּרייטונג פֿון די דיקטאַטורן אין די דרײַסיקער יאָרן און די צווייטע וועלט־מלחמה האָבן אָפּגעשוואַכט די הערלעכע אײַנפֿלוסן, וואָס פֿערער האָט מיט אַ מעכטיקן פֿאַרנעם געגעבן דער דערציִונג. איצט הערט מען זעלטן ריידן וועגן דעם רעכט פֿונעם קינד, וועגן דרך־ארץ פֿאַרן קינדס פּערזענלעכקייט, דעם קינדס כאַראַקטער און זײַן קריטישן חוש, מכּוח רעספּעקטירן זײַנע נייגונגען. עס איז אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים דער אַלטער שפּאַנישער רעאַקציאָנער, וואָס פֿערער דערציילט וועגן אים, אַז ער האָט געזאָגט: „שפּאַניע נייטיקט זיך ניט אין קיין געבילדעטע אַרבעטערס, מיר דאַרפֿן ניט מער ווי אַר־בעט־חיות!" דער חילוק איז נאָר, וואָס די הײַנטיקע רעאַקציאָנערן דאַרפֿן דווקא עפּעס אַ „געבילדעטע" אַרבעט־חיה, וואָס זאָל טויגן פֿאַר טעכניקערס פֿון דער שווערער אינדוסטריע, פֿאַר אינזשענירן

פון ראַקעטן, אַטאָם-באָמבעס אאַז״וו. פערער האָט מיט ביטערניש פאַרויסגעזען אַט די נײַע פאָרעם פון די אַלטע הערשערישע אידייען מכּוח דער דערציִונג פון דער יוגנט, און ער האָט דעריבער גע־וואָרנט מיטן גאַנצן כּוח קעגן דעם איבערלאָזן די דערציִונג אין די הענט פון די רעגירונגען.

די וואָס ריידן וועגן דער מכלומרשטער פאַרעלטערטקייט פון פערערס פעדאַגאָגיע, ריידן אין גאַנצן ניט צו דער זאַך: בעת פערער האָט אָנגעהויבן זײַן גורלדיקע טעטיקייט, האָט ער גוט געוווּסט אַז עס איז נאָך אין זײַן צײַט ניט געווען אַזאַ וויסנשאַפטלעכע פע־דאַגאָגיע, וואָס זאָל פּאַסן צו דעם וואָס ער האָט פאַרלאַנגט פון דער דערציִונג. ער האָט געזאָגט, אַז אויב ער וועט וואַרטן אויף דער פעדאַגאָגיע, וועט ער זײַן אַרבעט קיין מאָל ניט אָנהייבן, אָבער די פעדאַגאָגיע וועט אויסוואַקסן צוזאַמען מיט דער אַרבעט.

פערער האָט אָבער געהאַט קלאָרע אידייען וועגן דעם וואָס ער וויל אַרויסקריגן פון דער שול, און אַט די גרונט-אידייען זענען אייביקע און אומפאַרענדערלעכע, ווי דאָס מענטשיקע שטרעבן צו פרײַהייט, צו יושר און צו שיינקייט, וואָס האָבן יענע גרונט-אידייען אינספּירירט.

פערער רעדט אויף אַן אָרט אין זײַן בוך „די מאָדערנע שול״, אַז פעסטאַלאָצי האָט פאַרלאַנגט אַז דער לערער זאָל לעבן פאַרן קינד. פערערן איז אָבער בעסער געפעלן עלען קעיס פאַרלאַנג, אַז דאָס קינד זאָל לעבן פאַר זיך גופא. ער זאָגט, אַז אים געפעלט בעסער דער נאַטורמענטש, וואָס האָט ניט געקריגן קיין שום בילדונג, איידער דער מענטש, וואָס איז פאַרקריפּלט געוואָרן פון דער ביכער־דערציִונג.

פערער זאָגט, אַז ער איז זיכער, אַז אין דער צוקונפט וועט די דערציִונג זײַן אַ פרײַוויליקע, אַ נאַטירלעכע. איצט קאָנען מיר זי נאָך ניט פאַרווירקלעכן, אָבער די עוואָלוציע פון די מעטאָדן, וועלכע וועט וואָס ווײַטער, ברענגען אַלץ אַ ברייטערע פאַרשטענדעניש פאַר די דערשײַנונגען פון לעבן, וועט דאָס דערמעגלעכן.

פערער פאַרשטייט אָבער, אַז די וואָס באַלעבאַטעווען איצט איבערן שולוועזן, קענען קיין מאָל ניט האָבן קיין אַנדערע אידעאַלן,

ווי „אויסצובילדן אַזעלכע וועזנס, וואָס זאָלן אָננעמען אַלע קאָנווענ־ציאָנאַליזמען, אַלע פאָראורטיילן, אַלע ליגנס אויף וועלכע די געזעל־שאַפט איז באַזירט“.

עס זענען פאַראַן אַזעלכע כלומרשטע אָנהענגערס פערערס, וואָס שטיצן אָבער אין דער זעלביקער צײַט דעם מלוכישן מאָנאָפּאָל איבער דער דערציִונג. קיין גרעסערע סתירה, ווי אָט די, איז שווער זיך פאָרצושטעלן — פערער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין איין שריפטלעכן דאָקומענט פון אַזאַ קראַפט, ווי די אַרבעט וואָס איז אַרײַן ווי דער נײַנטער קאַפּיטל אין זײַן ציטירטן בוך. און אָט די אַרבעט איז דורכוים געצילט צו באַקעמפן די מלוכישע אינטער־ווענץ אין דער דערציִונג.

לאָמיר טאָקע פון יענער אַרבעט פערערס ציטירן אַ זאַץ, וואָס דריקט אויס וואָס פאַר אַ מענטשן ער וויל אַרויסקריגן פון דער שול און דריקט אויס צו דער זעלביקער צײַט זײַן טיפע איבערצײַגונג, אַז קיין שום מלוכה וועט ניט וועלן האָבן אַזאַ דערציִונג:

„מיר האָבן קיין מורא ניט אַרויסצוזאָגן אָפן: מיר ווילן אַזעלכע מענטשן, וואָס זאָלן זײַן פעיִק כסדר זיך צו אַנטוויקלען, וואָס זאָלן זײַן פעיִק צו צעשטערן און צו באַנײַען אומאויפהערלעך זייער קרײַז און זיך אַליין באַנײַען. מיר ווילן מענטשן, וואָס זייער אינטעלעקטו־עלע אומאָפּהענגיקייט זאָל זײַן די גרעסטע קראַפט, וועלכע וועלן ניט זײַן צוגעבונדן צו קיין זאַך, נאָר תמיד גרייט אָנצונעמען דאָס וואָס איז בעסער; מיר ווילן מענטשן, וועלכע זאָלן זײַן גליקלעך פון דעם נצחון פון נײַע אידייען, מענטשן וואָס שטרעבן צו לעבן אַ סך לעבנס אין איין לעבן. די הײַנטיקע געזעלשאַפט ציטערט פאַר אַזעלכע מענטשן. מיר קענען דעריבער נישט האָפן, אַז זי וועט ווען עס איז וועלן האָבן אַזאַ דערציִונג, וואָס זאָל זײַן פעיִק אונדז צו געבן אַזעל־כע מענטשן“.

אַנסעלמאָ לאָרענסאָ, פערערס נאָענטסטער מיטאַרבעטער, רע־זומירט וווּנדערלעך דעם גרויסן מאַרטירערס געדאַנקען וועגן דער מלוכה און דער דערציִונג:

„ניט דאָ און ניט אין קיין לאַנד אויף דער וועלט וועט די מלוכה ניט געבן קיין ראַציאָנעלע דערציִונג — די מלוכה קען ניט שטרעבן דערצו, אַז 'יעדער מוח זאָל באַוועגן אַ ווילן', וואָרעם זי וויל פאַר־אייביקן די טעותים פון איטלעכער עפּאָכע און די אינטערעסן פון די פּרעמדע קאַסטן אָדער קלאַסן. דעריבער קנעט זי אויס די מוחות אין דער אמונה און אין דער געהאָרכזאַמקייט".

ניטאָ קיין ספק — די מלוכה, וואָס האָט דערמאָרדעט פראַנ־סיסקאָ פערערן, האָט עס געטון אין שליחות פון אַלע מלוכות פון אַלע צײַטן!

אָקטאָבער 1959

„פּיתום ורעמססן אין דער פּאַרשפּריטקייט"

מסתמא האָט זיך ניט איינער פון אונדז, מיט טיפן ווייטיק, דערטראַכט דערצו, אַז אונדזער יידישער דור איז אפשר דער לעצטער פּאַרטייען־דור ווער ווייסט אויף וויפל צייט: בלויז שפּעריִשע תקופות צייכענען זיך אוים מיט דיפערענצירטע אידייען־שטרעמונגען. אין גייסטיק איינגעשלאָפענע סביבות קען בלויז געדייען דער סוראָגאַט פון די אידיייִשע דיסקוסיעס — די פּערזענלעכע רייסערייען.

איינע פון די שפּעריִשסטע תקופות אין דער יידישער געשיכטע, וואָס פון איר איז דערגאַנגען צו אונדז אַ שפע פון ליטעראַרישע דאָקומענטן, איז זיכער די צייט פאַרן חורבן בית־שני. ווייסן מיר אַלע וואָס פאַר אַ רייכע גאַמע פון מחלוקת לשם שמים עס האָט אויסגעצייכנט יענע עפּאָכע.

אויך אונדזער תקופה, די פון דריטן חורבן, צייכנט זיך אוים מיט איר אומגעוויינטלעכער גייסטיקער דיפערענציאַציע. און מיר גלייבן: ווען עס איז וועט דאָך די צייט איינשטילן די אַלע נישטיקע פויקן־ און טאַצן־קלאַפּערס, וואָס איטלעכער פון זיי פּאַרטויבט די לופט מער ווי טויזנטער קערנדיקערע מענטשן. די צייט וועט דאָך אָפּווישן די בימעס צוזאַמען מיט די אַלע אָרעמע עקסהיביציאָניסטן וואָס רייסן איצט די אויגן אויף אַלע מערק און סטראַטעגישע שיידוועגן. די טעמפּע עבודה־זרה־דינערס מיט זייערע פאַלשע נביאים וועלן, צוזאַמען מיט זייערע קלענערע און גרעסערע אָפּגעטער, פּאַרטראָגן ווערן אויפן געשיכטלעכן מיסטקאַסטן, ווו די סטאַלינס, מוסאָלינים אאַז"וו וועלן פוילן צוזאַמען מיט די סנחריבס, נבוכדנצרס, אַטילאַס, טשינגגים־כאַנס... דעמאָלט, ווען די געשיכטלעכע ווינטן

וועלן פאַרטראָגן די מעקענע און בלויז די פולע ברכהדיקע קערנער וועלן בלייַבן — וועט קלאָר ווערן, אַז אויך אונדזער איצטיקע ייִדי־שע תקופה געהערט אָן ספק צו די גרעסטע און שעפערישסטע אין אונדזער געשיכטע.

וואָס שייַך אונדזער נאָכקומענדיקן דור, האָבן מיר שוין אויך קיינער ניט קיין גרויסע אילוזיעס אין דעם פרט פון שאַרפערער אידייִשער דיפערענציאַציע. וויפל מיר זאָלן ניט זייַן גרייט אָראָפּ־צורעכענען פון אונדזער פעסימיזם דעם „נאָרמאַלן" אומצוטרוי פון עלטערן דור צו די „הייַנטיקע דורות", וויפל מיר זאָלן, פאַרקערט, ניט וועלן זייַן ווייך צו די „קינדער" — וועט מען דעם פאַקט ניט פאַרטושן. אַוודאי ענדיקט זיך ניט די געשיכטע מיט אונדז. עס וועלן ייִדן זיכער ניט אויספעלן קיין פאַטריאָטן, קיין שאַרפע קעפּ־לעך, קיין געלערנטע, קיין טעכניקערס, קיין דיפּלאָמאַטן און גענע־רעלער. אָבער עס בלייַבט דערוויַיל אַ פאַרהוילענער סוד וויפל דורות עס וועלן אַריבער, איידער עס וועלן זיך איבער אַ נייַם באַווייַזן אַ שלום עליכם און אַ לייוויק, אַ דובנאָוו און אַ אחד־העם, אַ זשיט־לאָווסקי און אַ יצחק־נחמן שטיינבערג... און נייַע יונגע־לייַט, וואָס זייערע אויגן וועלן דערטאַפּן פאַר אַ מייַל די ווייַט אַ קליינעם אָפּ־נייג אין אַ קוצו־של־יוד פון אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם.

אָט דאָס אַלץ איז אונדז שוין געווען באַוווּסט, אָבער, פון דעסט וועגן, אַז מיר האָבן אין שטריגלערס בוך* געלייענט דעם קאַפּיטל „דאָס היסטאָרישע ייִדנטום ערב אַ נייַעם נוסח", ווו אָט די טעמע ווערט אַנאַליזירט — האָבן מיר געשפּירט אַ נייַעם טעם. שטריגלער האָט זייַן אופן ווי צו אַנאַליזירן און ווי אויסצומאָלן פאַר אונדז דאָס פּראָבלעם. די מסקנות צו וועלכע ער קומט, זענען אינטערע־סאַנט און וויכטיק. דער מחבר פון דער עסיי וואָלט פאַראינטערי־גירט אַפילו אין בעסערע צייַטן פאַר דער ייִדישער פּובליציסטיק. אָפּגערעדט איצט, ווען דער מין האָט זיך אין אונדזער ליטעראַטור און אין אונדזער פּרעסע אַזוי גוט ווי אויסגעלאָזט. עס איז פאַראַן

---

* מ. שטריגלער — שמועסן מיט דער צייַט, באַנד איינס, פאַרלאַג „קיום", בוענאָס־אײַרעס 1959.

וואָס צו רעדן וועגן שטריגלערס עסייען און מען דאַרף וועגן זיי רעדן. אָבער דאָס מאָל וועלן מיר זיך אָפּשטעלן נאָר אויף איין פּונקט פון דעם ערשטן עסיי. עמעצן וועט זיך קענען אויסווייַזן אַפילו, אַז מיר האָבן אויסגעזוכט מיט ליכט אין אַ, קיין עין־הרע, גאַנץ לאַנגן עסיי איין זאַץ, ווו מען קען פּאָלעמיזירן מיטן מחבר. אָבער דער ענין איז פאַר אונדז אַ סך וויכטיקער, ווי עס זעט אויס אויבנאויפיק — דער זאַץ, ווו מיר זענען מחולק מיט שטריגלערן, זעט אונדז אויס צו זייַן דער „קליינער לאָך" אויפן דעק, וואָס שטעלט אין סכנה די גרויסע שיף, וואָס שטריגלער גופא זוכט מיט אַזוי פיל מי צו פאַרהיטן.

כדי מען זאָל ריכטיק אָפּשאַצן די סתירה און די סכנה וואָס שטעקט אין יענעם קליינעם זאַץ, וועלן מיר דאַרפן ברענגען דווקא אַ גרעסערן ציטאַט (קאַפּיטל י"ב, ז' 48):

„אָבער באַלד לכתחילה טאָרן מיר ניט מאַכן דעם אַלטן טעות: מיר האָבן אָפט מאָל מורא איבערצושרעקן דעם נייַעם דור און במילא ווילן מיר אים איבערגעבן וואָס ווייניקער. זאָל ער מיינען, אַז ייִדיש־קייט איז אַ לייַכטער ענין און צולייגן אַן אויער צו אונדזער געבעט. דאָ ליגט אפשר די הויפּט־סיבה פאַר אַ סך מפּלות אונדזערע. מיט לייַכטער וואָג קען מען קיין ווייַטערדיקע יאָרהונדערטער ניט דער־האַלטן בייַם לעבן. גיכער דאַרף מען פאַר זיי אָנגרייטן וואָס מער, בכדי זיי זאָלן האָבן וואָס צו פאַרלירן אויפן ווייַטערדיקן וועג און דאָך ניט בלייַבן אָדם־נאַקעט. — — —

מיינט אַזאַ אידייע „גלותיזם"? די וואָס לעבן אַליין אין גלות און וועלן אים קיין מאָל ניט פאַרלאָזן — האָבן אָפט ליב צו געבן זייער ציוניזם די געהעריקע סאַטיספאַקציע. זיי נעמען אָן דעם עקסטרעם־ציוניסטישן „דיאַגנאָז", הגם זיי טראַכטן ניט פון זייַנע פּראַקטישע אויספירן. אויב זיי קענען ניט פאַרווירקלעכן זייערע מסקנות — זאָל כאָטש די „טעאָריע" בלייַבן גערעכט ביז צום לעצטן פּינטל. בין איך זיך מודה ומתוודה, אַז וויפל כ'זאָל זיך ניט האָבן אָנגעשטרענגט — האָב איך אַזאַ גאַנג עד־היום ניט געקענט משיג זייַן. אָבער דאָ גייט ניט אין קיין אַבסטראַקטע וויכוחים. זינט חורבן־אייראָפּע געהער

איך גופא צו די, וואָס האָבן צענדליקער מאָל פּראָטעסטירט קעגן בויען יידישע פּיתום ורעמסםן אין דער צעשפּרייטקייט, אָבער דאָס מיינט באַין אופן ניט, אַז מען דאַרף לאָזן אויף הפקר יענע מיליאָנען לעבע־דיקע יידן וואָס האָבן דערוויַיל ניט בדעה צו רעאַליזירן די שאַרף־ציוניסטישע פאָדערונגען. נאָך מער טאָר מען עס ניט אַרויסוויַיזן כלפּי די פאַרשטויבטע אָבער ליכטיקע פּיראַמידן פון יידיש־גאָדאַנקלעכן פאַרמעגן. פונעם אידייִשן ציוניזם, ביז צום טיילוויַיזן זעלבסטמאָרד אין זיַין נאָמען, איז אַ וויַיטער מהלך".

זאָגן מיר, אַז צווישן שטריגלערס באַהויפּטונג אַז „מיט לייַכטער וואָג קען מען קיין וויַיטערדיקע יאָרהונדערטער ניט דערהאַלטן ביַים לעבן" און זיַין „פּראָטעסטירן קעגן בויען יידישע פּיתום ורעמסםן אין דער צעשפּרייטקייט" — איז פאַראַן אַזאַ סתירה, וואָס מען וואָלט ניט געקענט פאַרלייגן מיטן גאַנצן ליים און אַלע ציגל, וואָס מען האָט פאַרנוצט אויף צו בויען פּיתום מיט רעמסס. און נאָך זאָגן מיר, אַז זיַין „פּראָטעסט קעגן בויען יידישע פּיתום ורעמסםן אין דער צעשפּרייטקייט" איז אַ סך אַ גרעסערע קאָנצעסיע ווי אַ שמעק־טאַבעק פאַרן אשמדאי. אָט די „פּראָטעסטן" און... שטערונגען צו „בויען פּיתום ורעמסםן אין דער צעשפּרייטקייט" זענען זייער רע־אַלע, זייער ממשותדיקע וווּנדן אין אונדזער קערפּער, דורך וועלכע מיר גייען אָפּ ממש מיט בלוט.

מיר ווייסן ניט צי מיר דאַרפן דערציילן שטריגלערן וויפל קאָש־מאַרן אַ יידישן טוער אין דער „צעשפּרייטקייט" קומט אוים איבער־צולעבן מחמת אָט דער קרענקלעכער (ניט אַלע מאָל קרענקלעכער!) שנאה צו די „פּיתום ורעמסםן אין דער צעשפּרייטקייט". שוין פון די זאָצן זיַינע, וואָס מיר האָבן ציטירט, זעט מען אַז ער האָט דאָס פּראָבלעם זייער גוט באַנומען.

— אָבער ניט שוין זאָל עס טאַקע זיַין מעגלעך, אַז שטריגלער האָט זיך נאָך ניט דערטראַכט, אַז ביַים חורבן־אייראָפּע האָבן מיר פאַרלוירן נפשות, אָבער די „יידישע פּיתום ורעמסםן" האָבן מיר דווקא אפשר גאָרניט פאַרלאָרן — איז דען טאַקע חרוב געוואָרן מיר און ראַדין און דער ייוואָ? נו, און סורא מיט פּומפּדיתא לעבן

דען ניט? און קאָרדאָבאַ און סעווילי־? ציטירט זיי דען שטריגלער ניט?

מילא, מיר קענען טאַקע פאַרשטיין שטריגלערס (און אונדזער אייגענעם) וויטיק פאַר די ציגל און האָלץ פון מיר און ראַדין — אָבער אויב מיט ציגל און האָלץ קען מען ראַטעווען טײַערע נפשות און נאָך טײַערערע נשמות, איז וואָס איז דאָ שײַך צו ציטערן פאַר די פּיתום־ורעמססן?

מיר זאָגן דעם אמת, אַז מיר פאַרשטייען נאָך געוויסע „ציוניסטן", וואָס שרעקן מיט פּיתום־ורעמססן אין גלות, מחמת זיי ווילן זיך איבער הויפּט באַפרײַען פון אַ שווערער ירושה — צאָלן איין אויסלייזגעלט פאַר „איזראַעל" און... פּטור. אין גלות איז סײַ־ווי „אַלץ אַרויסגעוואָרפן", הגם זיי אַליין בלײַבן טאַקע אין „גלות". מיר פאַרשטייען אויך געוויסע „פּראַקטישע" שליחים, וואָס שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר קיין שום מיטל אויף מבטל צו זײַן קאָנקורענץ — „וואָס וועט איר אַרײַנבראָקן געלט אין גלות"?

בײַ שטריגלערן איז אונדז נאָך אָט דער פּונקט ניט אויפגעקלערט.

נאָוועמבער 1959

אַ יום־טוב אין „דאָס פרײַע וואָרט“

מיר יאַדען זיך אַזוי אָפט פאַר אונדזערע טעותים און דורכפאַלן, אַז מיר מעגן זיך פאַרגינען דאָס מאָל אַ קניפּ טאָן אין בעקל פאַר אַ בפירושן אופטו: די 50 נומערן „דאָס פרײַע וואָרט“, וואָס זענען דערשינען אין משך פון די 50 חדשים זינט די חברים האָבן, נאָך פּעראַנס מפּלה, אָנגעהויבן די דריטע עפּאָכע פון אונדזער חודשניק, אַטעסטירן עפּעס לטובת אונדזער קליינער און געטרײַער משפּחה.

בעת מיר ריידן פון דרײַ עפּאָכעס „דאָס פרײַע וואָרט“, לאָזן מיר אויס אַ ווײַטן אַנטעצעדענט: אַ חודשניק א״נ „דאָס פרײַע וואָרט“, וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1920—1921 אין דער קאָ־לאָניע מאָנטעפּיאָרע. די אַרויסגעבערס זענען געווען ערדאַרבעטערס און, פאַר קאָסטשע, האָבן זיי געשיקט אַ שליח אין שטאָט אַרײַן צו פועלן, אַז מען זאָל איבערנעמען בײַ זיי די צײַטונג ביז איבער שניטסעזאָן. די אַרבעט איז גראָד אַרויפגעפאַלן אויפן שרײַבער פון די שורות, וואָס האָט די צײַטונג רעדאַקטירט פאַר די חדשים יאַנואַר און פעברואַר 1921. דער נאָטיץ אין צײַטונג, אַז די קאָלאָ־ניסטישע רעדאַקטאָרן זעגענען זיך מיט די לייענערס ביז איבער דער קאָסעטשע, האָט אַרויסגערופן התפּעלות בײַם דעמאָלטיקן רעדאַקטאָר פון לאָנדאָנער „אַרבעטער פרײַנד“, ד״ר י. מ. זאַלקינד. הײַנט „פאַרשטייען“ מיר שוין אַלע יענע התפּעלות!

נאָך געדענקען מיר, אַז די טויזנט עקזעמפּלאַרן פון יענער צײַטונג פלעגן אין אַ צוויי־דרײַ טאָג „ניט ווערן“, אָן אַ ברעקל אָנ־שטרענגונג פון אונדזער זײַט. בועתּאָס־אײַרעס האָט דעמאָלט אפשר ניט געהאַט קיין פינפטל פון איר איצטיקער ייִדישער באַפעלקערונג, אָבער מען איז געווען יונג און דאָרשטיק נאָך אידייען און חלום.

פון דעסט וועגן, האָט מען אונדז שוין דעמאָלט ניט געדאַרפט מקנא זײַן: אונדזער דולציניע איז שוין געווען שטאַרק פאַרשאָטנט! דער עקזעמפלאַר פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין אונדזערע הענט אין 1919טן יאָר, האָט אונדז אַרײַנגעוואָרפן אין אַ פינצטערן און דויערדיקן קאָשמאַר. עס איז אונדז שוין ניט פאַרבליבן קיין ספק, אַז די רוסישע רעוואָלוציע איז גרינטלעך דורכגעפאַלן, און זייער ווייניק אַפילו פון די שפּעטערדיקע ערגסטע געשעענישן אין יענעם לאַנד האָבן אונדז שוין באַוויזן צו איבערראַשן. אין דעם יאַנואַר-נומער פון יענעם „פרײַען וואָרט” האָבן מיר געדרוקט קראָפּאָטקינס „בריוו צו די מערב-אייראָפּעיִשע אַרבעטערס” (שכנא רעזניק האָט עס פאַר אונדז איבערגעזעצט). שוין פריִער האָבן מיר אַרויסגעגעבן אין אַ בראָשור ראָקערס „ראַטן-סיסטעם אָדער דיקטאַטור”. מיר האָבן ניט נאָר געזוכט אויפצוקלערן פאַר די מאַסן דעם אמת וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, נאָר מיר האָבן דערמיט אויך געוואָלט אימוניזירן די מאַסן קעגן די רעזולטאַטן פון דער אַנטווישונג אין דער רוסישער רעוואָלוציע. ווײ, אונדז איז דעמאָלט ניט אײַנגעפאַלן די נאָך ביטערערע וואָר, אַז עס וועט נעמען זייער לאַנג ביז די מאַסן וועלן דערזען דעם אמת. מיר האָבן דעמאָלט אויך ניט געקלערט אַוודאי, אַז צו די „איראַציאָנעלע מאַסן” געהערן ניט נאָר די אַזוי גערופענע ווייניקער באַווּסטזיניקע און אומגעבילדעטע אַרבעטערס, נאָר אַז, למשל, אַ גאַנצע פלעיאַדע ייִדישע אינטעליגענץ, מיט לייוויקן און זשיטלאָווסקין בראש, וועלן נאָך מיטלויפן מיטן איקוף אַזוי ווײַט ווי אין 1938: שוין העט-העט נאָך קראָנשטאַט, נאָך די מאָסקווער פּראָצעסן, נאָך די מאָסקווער אומווירדיקייטן אין שפּאַניע, נאָך די שוין דעמאָלט בולטע סימנים פון אַנטיסעמיטיזם איז די סאָוועטישע הויכע פענצטער! אַז זשיטלאָווסקי — דער בעל-שכל — וועט ניט האַנדלען געגנוג ראַציאָנעל צו „אַנטווישן זיך” אַפילו שוין נאָך דעם סטאַלין-היטלער אָפּמאַך!

אָבער שוין דאָס, וואָס מיר האָבן געזען אין 1920, איז געווען געגנוג שלעכט. אָט האָט די פאַרזאַמלונג מיטן קאָלאָניסטישן חבר פון „דאָס פרײַע וואָרט” געדאַרפט אָפּגעהאַלטן ווערן אין דער פינצ-

טער אין מיטן פּאַרק סענטענאַריאָ — דער גוטער חבר אולאַנאָווסקי האָט זיך שוין אָפּגעזאָגט צו געבן זײַן דירה צו אַזעלכע „קאָנטראַ-רעוואָלוציאָנערן", ווי מיר זענען. מיר קענען ניט פאַרגעסן דאָס ציטערניש, וואָס חבר אולאַנאָווסקי האָט געציטערט מיט זײַן גאַנצן גוף, בעת ער האָט געהערט, ווי מיר קריטיקירן „לענינען מיט טראָצקין".

פון דעם, וואָס מיר דערציילן, קענט איר שוין אַגב אָפּלערנען אין וואָס פאַר אַ לעגאַלן קלימאַט מיר האָבן דעמאָלט געלעבט אין בוענאָס-אײַרעס. עס איז שוין געווען נאָך דער „טראַגישער וואָך" און נאָך דער מאַסן-פּאַרשיקונג אויפן אינדזל מאַרטין גאַרסיאַ, און עס איז שוין געווען נאָך דעם ווי מיר האָבן געלערנט אַ מאָדנע לעקציע: די אַלע אולטראַ-רעוואָלוציאָנערע חברים, וואָס פלעגן אונדז אַזוי ביטער קריטיקירן פאַר אונדזער „געלקייט", האָבן אונדז אי-בערגעלאָזט דאָס גאַנצע פעלד.

יאָ, אין אונדזער ראַזער שוימיקער יוגנט איז שוין געווען אַרײַנ-געטאָן אַ סך סם. אפשר איז דאָס געווען אַ גוטער וואַקצין קעגן פאַרפאַלענעם יאוש אין די רײַפערע יאָרן, אָבער דעמאָלט האָט אונדז די ביטערניש צוגענומען די אמונה אין דער עקסטענסיווער אַרבעט, אין דער אַרבעט פאַר די מאַסן. אונדז האָט מער געלאָקט דער פערזענלעכער, כסדרדיקער קאָנטאַקט מיט באַגרענעצטע צאָלן מענטשן. דערפאַר איז אונדז, מער ווי שרײַבן, ליבער געווען דאָס פאַרשלאָגן מענטשן אַ צײַטונג, אַ בראָשור, אַ בוך: אונדז האָט דאָס געגעבן אַ געלעגנהייט צו ריידן דירעקט, צו קאָנטראָלירן די וויר-קונג פון אונדזערע רייד און פון דעם לערנען, צו פאַרריכטן עפּעס.

אין 30 יאָר אַרום נאָך דער צײַט, וואָס מיר ריידן וועגן איר, האָט אונדז ד"ר י. נ. שטיינבערג, בעת ער איז געווען אויף אַ באַזוך אין בוענאָס-אײַרעס, פאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר, כדי דורכצושמועסן זיך. מיטן שפּאַציר האָט ער, ווי עס ווײַזט אויס, געוואָלט באַזונדערס אונ-טערשטרײַכן די באַדײַטונג פונעם שמועס — דאָס גיין איז דעם קראַנקן שטיינבערג אויסגעפאַלן שווער. דער תמצית פון זײַנע דעמאָלטיקע רייד איז געווען, אַז דער סאָציאַליזם איז אַרײַן אין אַ טעמפּן ווינקל און אַז ער האָט פאַרלאָרן אומעטום די איניציאַטיוו.

די תרופה איז איבער אַ נײַעם אָנצוהייבן „גיין אין פֿאָלק", באַהאַנדלען איטלעכן מענטשן באַזונדער, זיך אידענטיפֿיצירן מיט זײַן לעבן, אים אַרויסווײַזן גײַסטיקע און מאָראַלישע הילף און ריידן מיט יע־דערן באַזונדער. אין אַט די טעג, ווען דער וועלט־סאָציאַליזם איז אַזוי צעטומלט און צעמישט ווי קיין מאָל, וואָלט אַוודאי כּדאַי געווען צו פֿאַרטראַכטן זיך וועגן שטיינבערגס עצה.

אפֿשר זענען מיר אַ ביסל אַראָפּ פֿון אַ זײַט. סײַ־ווי, מיר האָבן אַ סך צײַט: פֿון דעם ווײַטן, יוגנטלעכן אָנטעצעדענט פֿונעם „פֿרײַען וואָרט" ביז צו זײַן „ערשטער עפּאָכע", וואָס הייבט זיך אָן אין פֿעברואַר 1936, זענען אַוועק אַ סך יאָרן. חברים האָבן אין משך פֿון דער צײַט אַרויסגעגעבן עטלעכע צײַטונגען. באַזונדער וואָלט געווען אינטערעסאַנט, ווען אַ חבר, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט דער „פֿרײַהייטס־שטימע", זאָל שרײַבן וועגן יענער צײַטונג, וועל־כע איז אַרויס עטלעכע יאָר נאָך אַנאַנד.

די איניציאַטיוו צו באַנײַען „דאָס פֿרײַע וואָרט" איז אויך דאָס מאָל געקומען פֿון דער קאָלאָניע. דער דירעקטער מאָטיוו איז געווען אַ נאַרישער אינצידענט מיט אַ היסטערישער באָלשעוויקישער ייִדע־נע, וואָס איז געפֿאָרן איבער די קאָלאָניעס מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר בירָאָבידזשאַן. אָבער די איניציאַטיוו איז געקומען אין אַ גינציקן מאָמענט: ניט דערפֿאַר, וואָס די ייִדישע באַוועגונג אין שטאָט האָט דעמאָלט געברויזט, נאָר אַדרבא, מחמת אַלץ איז אַרײַן אין אַ טעמפּן ווינקל: די משפּחה איז געווען דעמאָלט צעזייט און צעשפּרייט איבער גאַנץ אַרגענטינע און איבער די שכנישע לענדער. פֿאַרזאַמ־לען זיך האָבן אַפֿילו עטלעכע חברים אויך ניט געקענט אָן גרויסע סכּנות איבערגעפֿאַלן צו ווערן פֿון דער פּאָליציי. לאָמיר שוין נאָכ־זאָגן אַ פּאַרדינטן שבֿח די אַרגענטינישע רעגירערס, אַז מיט קיין טאָלעראַנץ צו אַנאַרכיסטן האָבן זיי זיך קיין מאָל ניט אויסגעצ־ייכנט. אונטער דער פּרעזידענץ פֿון דעם „גרויסן" סאַענס־פּעניאַ האָט מען אַנאַרכיסטן דעפּאָרטירט אין די הונדערטערס, און אַלע טורמעס זענען געווען מיט זיי פֿול. „די מאַסקע" (ווי גאָנסאַלעס פּאַטשעקאָ האָט אים אָנגערופֿן) היפּאָליטאָ איריגאָזשען האָט אָר־גאַניזירט אַ יאַנואַר־וואָך, די שחיטות אין סאַנטאַ־קרוס און די פֿאַר־

שיקונגען אויף די אינדזלען. אונטער אַלוועאַרן האָט אַן אַנאַרכיסט, בכדי צו קענען ריידן אויף פּלאַסאַ אָנסע וועגן סאַקאָ און וואַנסעטי, זיך צוגעשמידט מיט קייטן צו אַ קאָלומנע: ביז די פּאָליציי האָט באַוויזן אים אָפּצושמידן, האָט ער דערווײַל גערעדט. דער פאַשיסט אוריבורו האָט געלאָזט דערשיסן אַ חבר אין ראָזאַריאָ בלויז פאַרן חטא פון פאַרקויפן די „פּראָטעסטאַ". די איצטיקע רעגירונג ווענדט אָן גאַנץ אומווירדיקע מיטלען קעגן אַ פאָריסטישן סינדיקאַט, און אַפילו די רעגירונג פון דער „באַפרײַערישער רעוואָלוציע" האָט סתם אָן אַ פאַרוואָס געהאַלטן אַ חודש צײַט אין תפיסה דעם רעדאַקטאַר פון „פּראָטעסטאַ". אַלע אַרגענטינישע רעגירערס האָבן ליב אַז די פרײַהייט זאָל זײַן, ווי די פרוי פון דעם אַראַבישן מעשהלע: בעת מען איז פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן, זאָל מען די פרײַהייט קענען מצמצם זײַן און אַרײַנפּאַקן אין אַ קליינעם קעסטעלע, וואָס גייט אַרײַן אין אַ קעשענע.

אין דער צײַט, ווען „דאָס פרײַע וואָרט" האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען, האָט געהערשט גענעראַל כוסטאָ. די שווער געפּרוּווטע אַרגענטינישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָט, חוץ אוריבורוס צײַט, ניט געדענקט דעמאָלט קיין ערגערע ווי אָט די.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום, ווי „דאָס פרײַע וואָרט" האָט גענו־מען דערשײַנען, האָט שוין דער פאַשיסטישער סענאַטאָר סאַנטשעס סאָראָנדאָ עם דערמאָנט אין סענאַט צווישן די „געפערלעכע" אויס־גאַבן. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מען האָט פאַרבאָטן די צירקו־לאַציע פון דער צײַטונג דורך דער פּאָסט.

אין סך-הכל זענען מיר געווען געצוווּנגען אַרויסצוגעבן די צײַטונג אַנאָנים, אָן אַן אַדרעס, און צעוואַרפן פלעגן מיר די גוט אײַנגעוויקלטע עקזעמפּלאַרן אין הונדערטער פּאָסט-קעסטלעך, צו איין עקזעמפּלאַר אין אַ קעסטל. כמעט די גאַנצע אַרבעט: רעדאַק־טירן, קאָרעגירן, זוכן די פינאַנסן, צעטיילן און עקספּעדירן (די ווונדערלעכע עקספּעדיציע!) איז געפאַלן אויף צוויי חברים. אַ פּאָר יאָר האָבן זיי געאַרבעט אין גרעסטן עלנט און גערעדט ווי צו דער וואַנט. ווײַטערע מענטשן האָבן אַפילו אַרויסגעוויזן באַציִונג און אַפילו וואַרעמקייט: שוסהיים פלעגט זיך אָפּט אָפּרופן פון דער

„ייִדישער צײַטונג". ניגער האָט זיך וואַרעם אָפּגערופֿן אין ניו־יאָרקער „טאָג". חבר ד"ר ישראל רובין פֿלעגט אָפּגעמען אַ פּעקל עקזעמפּלאַרן אויף צו פֿאַרשפּרייטן אין ארץ־ישראל. ער האָט איין מאָל אויך אויסגענוצט אונדזער צײַטונג בײַ אַן אויסשטעלונג, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט וועגן דעם שפּאַנישן בירגערקריג: מען איז געווען דעמאָלט יונג, און עס איז ניט געווען שווער דאָס אַרומלויפֿן צענדליקער קוואַדרעס אויף אויסצוזוכן אַ שפּאַנישן זשורנאַל, וואָס האָט אויסגעפֿעלט, כדי צו דערגאַנצן אונדזער אינפֿאָרמאַציע וועגן שפּאַניע.

אָבער דאָס אַלץ האָט ניט געדעקט די כמעט פֿולשטענדיקע איזאָלאַציע, אין וועלכער די פּאָר חברים האָבן זיך געפֿונען אין יענער צײַט: אַן קאָרעספּאָנדענץ און מיט זייער אַ נישטיקן דירעקטן קאָנטאַקט מיט חברים אָדער מיט לייענערס. עס איז געווען אַ שווערער נסיון!

עפּעס ווי מיט איין מאָל האָט דאָס אײַז גענומען צעגיין: אַ חבר האָט פּלוצלינג גענומען פֿאַרקויפֿן „דאָס פֿרײַע וואָרט" אין די ייִדישע קאַפּיען. אַ צווייטער חבר, וואָס איז צוריקגעקומען אין בוענאָס־אײַרעס נאָך יאָרן וווינען אין אַ שכנותדיקן לאַנד, האָט איבערגענומען אויף זיך אַ גרויסן טייל פֿון דער עקספּעדיציע און צעטיילונג. חברים האָבן זיך גענומען אינטערעסירן מיטן אינהאַלט פֿון דער צײַטונג, און מיר פֿלעגן האָבן אָפּטע פֿאַרזאַמלונגען אויף אַרומצורייידן פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען. אַ ביסל האָבן זיך חברים צוגעוווינט מסתמא צו דער צײַטונג, און נאָך מער האָט אפֿשר גע־ווירקט דער „קיבוץ גלויות" פֿון חברים. סײַ־ווי, עס איז געשאַפֿן געוואָרן ביסלעכווײַז אַרום דער צײַטונג יענע קליינע אָבער געשלאָסענע משפּחה, וואָס מען מעג אונדז באמת מקנא זײַן.

מיר האָבן באַוויזן צו פֿאַרזוכן אויף אַ קורצער צײַט דעם טעם פֿון פֿאַרבינדונגען מיט די אידעאַליסטישע חברים אין פּוילן. באַזונדערס געדענקט זיך דער קאָנטאַקט מיט דער וווּנדערלעכער גרופּע „פֿרײַע שריפֿטן" אין ווילנע, וואָס האָט אין גיכן געוויזן אַזוי פֿיל העראָיִזם אין לעבן און אין שטאַרבן אין געטאָ.

אין דרויסן האָט געבושעוועט די זאַווערוכע. די העלדישע שפּאַנישע באַוועגונג איז צעקלאַפּט געוואָרן פון די עקלדיקע טאָטאַליסטישע כוחות פון רעכטס און פון לינקס, ביי דער ניט ווייניקער עקלדיקער פּחדנותדיקער האַלטונג פון די ליבעראַלן, סאָציאַליסטן און — למאַי פאַרלייקענען? — אויך די אַרבעטערס פון דער וועלט.

אויף דער וועלט האָט זיך אין גיכן צעפלאַקערט די מאָוימדיקע צווייטע וועלט־מלחמה. אין אַרגענטינע גופא איז געווען ממש אַ קאָשמאַר דאָס צוקוקן די מאָראַלישע געפאַלנקייט פון די אַרבעטער־מאַסן. מיר האָבן פאַרויסגעזאָגט, טאַקע אין „דאָס פרייע וואָרט", מיט יאָרן פאַר פּעראָנס שטאַטקלאַפּ, דעם פאַשיזם, וואָס וועט קומען ווען עס וועט זיך נאָר געפינען אַ פּאַסיקער קאַנדידאַט. דער אמת איז, אַז פּעראָנען האָט זיך עס איינגעגעבן אומגעהייער לייכטער, ווי ער אַליין האָט עס דערוואַרט: מען איז געלאָפן צו אים אין „אַרבעט־דעפּאַרטאַמענט", ווי נאָך מצה־וואַסער. ער האָט אַלעמען געגעבן, און אַלע האָבן גענומען: שוחד פאַרבלענדט די אויגן אויך פון די אַרבעטער־פירערס און אויך טאַקע — צו וואָס באַהאַלטן? — אויך פון צו גרויסע מאַסן אַרבעטערס. לפּחות, אין אונדזער טרויעריקער צייט.

די אַרבעטערס האָט ער „געגעבן", אָבער די „אַרבעטער־ביבליאָטעק" האָט ער פאַרברענט. די אַרבעטער־צייטונגען זענען אוועק אין אונטערגרונט. „דאָס פרייע וואָרט" האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן.

אין 1947 האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די דיקטאַטור איז געוואָרן אַ ביסל מילדער, און מיר האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו צו באַנייען די צייטונג. כדי אויסצומיידן דעם אַלטן און נאָך אַלץ גילטיקן דעקרעט, וואָס האָט פאַרבאָטן די צירקולאַציע פון „דאָס פרייע וואָרט", האָבן מיר די צייטונג אַ נאָמען געגעבן „די וועלט". די מילדקייט פון דער דיקטאַטור איז ניט געווען צו גרויס, און „די וועלט" האָט געהאַט אַ געפּלאָגט לעבן. די דרוקערס פלעגן זיך היטן פאַר אַ „גוט־אויג" ביים דרוקן אונדזער צייטונג, און אַ נומער פלעגט אַרויס אין צוויי־דריי חדשים אַרום, ווי מען פלעגט אים אַריינגעבן. אין 1951 האָט זיך שוין ניט געפונען קיין איין דרוקער, וואָס זאָל וועלן איינשטעלן

זיך און זײַן פֿאַרמעגן, און די צײַטונג האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן ביז נאָך דער רעוואָלוציע.

אָט דער לעצטער פּעריאָד איז נאָך צו נאָענט, אַז מען זאָל קענען אַ סך ריידן וועגן אים. מיר קענען נאָר זאָגן, אַז דער טיפֿער ענטוזיאַזם פֿון די חברים אויף דער פֿאַרזאַמלונג אין אָקטאָבער 1955 האָט נאָך וואָגיקער געמאַכט די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף די פּלייצעס פֿון דער רעדאַקציע. אָבער אַלע האָבן אָרנטלעך דורכ־געפֿירט זייער אַחריות. דאָס גופֿא, וואָס אין משך פֿון די 50 חדשים זינט דער ערשטער נומער פֿון דער „דריטער עפּאָכע" איז אַרויס, זענען דערשינען 50 נומערן „דאָס פֿרײַע וואָרט", איז דער בעסטער באַווײַז, אַז חברים האָבן ניט געפּאַלשעוועט. לײַכט איז ניט אָנגעקומען ניט די דורכוים פֿרײַוויליקע פֿאַרוואַלטונג און עקספּעדיציעס און ניט די פֿינאַנסירונג. ניט לײַכטער איז עס אָנגעקומען די, אויך פֿרײַוויליקע, רעדאַקטאָרן. איין רעדאַקטאָר מאַכט זײַן אַרבעט, שוין זינט לאַנגע חדשים, אויפֿן שפּיטאָל־בעטל. וועגן די אַנדערע רעדאַק־טאָרן בעט זיך צו ציטירן פֿון אבא גאָרדינס אַ „פּאַראַדאָקסאַלן" טריינסטבריוו: „וואָס עלטער מען ווערט" — ציטירן מיר גאָרדינען פֿון אויסנווייניק — „אַלץ צו מער מיחושן ווערט מען אונטערגע־וואָרפֿן און אַלץ מער איז מען משועבד צו יענע אומגליק־פֿאַלן, וואָס צעברעכן דעם מענטשן". אָבער עס איז נאַריש צו באַקלאָגן זיך, מחמת אויך די אַנדערע, די הבל־הבלימדיקע האָוועניישן קומען דאָך ניט אָן לײַכטער.

ניט איין מאָל, ווען מיר קוקן אויף זיך אין שפּיגל פֿון אַנדערע לעבנס, און באַזונדערס ווען דער גאַנצער אומזין פֿון אַ לעבן ווערט בולט נאָך אַ טויט פֿון עמעצן, וואָס האָט ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין יורשים — ניט איין מאָל אין אַזעלכע פֿאַלן דערמאָנען מיר זיך אָן אַ מעשה פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר: עס האָוועט אַרום אויף דער וועלט אַ קאַרגער מענטש, אַ גביר, אָבער די שליסלען צו זײַנע אוצרות ליגן גאָר בײַ די שדים, וואָס האַלטן אין איין אַרומיאָגן דעם מענטשן צו פֿאַרגרעסערן זייער פֿאַרמעגן. אין דער איצטיקער אומ־גליקלעכער תקופֿה זענען מיר מסתמא אַלע גאַנץ קליינע באַלע־

יונה גאָראָדיסקי

באַטים איבער אונדזערע גיטער, איבער אונדזער ענערגיע, איבער אונדזער לעבן אין גאַנצן.

לאָמיר זײַן צופרידן, וואָס מיר האָבן בײַ די איראַציאָנעלע כוחות, וואָס וואַרפן איצט דעם מענטשן אין כּף־הקלע, אַרויסגעריסן אַ מענטשלעך ווינקל: אַ האָפענונג, אַ פּאַרזיי פון אַ צוקונפטיקן חשיבות־דיקן מענטשלעכן לעבן אויף אונדזער וועלט.

פעברואַר 1960

יעקב בירנבוים

מען האָט געדאַרפט אויסמײַדן דעם הײַסן חודש פעברואַר און די וואַלן אין מאַרץ, אַזוי אַז די מסיבה צום פופציקסטן נומער „דאָס פרײַע וואָרט" איז פאָרגעקומען דעם 3טן אַפּריל. קיינער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט דעמאָלט, אַז דאָס איז געווען אַ סאַמע לעצטע געלעגנהייט צו אָפּריכטן דעם יום־טוב מיט דער גאַנצער משפחה, וואָס האָט אויסגעפילט „דאָס פרײַע וואָרט" זינט דעם ערשטן נומער וואָס איז דערשינען אין פעברואַר 1936.

אמת, יעקב בירנבוים איז פּערזענלעך ניט געווען אַנוועזנדיק אויף דער מסיבה, אָבער דערצו זענען מיר שוין געווען געוווינט זינט יאָרן: ער פלעגט אַרבעטן אין די אָוונטן, וואָס זענען כמעט די איינציקע שעהען ווען אונדזער עולם קען זיך פאַרזאַמלען. אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר, זינט זײַן פרוים קראַנקייט האָט באַזונדער שווער געמאַכט זײַן לעבן, פלעגט שוין בירנבוים זײַן פאַרנומען דורך די טעג און די נעכט. שוין לאַנג בכן, אַז בירנבוימס פאַרבינדונג מיטן קרײַז האָט זיך רעאַליזירט כמעט אויסשליסלעך שריפטלעך, אָדער דורך אַנדערע אַרבעטן וואָס ער פלעגט אָפּדאַווענען ביחידות. אַרבעט איז שוין, ווײַזט אויס, זינט לאַנג געווען דאָס וויכטיקסטע, וואָס האָט אים בכלל פאַרבונדן מיטן לעבן. אפשר איז אַרבעט געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט צוגעגעבן אַ זינען צו זײַן עקסיסטענץ, וואָס איז געווען איבערפולט מיט פּײַן און אומזיכטלאָזיקייט. בלויז זייער שטאַרקע מענטשן קענען אַזוי, צוליב אפשר איבערגעשפּיצטע מאָראַלישע פּרינציפּן, זיך דערפירן צו אַזאַ טעמפּן ווינקל.

בירנבוים האָט צוגעשיקט צו דער מסיבה אַ שריפטלעכן מע־

סעדזש, וואָס איר וועט געפינען געדרוקט דאָ, אויף דער זעלביקער זײַט פון אונדזער צײַטונג, אויפן זעלביקן אָרט, וואָס ער פלעגט אויספילן אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר. זײַנע שריפטלעכע מעסעדזשעס זענען שוין ניט געווען קיין נײַס — ער האָט שוין געשיקט אַזעלכע אויך דעמאָלט, ווען ער איז נאָך געווען „געזונט", אָבער ער האָט ניט געקענט בײַזײַן פּערזענלעך אַ פאַרזאַמלונג, צו־ליב די סיבות וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט. דאָס נײַע אין זײַן לעצטער ווענדונג איז געווען דער טיף־עמאָציאָנעלער טאָן, וואָס האָט דערמאָנט, אַז בירנבוים האָט דעבוטירט אין פּירקאַנטיקע אותיות מיט לידער. דערבײַ איז אונדז שוין אויפגעקלערט געוואָרן די מכלומרשטע „טרוקנקייט" פון זײַן פּראָזע. אויך זײַן „האַרטער" און שטרענגער לעבנס־סדר איז באַגאָסן געוואָרן מיטן פּאַטעטישן ליכט, וואָס האָט, ווי עס לאָזט זיך אויס, העל געלויכטן און געוואַ־רעמט אין די טיפענישן פון זײַן נשמה. יאָ, דעם דאָזיקן מענטשן זענען באַשערט געווען כמעט איבערמענטשלעכע שווערע פּײַנען, אָבער זײַן לעבן איז געווען ווײַט פון זײַן אָרעם. אָט דער אויסער־לעך גרויער מענטש, אָנגעטאָן אין ווייניקער ווי אומפּרעטענציעזע קליידער און מיט סאַנדאַלן אויף די פיס, וואָס האָט זיך גענערט מיט אַ מעסטל פּיסטאַשקעס, בעת ער האָט נאָך ניט געהאַט אויף זיך קיין דיעטעס — אָט דער שטענדיק פאַרהאָרעוועטער מענטש איז אינעווייניק געווען אין גאַנצן יום־טוב!

אַוודאי איז בירנבוים געווען אַ רעטעניש, אַפילו פאַר אַזעלכע, וואָס זענען ניט אַזוי מדקדק אַז אַלע זאָלן זײַן פּלישתיש־„נאָרמאַל". אָבער די לעצטע חדשים זײַנע, ווען זײַן דראַמע האָט זיך דערנענ־טערט צום קלימאַקס, איז דאָס ווענטל, הינטער וועלכן ער האָט פאַרשטעלט זײַן אינערלעך לעבן, אָנגעשפּאָלטן געוואָרן ערטער־ווײַז, און מען האָט געקענט כאַפּן אַ קוק אויף דער שיינער נשמה, וואָס איז געזעסן אין זײַן צעפּײַניקטן גוף.

ווען מען האָט פאַר אַ יאָרן געזעצט בירנבוימס איבערזעצונג פון מאַרטין בובערס „שטעגן אין אוטאָפּיע", האָבן זיך דעם דרוקער גע־שטעלט שאלות אויפן טעקסט. מיר האָבן דעמאָלט איבערגעקוקט די גאַלערעס, און מיר האָבן זיך דערשראָקן: די ערשטע זײַטלעך

זענען געווען אומקלאָר, ממש אומפאַרשטענדלעך. עס האָט געשניטן דאָס האַרץ צוצוזען ווי דער מענטש, וואָס איז נאָרמאַל געווען אַזאַ מקפּיד אויף דער קלאָרקייט פון איטלעכן זאַץ, האָט פּלוצעם אַליין זיך אַזוי בלינד געשלאָגן מיטן סינטאַקסיס. אָבער מיט יעדן זײַטל איז דער זאַץ געוואָרן קלערער, און נאָך אַ פּאָר צענדלינג זײַטן איז די אַרבעט אַרויף אויף בירנבוימס געוויינטלעכן סטיל.

דאָס ערשטע וואָס איז קלאָר געוואָרן, פאַרשטייט זיך, איז אַז מיט בירנבוימס געזונט האָלט עס טאַקע אַזוי שלעכט, ווי זײַן אויסערלעכקייט האָט שוין דעמאָלט געוויזן. מיר האָבן אַלאַרמירט חברים צו פּרוּוון קודם-כל אַרויסשלעפּן בירנבוימען פון דעם וואָרן גיהנום, אין וועלכן ער האָט געלעבט. די אינטערווענץ פון די חברים האָט סײַ-ווי ניט געהאָלפן — בירנבוימען האָט מען מיט קיין שום כוח ניט געקענט אָפּרײַסן פון דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זײַן פליכט. ער איז אַוועק אין שפּיטאָל ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט זיך שוין מער ניט געקענט האַלטן אויף די פיס.

דער אינצידענט מיט דער איבערזעצונג האָט אָבער אויך גע-געבן אַ געלעגנהייט אַרײַנצוקוקן אין בירנבוימס „לאַבאָראַטאָריע". דער קראַנקער, אויסגעהאָרעוועטער, טויט-מידער בירנבוים האָט „אַטאַקירט" די אַרבעט מיט איבערמענטשלעכן העראָיִזם. ער האָט זיך דערקליבן צו דער איבערזעצונג פון בובערס בוך מיט אַ גבורה, וואָס האָט דערמאָנט אָן דעם פאַרצווייפלטן אײַנשטעלן זיך פון דווידס גבורים, בעת זיי האָבן געבראַכט פאַר זייער מלך אַ ביסל וואַסער פון הינטער דעם שונאס ליניעס.

דאָ קענען מיר זיך ניט אײַנהאַלטן פון ציִען ווײַטער דעם פאַר-גלײַך: דוויד, ווי איר געדענקט מסתמא, האָט דאָס וואַסער אויסגע-גאָסן, מחמת טרינקען עס האָט אים אויסגעזען ווי צו טרינקען בלוט. אויך די לייענערס אונדזערע, צו קיין חרפּה זאָל זיי ניט זײַן, נוצן ניט גענוג די איבערזעצונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט אַזוי פיל בלוט!

נאָך אַ זאַך איז קלאָר געוואָרן אין משך פון בירנבוימס לעצטע חדשים: אַ פײַנלעך-קראַנקער און ליגנדיק אין אַ שטאַרק באַפּעל-קערטער און טומלדיקער שפּיטאָל-סאַלע, איז ער פאָרט געווען נאָך

אַלץ רויִקער און אויסגערוטער ווי אין זײַן פריִערדיקן איבערגעהאַ־רעוועטן און איבערגעפּײַניקטן לעבן. זענען זײַנע אַרבעטן און איבער־זעצונגען, וואָס ער האָט געמאַכט אין שפּיטאָל, געווען אָפּגעקלער־טער, שענער און האַרציקער. ווען דער מענטש וואָלט, הייסט עס, געלעבט אַ ביסל וויניקער עטיש, וואָלט ער געשריבן וועגן עטיק שענער, ווי ער האָט עס באַוויזן. צי דאָס וואָלט געווען בעסער, דאָס איז שוין אַן אַנדער ענין! על־כל־פּנים, זענען ניטאָ קיין סך ווערק וועגן עטיק, וואָס זאָלן זיך קענען פאַרגלײַכן אין שיינקייט מיט דער וווּנדערלעכער יופי פון דעם מענטשן, וואָס האָט געהייסן בײַם לעבן יעקב בירנבוים!

מיר האָבן געהאַט די פּריווילעגיע צו האָבן מיט אונדז אַזאַ מענטשן 36 יאָר מיט 1 חודש — די גאַנצע צײַט זינט ער איז אָנגע־קומען קיין אַרגענטינע. דאָס איז אי אַ טרייסט פאַר אונדז, אי אַ דערמונטערונג: עפּעס דאַרף זײַן אין אַנאַרכיסטישן אידעאַל, אויב אַזאַ מענטש ווי יעקב בירנבוים איז געווען ביז זײַן לעצטן אָטעם אַן אַנאַרכיסט!

און אַוודאי איז דאָס אויך אַן אויפפאָדערונג צו אַרבעט!

אַפּריל 1960

הײנט אין קובא...

דאס איז געווען אין ארגענטינישן פרילינג 1918. אין רוסלאנד גופא זענען שוין דעמאלט אפילו די לינקע סאציאל־רעוואלוציאנערן געווען בײ א האלב יאר אין דער אפאזיציע. די באלשעוויקישע מאכט האט שוין דעמאלט געהאט איר קלינישע געשיכטע, וואס האט גאנץ קלאר געוויזן איר קומענדיקע עוואלוציע. אבער דא, אין ארגענטינע, האט מען נאך געלעבט אין אומוויסנקייט וועגן דעם, וואס עס האט זיך געטאן אין יענעם גרויסן לאנד. ווי אלע מאל אין אזעלכע לאגעס, האבן טייל מענטשן געחלומט אויף דער וואר ראזע חלומות און אנגענומען פאר קוראנט געלט זייערע אײגענע אילוזיעס. אנדערע ווידער האבן זיך געשראקן, געהאט האלוצינאציעס.

מיר געדענקען, למשל, א שארפע „דיסקוסיע" פון יענער צײט אין זאל פון דער „ליגא דע עדוקאסיאן ראסיאנאליסטא". באשר אײנער האט זיך עפעס ארויסגעכאפט מכוח געלט אין דעם באלשעוויקישן רוסלאנד. די „מאסן" האבן בשום אופן ניט געקענט פארדייען אזא פארשוועכונג פון דער רעוואלוציע און אזא רכילות: די עכטע רעוואלוציאנערן האבן „פארשטאנען" אז אין רוסלאנד איז שוין געלט געווען אפגעשאפט. אזוי האבן „געדענקט" די מאסן. די אינטעליגענץ האט אפשר געניצט ברייטערע פײגנבלעטער־גארטלען אויף זייערע עמאציעס, אבער ראציאנעלער זענען זיי דורכוים ניט געווען. ניט אין שײכות מיטן באלשעוויזם, ניט אין שײכות מיטן נאציפאשיזם און ניט אין שײכות מיט קיין שום אנדערע אבראציעס האבן די אינטעלעקטואלן ארויסגעוויזן קיין שום וועזנטלעכן חילוק לגבי די „אומבאוווסטזיניקע" מאסן.

אין אן אוונט פון יענעם פרילינג איז כאסע אינכעניעראס, פון

פּיעטראַ גאַרים אַמאָליקע תּלמידים, אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעפּע־ראַט אין טעאַטער „נועוואַ". דער זאַל איז אָנגעפּילט געוואָרן ממש אויף צעשפּאַרט צו ווערן. אינכעניעראַס רייד זענען געפאַלן אויפן עולם ממש ווי אַ פֿײַערדיקער רעגן. שטעלט אײַך פֿאָר, אַז דער באַליבטער אינטעלעקטואַל מיט אַנאַרכיסטישע אַנטעצעדענטן האָט אויסגעפונען, אַז די רוסישע פֿאָרעם רעגירונג איז ממש אַ רעוואָ־לוציאָנערער שפּרונג צו דער אַבסאָלוטער פֿרײַהייט, אויב ניט די פֿאַרקערפּערונג גופא פֿון דער פֿרײַהייט.

ווען דער לעקטאָר האָט געענדיקט זײַן רעפֿעראַט, האָבן עטלע־כע פֿון עולם, וואָס האָבן באַמערקט אין אַ לאָזשע ראָדאָלפאָ גאָנ־סאַלעז פּאַטשעקאָ, אים אַרויסגערופן צו ריידן. דער פֿײַערדיקער פּאַטשעקאָ האָט אויף אָט דער שׂרפה געגאָסן קאַלט וואַסער: „די סאָציאַלע רעוואָלוציע יאָ — באָלשעוויזם נישט! פֿרײַהייט יאָ — דיקטאַטור נישט"!

לאָגיש וואָלט אויסגעקומען, אַז דאָס בייזע וווּנדער אויף יענעם אָוונט וואָלט געדאַרפט זײַן דער ווילדער טעות פֿונעם באַרימטן פּראָפֿעסאָר. אָבער די פֿאַקטן זינגט דעמאָלט האָבן דערוויזן, אַז גראָד אָט די אומבאַגרײַפלעכע טעותים בנוגע דעם באָלשעוויזם זענען געווען די סאַמע נאָרמאַלסטע זאַך, לפּחות אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן. אַפילו איצט איז נאָך די אַבעראַציע פֿאַרשפּרייט אין אַזאַ פֿאָרפֿאָרם, אַז עס לאָזט זיך בנוגע איר ניט אָנווענדן דער אַדיעקטיוו „אומנאָרמאַל". הגם איצט זעט שוין אויס צו זײַן קלאָר דער מאָזאָכיסטישער עלעמענט, וואָס שטעקט אין יענער פֿאַרערונג פֿון דער ברוטאַלער און בלוטיקער דיקטאַטור.

דער „וווּנדער" אויף יענעם געדענקלעכן אָוונט אין טעאַטער „נועוואַ" איז געווען דווקא פּאַטשעקאָס שטעלונג. מען האָט גע־דאַרפֿט האָבן זײַן אינטויציע אויף ניט צו פֿאַרבלאָנדזשען אין יענער פֿינצטערניש. מען האָט אויך געדאַרפט האָבן פּאַטשעקאָס קוראַזש ניט אָראָפּצוגיין פֿון זײַן וועג אַפילו ווען מען האָט געדאַרפט דורכ־גיין תּפֿיסות און קאַטאָרגעס, און אַפילו ווען מען האָט מיט איין מאָל געדאַרפט פֿאַרלירן די פּאָפּולאַריטעט בײַ די מאַסן, וואָס האָבן

מיט אַלע כוחות פאַרשטאָפּט זייערע אויערן קעגן אמת, וואָס האָט זיי געדאַרפט אויסטשוכען פון זיסע חלומות.

אָבער די מענטשן פון פּאַטשעקאָס קאַליבער זענען אימהדיק זעלטן. צי דאָס איז צוליב דוחק אין אינטויציע, צי צוליב באַוווּסט־זיניקער אָדער אונטערבאַוווּסטזיניקער פּחדנות, אָריענטירן זיך אַפילו דאָס רוב אינטעלעקטואַלן אַזוי געראָטן, אַז זיי לויפן דעם אַמאָק פּונקט אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג צו זייערע טײַערסטע ווּנטשן. אויב איר וועט זיך דערמאָנען די אַקטיווע סימפּאַטיעס פון די מערבדיקע ליבעראַלן לגבי דעם באָלשעוויזם, דער עיקר אין די דרײַסיקער און ערשטע יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, וועט איר אפשר, גלײַך מיט אונדז, גאַפן אויף אָט דעם ווייטיקלעכן פּאַראַדאָקס: קיינער האָט ניט צוגעטראָגן קיין גרעסערן חלק צו דיסקרעדיטירן דעם ליבע־ראַליזם און צו פאַרשטעלן דער וועלט אין אַ גינציקן ליכט דעם עקלדיקסטן און בלוטיקסטן אַבסאָלוטיזם, ווי דאָס האָבן געטאָן די ליבעראַלן. ניט אומזיסט האָט זיי לענין אָנגערופן „נוצלעכע אידאָטן".

דער באָלשעוויזם האָט גוט אויסגענוצט די ענערגיעס פון אָט די „נוצלעכע אידיאָטן", וואָס ער האָט אָרגאַניזירט אין אַ גאַנצער ריי „פראָנט־אָרגאַניזאַציעס", אין וועלכע די „אידעאָלאָגיע" איז געווען קאַמופלאַזשירט. אָט די אָרגאַניזאַציעס און זייער טעכניק קומען שטאַרק צו נוץ זינט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דער וואָלף אין שאָפן־פעלץ האָט באַוויזן זײַנע ציין. די אַנעקסיע פון די באַלטישע לענדער און די סטאַליניזאַציע פון אַ ריי שכנישע לענדער האָט געצווונגען די רוסישע אַספּיראַנטן אויף וועלט־הער־שאַפט אַנצווענדן מער קאַמופלאַזש, מער פּראָפּאַגאַנדע און מער... רובלס. צום לויב פון דער אינטעליגענץ, מוז מען באַמערקן אַז די דעמאַסקירטע וועלף האָבן איצט דערפאָלג בלויז אין ווייניקער אַנט־וויקלטע אָדער אין באַזונדערס דעמאָראַליזירטע סביבהס.

די לאַטײַן־אַמעריקאַנישע לענדער, וואָס זענען כמעט אַלע נאָר וואָס אַרויס פון די פאַרשיידענע פאַשיסטישע דיקטאַטורן, זענען אַ גינציק פעלד פאַר די מאַנעווערס פון רויטן אימפּעריאַליזם. די מוט־נע, אויפגעבויטשעטע וואַסערן, די פאַראַרעמטקייט וואָס דער די־ריגיזם און די גנבות פון די דיקטאַטאָרס האָבן פאַראורזאַכט און,

דער עיקר, די שרעקלעכע דעמאָראַליזאַציע פון די פּאָליטיקערס, פון דער ביוראָקראַטיע, פון די סינדיקאַלע פירערס און פון דעם המון אין גאַנצן, ווען מען האָט צוגעוווינט צו „צירק און געשאַנקען" — דאָס אַלץ מאַכט אַן אידעאַל פעלד פאַר די רויט־אימפּעריאַליסטישע אָפּעראַציעס.

ווי, מיר געדענקען נאָך אַזוי שאַרף ווען די בוענאָס־אײַרעסער אַרבעטער פלעגן, בײַ אַן עוולה, בליץ־שנעל רעאַגירן מיט אַ פולשטענדיקן אָפּשטעלן די אַרבעט אין שטאָט. ווען דאָס רוב אַרבעטערס פלעגן, בײַם פאַרצווייגנסטן און אומזיכערסטן שטרײַק, ניט אײַנגיין פון דעסט וועגן אויף צו לאָזן דער רעגירונג אָדער פּאָליטיקערס זיך אַרײַנצומישן אין זייער זאַך. און מיר האָבן די אַרבעטערס געזען דערנאָך מאַרשירן מיט פּלאַקאַטן, וואָס אויף זיי איז געווען אָנגעשריבן: „גראַסיאַס, מי כענעראַל!" אויף אָפּצודאַנקען פעראָנען פאַר אַ לוין־העכערונג. און מיר זעען זיי איצט פאַרלאָרענע, ווי בלינדע שאָף, גרייטע צו פאָלגן די כלערליי מינים פאַרקויפטע פּאָליטיקערס, וואָס האָבן פאַרלאָרן דאָס לעצטע ביסל פון דעם „שפּאַנישן" שטאָלץ. און מיר זעען זייער שאַרף מיט אונדזערע „בוכהאַלטערישע" אויגן דעם רעגן פון רובלס, וואָס העלפן פאַרגרעסערן די בלאָטע, געדיכטער מאַכן דעם חושך. ניין, מיר וווּנדערן זיך ניט, וואָס אין אַזעלכע אומשטאַנדן איז דעם בלוטיקן דיקטאַטאָרישן אימפּעריאַליזם געראָטן אַרויפצושטעלן אַ שטיוול אויף אַ לאַנד פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

מיר קענען זיך בלויז נאָך אַלץ ניט צוגעוווינען צו דעם פאַקט, וואָס דאָס ביסל פרײַהייטלעכע כוחות פון די אַמעריקאַנער לענדער און דאָס הײַפל אָרנטלעכע סאָציאַליסטן גלאָצט נאָך אַלץ מיט די אויגן און שווײַגט — בעת די כוחות פון דיקטאַטאָרישן אימפּעריאַליזם נוצן אויס די דעראָבערטע פּאָזיציע אויף צו האַמערן פון איר דעם גאַנצן קאָנטינענט, כדי אים „ווייך" צו מאַכן פאַר זייערע ווײַטערדיקע אַוואַנסן.

ערשט איצט — אַזוי שפּעט! — האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף אַזעלכע קלאָרע דיבורים וועגן קובאַ, ווי די וואָס מיר ציטירן אויף אַן אַנדער אָרט אין אָט דעם נומער. און ערשט גאָר לעצטנס

האָט דער אַלטער סאָציאַליסט רעפּעטאָ — נאָך אַלץ ניט אָן אַ גע־וויסער רעזערווירטקייט — געזאָגט אַ פּאָר קלאָרע ווערטער וועגן זעלביקן ענין.

סאַראַ אומגלייבלעכע נאַרישקייט עס איז צו לייגן האָפענונגען אויף דער אַגראַר־רעפאָרם און אַנדערע כלומרשט „רעוואָלוציאָנע־רע" אַקטן פון דער קובאַנער דיקטאַטור! וואָס, אומשטיינס געזאָגט, וועט אַרויסקומען דעם קובאַנער פּויער פון דעם, וואָס די דיקטאַטור וועט אָפּנעמען די ערד ביי די קאַפּיטאַליסטישע באַלעבאַטים און... סוף־כל־סוף זי פאַרוואַנדלען אין אייגנטום פון דער מלוכה? מען האָט דאָך שוין געזען די אַלע סאָווכאָזן און קאָלכאָזן זינט צענדלינגער יאָרן!

באמת, די גאַנצע עקספּראָפּריאַציע דערמאָנט אונדז אין רוס־לאַנדס האַנדלונג בנוגע ליטע אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה: פריער האָט רוסלאַנד אָפּגענומען ווילנע ביי די פּאָליאַקן און אָפּגעגעבן צו ליטע; נאָך דעם האָט זי פאַרנומען גאַנץ ליטע, מיט ווילנע אין איינעם!

ניט קיין קלענערע נאַרישקייט איז דאָס לאָזן זיך אַרייננאַרן אין דער פּאַסטקע פון אַנטיאימפּעריאַליזם: מען פאַרקוקט זיך אויפן יענקישן שכן אַזוי שטאַרק, אַז מען זעט ניט ווי דער רויטער אימ־פּעריאַליזם אינפילטרירט זיך! מיינען טאַקע די היגע „אַנטיאימפּע־ריאַליסטן", אַז די ליטווינער, לעטאָנען, פּאָליאַקן און די אַנדערע נייע און אַלטע רוסישע וואַסאַלן פילן זיך גליקלעך? אָדער מיינען זיי, אַז די פּאָליאַקן, אונגערן צי כינעזער (אַפילו די „רויטע"!) זע־נען אין די רוסן פאַרליבט?

צום שווערסטן ווירקט אויף אונדז, ווען מיר באַמערקן אַז אונדזערע אייגענע חברים האָבן נאָך קווענקלענישן וועגן דעם ווערט פון די אַגראַר־רעפאָרמעס און עקספּראָפּריאַציעס, וואָס ווערן דורכ־געפירט פון דיקטאַטורן. מיר וואָלטן די חברים געוואָלט זען קליגער אויך אין שייכות צום אַזוי גערופענעם אַנטיאימפּעריאַליזם.

מען מוז אויסנוצן די לעקציע פון דעם, וואָס קומט היינט פאָר אין קובאַ, כדי מען זאָל מאָרגן ניט דאַרפן וויינען אויפן רויטן אימפּעריאַליזם אין נייע פונקטן פון קאָנטינענט.

יולי 1960

ווּהין פירט אונדזער מלוכה־קולט?

ווען מען האָט, ערב דעם באַשלוס צו צעטיילן פּאַלעסטינע, אויסגעפרעגט אין אַ אונאָ־קאָמיסיע אַ שורה ייִדישע פּערזענלעכ־קייטן, האָבן אַלבערט איַינשטיין און י. נ. שטיינבערג זיך אַרויסגע־זאָגט קעגן דער שאַפונג פון אַ ייִדישער מלוכה און באַגרינדט זייערע מיינונגען מיט אַנטי־מלוכישע טעמים. מיר געדענקען ניט און מיר קענען איצט ניט נאָכקוקן קיין דאָקומענטן וועגן יענער אַנקעטע. מיר ווייסן אָבער, אַז נאָך אַ צאָל באַדיַיטנדיקע ייִדישע מענטשן זענען דעמאָלט געווען קעגן דער עטאַבלירונג פון דער ייִדישער מלוכה, הגם זיי האָבן ניט דווקא אָנגעגעבן קיין אַנטי־שטאַטלעכע מאָטיוון. ס׳געהערט צו די זינד פון אונדזער דור די צו שטאַרק פּאַרשפּרייטע גרינגשאַצנדיקע באַציִונג צו יענע פּערזענ־לעכקייטן, צווישן וועלכע עס זענען, פון דעסט וועגן, פאַראַן שפּיצן פון ייִדישן געדאַנק און פון דער ייִדישער טוּונג. ווען מיר גופא וואָלטן אַ מאָל ניכשל געוואָרן, חלילה, מיט אַזאַ גרינגשאַצונג, וואָלטן מיר נאָך דעם טיכטיק דורכגעפּאָרשט די קוואַליטעט פון די עמאָ־ציעס, פון די הרהורים וואָס האָבן אונדז דערפירט צו אַזאַ עבירה. ווען מיר זעען צו ווי געוויסע פען־האַלטערס פאַלן אַן אַזוי לײַכט און אַזוי „עלעגאַנט” אויף מענטשן, וואָס אונדזערע טאַטעס וואָלטן זיי באַטיטלט קדושים און טהורים, פרעגן מיר זיך צי דאָ ווירקט זיך ניט אויס צו מאָל די קדמונותדיקע שינאה פון די בויכקריכערס קעגן אָדמס געזעצלעכע קינדער.

אונדז האָט קיינער ניט געפרעגט קיין מיינונג און מיר האָבן ניט געדאַרפט מאַכן קיין גרינטלעכע פאָרשונג און קיין ערנסטע נאָכטראַכטונג אויף צו שאַפן זיך אַן אָרנטלעכן און פאַראַנטוואָרט־

לעכן אורטייל וועגן דעם ענין. מיר ווערלן אָבער ניט באַהאַלטן, אַז בשעתו האָבן מיר געהאַט דעם איינדרוק, אַז די ייִדישע מלוכה איז אין יענער צייַט געווען אַ נויטווענדיקייט: דאָס ייִדישע פאָלק האָט נייטיק געהאַט דעם פּאַסקודנעם שטאַטלעכן אינסטרומענט, קודם־כל, מחמת נאָר אויף אַ מלוכישן נאָמען האָט דאָס פאָלק געקענט „דערוווערבן" אייגנטום־רעכט אויף אַ שטיקל באָדן. אוודאי איז אָט דאָס מלוכישע „אייגנטום־רעכט" אויף אַ חלק פון גאָטס ערד אַ נבלה און אַ מאָראַלישער אומזין. מיר, ייִדן גופא, האָבן צו דערציילן שווי־דערלעכע גבייות־עדות וועגן אָט דעם גזלנישן איינפיר. מיר דאַרפן ניט מישן קיין בלעטער אין דער בלוטיקער געשיכטע פון אונדזערע טויזנטער־יעריקע וואַנדערונגען איבער „פרעמדע" ערדן. געגנוג סדום־ועמורהדיקע זינד זענען פאַראַן בלויז אין די פאַרמלחמהדיקע וואַנ־דערונגען פון שיפן מיט ייִדן, וואָס אַלע פאָרטן זענען געווען פאַר זיי פאַרמאַכט. די פּאַשיסטישע דייַטשלאַנד, פּוילן, רומעניע האָבן געברענט די טריט, אָבער די שכנישע „סאָציאַליסטישע" רוסלאַנד האָט אפילו ניט אַרויסגעוויזן קיין ספקות אויף איר „רעכט" ניט אַרייַנצולאָזן קיין „פרעמדע" אויף „אירע" העכער 20 מיליאָן קוואַ־דראַט־קילאָמעטער שיטערלעך באַזעצטן לאַנד. די דעמאָקראַטישע רוזוועלטישע נאָרד־אַמעריקע האָט „געטאָן טובות". אין אונדזער אַרגענטינע, מיט אירע דעמאָלטיקע 16-17 מיליאָן איינוווינערס אויף דרייַ מיליאָן קוואַדראַט־קילאָמעטער, האָט מען ייִדן געדאַרפט דורכ־שמוגלען. אויסטראַליע האָט דערקלערט אין עוויאָן, אַז זי האַלט איר לאַנד פאַר אַנגלאָ־זאַקסן (ווי עס זעט איצט אויס קען זייַן אַז זי האָט גאָר דאָס לאַנד געהאַלטן פאַר כינעזער, צי אינדאָנעזער). לאָמיר דאָס אַלץ דערמאָנען און געדענקען, כדי ניט צו פאַרכלינען זיך איצט מיט אונדזער אייגענעם „אייגנטום־רעכט" — דער חומש דערמאָנט מער ווי איין מאָל די ייִדן, אַז זיי זאָלן געדענקען, אַז זיי זענען געווען קנעכט אין מצרים, כדי ייִדן זאָלן אַליין זיך ניט איינ־שמועסן, אַז שקלאַפן־טרייַבערייַ איז אַ דערהויבענע מידה.

מען האָט אפשר געדאַרפט האָבן די מלוכה אויך דערפאַר, מחמת זי אַליין איז „געזעצלעך" באַרעכטיקט צו פאַרמאָגן כלי־זיין און צו באַנוצן זיי. די מלוכה האָט „לעגאַלע" רעכט צו אָפּטאָן אַן אַ

שיעור געמיינקייטן, פאַר וועלכע אַ יחיד וואָלט זיך ניט אויסגע־צאָלט מיט קיין מיליאָנען טויט־שטראָפן. אויפן הייסן מאָמענט און נאָך אַ מאָוימדיקער מלחמה, האָט מען פאַרמשפּט עטלעכע נאַצישע היעראַרכן צו דער תליה פאַר די אומגלייבלעכע סאַדיסטישע מאָרדן איבער מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן. אָבער די פריַינד פון די עטלעכע פאַרמשפּטע האַלטן זיך פאַר... באַוואָלט, מחמת יענע האָבן דאָך נאָר אויסגעפאָלגט די שליחותן פון אַ „לעגאַלער" מלוכה.

מיר טראַכטן וועגן די רעשטלעך פון די וואַרשעווער געטאָ־קעמפּערס, וואָס האָבן מיט רעוואָלווערן און היימיש־פּראָדוצירטע באָמבעס געמוזט גיין קעגן די מאָדערנסטע מעכטיקסטע כלי־זיין. מיר טראַכטן פון די פּאַרטיזאַנער („באַנדיטן", אויפן לעגאַלן זשאַר־גאָן), וואָס זענען געווען גליקלעך צו פאַרמאָגן זאָל זיַין דאָס באַ־שיידנסטע געווער. מיר פּרוּוון אַריַינגיין אין האַרצן פון די לעבנגע־בליבענע פּליטים פון רוסלאַנד, וועמען רשעותדיקע דיקטאַטאָרם האָבן אָן אַ פאַרוואָס פאַרשיקט אין די קאַטאָרגע־לאַגערן. פאַר־שטייען מיר, אַז דאָס באַזיצן מאָרד־מכשירים קען אויסזען אַ גליק אין אַ וועלט, וואָס האָט זיך דערדינט צו אַזעלכע סימבאָלן און געטשקעס ווי אַ סטאַלין און אַ היטלער.

וואָס מיר וועלן אָבער קיין מאָל ניט פאַרשטיין, איז אַז מיר, די גרעסטע קרבנות פון דעם ווירולענט־געוואָרענעם מלוכה־געצנדינסט, זאָלן אַליין נעמען בוקן זיך און קניִען צו אָט דער בלוטיקער און העסלעכער עבודה־זרה. ווען מיר געפינען זיך פאַר אַזאַ פאַקט, פאַר־לירט די טראַגישע געשיכטע פון אונדזער פאָלק דעם לעצטן שטיקל זין וואָס שטראַלט זי דורך. מיר דערזעען זיך פאַר אַזאַ מין חושכ־דיקן תהום, כאָטש נעם טאַקע און אַנטלויף צוריק אַזש ביז צו די צייַטן פון יהושע בן נון!

אָבער זינט די צייַטן פון יהושע בן נון ביז איצט האָבן מיר דורכגעמאַכט אַ ניט אַפּמעקלעכע געשיכטע, וואָס האָט אויסגעפּו־רעמט די זייער קאָנטיקע פּערזענלעכקייט פון אונדזער אומה און געהאַט אויך אַ געוואַלטיקע ווירקונג אויף דער נשמה פון דער מענטשהייט בכלל. און די תמציתדיקע דערגרייכונגען פון אונדזער לאַנגער, טראַגישער און גלאָררייַכער געשיכטע זענען אַלע באַקומען

געוואָרן אָן אַ זײַט פון דער מלוכה און אַפּילו קעגן דער מלוכה. אַפּילו די אמונה אונדזערע איז אין איר תוך, אַ שאַפונג וואָס איז ווייניק־וואָס שולדיק ניט נאָר די בּנעניזירטע, העלעניזירטע און ראַ־מאַניזירטע מלכותן, נאָר אַפּילו דעם אָפיציעלן כהנטום.

די אמונה איז געווען און איז שעפעריש לאו־דווקא אין ארץ־ישראל און לאו־דווקא אין חוץ־לארץ, אָבער תמיד ווײַט פון די מלכותן, פון די במקום־מלכותן, פון די מלכותן אונטערוועגנס. די טעאָריעס וועגן די כלומרשטע שעפערישע וווּנדיירים פון די ריש־גלותאס, פון די קהילות, פון די וועדי ארבע־ארצות אאַז״וו דער־גייען עפעס ניט אַפילו צו די דלד־אמות פון אונדזער האַרצן.

דאָס רוב סאָציאָלאָגן אונדזערע קומען צו צו אונדזער לעבן מיט פרעמדע מאָסן (וואָס טויגן אין דער פרעמד אויך ניט!), און זיי זענען בלינד אויף ביידע אויגן פאַר די בולטסטע כאַראַקטערים־טישסטע און שעפערישסטע שטריכן פון אונדזער לעבן. ווען מען וואָלט אונדז גופא, למשל, צוגעשטעלט צו דער וואַנט מיט אַ שאלה: אויף וואָס פאַר אַ פעלד האָבן די ייִדן ארויסגעוויזן די סאַמע וויכ־טיקסטע און דעציזירנדיקסטע שעפערישקייט — קען זיך מאַכן, אַז מיר וואָלטן געענטפערט, אַז דאָס גרעסטע שעפערישע עשירות האָט דאָס פאָלק אַרויסגעוויזן אויפן פעלד פון דער ספּאָנטאַנער געזעלשאַפטלעכקייט.

אונטער די אַלע אומשטאַנדן — אָפט מאָל אַפּילו מאָוימדיק שווערע — האָבן ייִדן אַרויסגעוויזן און ווײַזן נאָך אַרויס אַ געוואַל־טיקע פעיִקייט צו שאַפן אַן עשירות פון פאַרשיידנערליי געזעל־שאַפטן: פון אַלערליי פאַרבן, פון אַלערליי געשטאַלטן, מיט אַלערליי צילן. — וואָס פאַר אַ „פּויפסטום״ האָט עס אָרגאַניזירט די צענד־ליקער טויזנטער שילן, ישיבהס, סעמינאַרן, חסידישע הויפן, ראַבּי־נאַטן, אאַז״וו? פאַר אונדזערע אויגן זענען אויפגעקומען, שנעל און ספּאָנטאַן, טויזנטער קערפּערשאַפטן אויף צו פאַרזאָרגן די פאַר־שיידנסטע עקאָנאָמישע, קולטורעלע, געזעלשאַפטלעכע, דערציִערי־שע, נאַציאָנאַלע, קעגנזײַטיקע הילף־באַדערפענישן אאַז״וו.

די פּײַנסטע סאָציאַלע פאָרשערס, אונדזער מאַרטין בובער בתוכם, באַטראַכטן אָט די ספּאָנטאַנע געזעלשאַפטן פאַר דער סאַמע

תמציתדיקער האָפענונג פון דער מענטשהייט. שונאים פון אָט דער געזעלשאַפטלעכקייט זענען די טאָטאַליטאַרע מלוכות, וואָס ווילן מאַנאָפּאָליזירן אַבסאָלוט אַלע סאָציאַלע טעטיקייטן און קוקן סתם מיט (באַרעכטיקטן) חשד אויף יעדער מענטשלעכער פאַראייניקונג אַן אַ זײַט פון זייער לויתן-מלוכה.

צײַט צו מאַכן אַ שטיקל חשבון, וואָס פאַר אַ ווירקונג אונדזער פרישער און ווירולענטער מלוכה-קולט האָט געהאַט אויף די פאַרשיידנסטע פאַצעטן פון אונדזער שעפערישקייט. מיר דאָ, אין די תפוצות, דאַרפן דער עיקר וויסן צו וואָס יענער קולט צילט, וואָס ער האָט שוין מתקן געווען און וואָס ער האָט שוין קאַליע געמאַכט און וואָס ער גרייט זיך ערשט קאַליע צו מאַכן בײַ אונדז, דאָ.

יאַנואַר 1961

העגעמאָניע דורך מלוכה

מיר האָבן גערעדט וועגן דעם, וואָס יידישע סאָציאָלאָגן האָבן זיך מסתמא ניט געקענט עמאַנציפּירן פון פרעמדע שפּאָקולן, בעת זיי האָבן אַזוי שטאַרק געזוכט און „געפונען" אין יידישן לעבן אין די תפוצות יענע מלוכישע עלעמענטן (ריש-גלותא, קהילה א"אַ), וואָס האָבן כלומרשט אויפגעהאַלטן די אומה בײַם לעבן. די קהילה, דער עיקר, איז געוואָרן עפּעס אַ מין מיטאָלאָגישער אַטלאַס, וואָס האָט, כידוע, אויפגעהאַלטן אויף זײַנע פּלייצעס די ערד.

ווער עס האָט געלעבט אין די אַלטע יידישע ישובים, און אַפילו אין די נײַע לענדער, באַזונדער איידער די מלוכישע אַבעראַציעס האָבן גענומען באַוווּסטזיניק אויסהאַקן די פרײַהייטלעכע געזעל-שאַפטלעכע פלאַנצן, — יענער וועט אָן שוועריקייטן קענען באַ-שטעטיקן דאָס, וואָס מיר זאָגן דאָ: דאָס (כלפּי פּנים) פרײַהייטלעך, אַנמלוכיש לעבן האָט בײַם יידישן פאָלק אַרויסגעבראַכט אַזעלכע אייגנשאַפטן, וואָס אַנדערע וואָלטן זיי געמעגט מקנא זײַן: יעדער יחיד האָט געפילט אין זיך די אַחריות פאַר די יידישע הצטרכותן. אין יעדערן איז אויך געווען וואַך די איניציאַטיוו צו טאָן דאָס נייטיקע אויף צו פאַרזאָרגן יענע באַדערפענישן. פאַרשיידנערליי חברות זענען אויפגעקומען לײַכט און ספּאָנטאַן, און די שײַכות פון די חברים צו זייער חברה און צווישן זיך איז געווען אַן אָרגאַנישע. דער יחיד, וואָס האָט געהערט צו אַזאַ חברה, האָט געפילט אַז ער איז לעבעדיק פאַרבונדן מיט איר און, דורך איר, מיטן גאַנצן פאָלק.

סאַראַ חילוק ס'איז פאַראַן אין דעם כאַראַקטער פון דער שײַ-כות, וואָס עס האָבן געהאַט צווישן זיך מיטגלידער פון, לאָמיר זאָגן, איין ציוניסטישער אגודה, און דער שײַכות, וואָס עס האָבן צווישן

זיך די אַלע, וואָס ד״ר נחום גאָלדמאַן האָט באַוויזן צו „פּאַראַיי־ניקן״ אין אַרגענטינע אין איין ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע! ד״ר נחום גאָלדמאַנס מאָנסטער־שאַפונג איז אַ טיפּישע מלוכישע פאַר־בינדונג (אין דעם פאַל, אַ דיקטאַטאָריש־מלוכישע!). דאָס איז אַ קאָנגלאָמעראַט פון מידבר־זאַמד, אָן אַ זכר פון הומוס. דאָס איז אַ פיקציע פון אַ פאַרבינדונג, ווײַל זי פאַרמאָגט ניט קיין נשמה און קיין ברעקל חיות. מיט ביוראָקראַטישע רעדלעך און שרײַפלעך קען מען דעם אפשר געבן אַ שטיקל ענלעכקייט אויף אַ מאַשין, אָבער עס וועט קיין מאָל ניט ווערט זײַן דעם נאָמען אָרגאַניזאַציע, און זיכער ניט געזעלשאַפט. דורך אַזעלכע מינים אומאָרגאַנישע „אָרגאַ־ניזאַציעס״ קען אַ פאָלק ניט ממשיך זײַן קיין געשיכטע!

אפשר מאַכן מיר צו גרינג אונדזער אויפגאַבע, בעת מיר נוצן פאַר אַ פאַרגלײַך די גאָלדמאַנישע שוין צו עקסטרעם־פּיקטיווע פאַר־זעעניש: מיר טוען עס באמת בלויז אויף צו דערמאָנען דעם ישוב אין דעם מיאוסן און שעדלעכן פלעק, וואָס דאַרף, וואָס מוז פון אים אַראָפּגענומען ווערן וואָס פריִער. אָבער יעדע אָרגאַניזאַציע פון מלוכישן מין, די מלוכה גופא אַרײַנגערעכנט, לײַדט אויף דער זעל־ביקער מעכאַנישקייט. דער בירגער פילט זיך ניט פאַר קיין לעבע־דיקער צעל אין דער מלוכה און ער פילט ניט, אַז ער זאָל, דורך דער מלוכה, זײַן לעבעדיק פאַרבונדן מיט אַלע איבעריקע בירגערס. ער גייט צו די וואַלן, ווען מען רופט אים; ער צאָלט שטײַערן אאַז״וו און בײַ דעם אַלעמען האָט ער ס׳רוב אַ בלויז מעכאַנישן קאָנטאַקט מיט די מלוכה־ביוראָקראַטן. אָט די לעצטע, וואָס וועגן זייער אומ־שעפערישער ראָל אין דער געזעלשאַפט עקסיסטירט שוין אַן אַלגע־מיין אָנגענומענע מיינונג, זענען עס די ריכטיקע אויספירערס פון די מלוכישע פונקציעס.

דאָס שעפערישע לעבן פון אַ פאָלק גייט אין דער אמתן אָן אויסער דער מלוכישער מאַשין. אדרבא, די מלוכה איז אָפטער ווי אַלץ אַ שטער פאַרן פאָלקס שעפערישקייט. אָט קומען אונדז אָן אָנגעטלעכע גרוסן פון דער מלוכישער ווירקונג אויף די ישראלישע קבוצות. ווען די מלוכה מישט זיך שטאַרק אַרײַן אין דער ליטעראַ־טור, קונסט, טעאַטער, מאַכט זי פון זיי אַ תל. און ווער ווייס פאַר

וויפל פונעם טרויעריקן, וואָס פּאַסירט אין אונדזערע דורות, איז שולדיק דער פאַקט, וואָס די מלוכות האָבן איבערגענומען די דער־ציִונג אין זייערע עקרדיקע, אומבאַרופענע, פּניותדיקע, נשמהלאָזע, אַמאָראַלישע הענט!

אַ געזעלשאַפט איז זאַפטיקער, לעבעדיקער, שעפערישער, ווען זי האָט, חוץ דער מלוכה און פולשטענדיק אומאָפּהענגיק פון איר, אַ וואָס גרעסערע עשירות פון פרײַוויליקע און פרײַהייטלעכע פאַר־איינען: דערציִערישע, קולטורעלע, קאָאָפּעראַטיווע אאַז״וו, אאַז״וו. די קאַטאַסטראָפע הענגט איבער אַ געזעלשאַפט, ווען אָט די פרײַ־וויליקע פאַראייניקונגען פאַרמינערן זיך אָדער ווען זיי הייבן אָן צו זוכן דעם טייטלעכן שוץ פון דער מלוכה.

ביטער ווי דער טויט איז, ווען אַזעלכע סימפּטאָמען באַווײַזן זיך ערגעץ אין אַ ייִדישער תפוצה. עס איז שווידערלעך צוצוזען, ווי אַ ייִדישער ישוב הייבט אָן מקריב צו זײַן זײַנע לעבעדיקע געזעל־שאַפטלעכע שאַפונגען פאַר אַן אָפּגאָט־מלוכה, וואָס געפינט זיך ווײַט. דער געץ האָט ניט אַזעלכע לאַנגע הענט אויף צו קענען פאַרבײַטן מיט זײַנע מעכאַנישע דערזאָצן די לעבעדיקע און שעפע־רישע מוסדות, וואָס זײַן קולט האָט צעשטערט. די מלוכישע דער־זאָצן האָבן ניט דעם קלענסטן שאַנס צו דינען אין אַזעלכע אומ־שטאַנדן, ווו די פרײַוויליקייט איז חרוב געמאַכט און די צוואַנג האָט בלויז דמיונדיקע נעגל!

סאָציאַל־פּסיכאָלאָגן פּרוּוון דערקלערן די מאָטיוון, פאַר וואָס די מלוכישע עבודה־זרה האָט איצט אַזוי באַהערשט די פעלקער אויף דער ערד. ווײַ, אונדזער „מאָנאָטעיִסטיש" פאָלק איז נאָך אפשר פאַרכאַפּט פון אָט דעם קולט, מער ווי אַנדערע פעלקער. ייִדן קענען זיך גאָר ניט אויפשטעלן פון זייער קניִען פאַר דעם שפּילעכל, וואָס זיי האָבן באַוויזן זיך אויפצושטעלן!

בײַ דעם אַנדערן צד, בײַ די מלוכה־מענער, האָט איר שטענדיק געפועלט, אַז קיינער דאַרף זיך שוין אין גאָר ניט מישן, אַז זיי אַליין קענען שוין פאַרזאָרגן די פירערשאַפט אויף אַלע פעלדער, און די אַנדערע פלאַנטערן זיך נאָר צווישן זייערע גאָט־געזאַלבטע פיס.

עס איז שווער פאַרצושטעלן זיך אַ מלוכה־מענטש, וואָס זאָל זײַן

געזונג קלוג אויף צו פאַרשטיין, אַז עס איז פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ זאַך, וואָס ער, דער מושלם, קען ניט און ווייסט ניט.

אין אונדזער מלוכה „פון סאַמע גאונים" איז, פאַרשטייט זיך, ניט בעסער ווי ערגעץ אַנדערש. אַדרבא, לעצטנס האַלטן די געשעענישן אין כסדרדיקן דערמאָנען, אַז אונדזערע מלוכה־מענער (און אויך די רעגירטע, נאַטירלעך!) פירן זיך אויף וועדליק די סאַמע ערגסטע מוסטערן אין דער ריכטונג.

אויף אונדז גופא האָט די דערדריקנדיקסטע ווירקונג געהאַט דווקא ניט די טרויעריקע „פרשה" (סאַראַ שיין וואָרט מען האָט עס קאַליע געמאַכט!) — אונדז האָבן אומרויִקער געמאַכט אַנדערע סימפּטאָמען פון דער ווירולענטער געצנדינסט, וואָס האָט איינגעבראָכן אַפילו אונדזער אינטעליגענץ. עס האָט אונדז אָפּגעשטויסן דער טומל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין שייכות מיט בן־גוריונס גירסאַ וועגן דער צאָל ייִדן, וואָס משה האָט אַרויסגעפירט פון מצרים. אמת טאַקע, אַלע האָבן קריטיקירט. אָבער צי איז יענע טעאָריע דען ווערט געווען אַ טויזנט־חלק פון דעם טינט, וואָס איז פאַרברויכט געוואָרן אויף אָפּצופרעגן זי? אַפילו אין „אויפן שוועל" האָט מיכאל אַסטור, אַן אַסיראָלאָג פון באַרוף, פאַרווענדט אַ שפּאַר ביסל פּולווער אויף צו דערווייזן, אַז בן־גוריונס טעאָריע שטייט אונטער יעדן וויסנשאַפטלעכן ניוואָ. האָט אָבער עמעצער געקענט האָבן אַן אַנדער מיינונג וועגן יענער אַנאַכראָנישער סכאָלאַסטיק?

נאָך אַן ערגערער סימפּטאָם איז געווען דער ויצעקו, וואָס די ישׂראלישע שרייַבערס האָבן אויפגעהויבן אַרום דער „ליטעראַרישער" קאָרעספּאָנדענץ צווישן משה שמירן און בן־גוריונען. פון ווען אָן דאַרף עס אַ פּרעמיער זיין אַ פּוסק אין ליטעראַרישע שאלות? וואָס פאַר אַ באַדייַטונג האָט בן־גוריונס אַ הסכמה אויף אַ ליטעראַרישן אָדער וויסנשאַפטלעכן ווערק? וואָס איז דאָ צו נתפּעל ווערן וועגן בן־גוריונס אַ מיינונג וועגן ליטעראַטור בכלל?

אין אַ געזינטערער געזעלשאַפט וואָלט מען מסתמא זיך שטאַרק גערעכנט מיט בן־גוריונס אַ פּאָליטישער מיינונג. וועגן אַ פּסוק וואָלט מען זיך מסתמא צוגעהערט צו יחזקאל קויפמאַנען, וועגן פּאָעזיע וואָלט שטענדיק געווען אינטערעסאַנט צו הערן, וואָס עס

האָבן צו זאָגן סוצקעווער, אורי־צבי גרינבערג וכו׳. מיט אַ שאלה וועגן דערציִונג וואָלט מען זיך אפשר געווענדט צו ערנסט סימאָנען. וועגן פילאָסאָפיע וואָלט אינטערעסירט צו וויסן וואָס טראַכט מאַר־טין בובער. וועגן ייִדיש מעג זאָגן אַ מיינונג דוב סדן.

עס איז אַ סימן פון אַ ביטערער געפאַלנקייט דאָס, וואָס בײַ אונדז האָבן אַן אָפּקלאַנג נאָר בן־גוריונס רייד, סײַ ווען דער ענין איז פּאָליטיק (וווּ ער איז ניט קיין הדיוט און ער האָלט טאַקע אין איין אַנטלויפן דערפון, אין איין רעגונסירן), און סײַ אין פסוקים, אין ליטעראַטור, אין פילאָסאָפיע, אין דערציִונג, אין ייִדיש אאַז״וו. (און פון די ענינים וויל ער ניט אַנטלויפן!).

צו אונדזער האַרצווייטיק, דערגייט בן־גוריונס אומבאַרופענע מיינונג און ווירקונג אין שײַכות מיט דערציִונג און ייִדיש אַזש ביז אַרגענטינע. און ווער ווייסט ווי גרויס עס איז דער חורבן, וואָס אָט די אַרײַנמישונג האָט שוין אָנגעמאַכט און די, וואָס זי וועט נאָך אָנמאַכן!

ניט בעסער זענען די כסדרדיקע אײַנשטערענגונגען צו באַהערשן אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווערן דורך דעם דענאַטוראַליזירט.

מענטשן האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף דער העגעמאָניע איבער תפוצות דורכן אוממעגלעכסטן אינסטרומענט אין אונדזערע אומ־שטאַנדן; דורכן אינסטרומענט פון אַ מלוכה!

עס קען דערפון בשום אופן ניט אַרויסקומען קיין גוטס!

פעברואַר 1961

בערל גרינבערג

מיר זענען ניט מכוון מיט אָט די שורות אַראָפּצורעדן עפּעס פון אונדזער צער איבער דער טראַגישער אבידה פון אַ לאַנגיאָריקן און ליבן פריינד. מיר זענען דאָ אויך ניט אויסן אויסצודריקן דעם טרויער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט איצט שוין דעפיניטיוו פאַרלוירן אַזאַ — געבענטשטן? — טאַלאַנט. אָבער מיר פילן, אַז מיר טאָרן זיך ניט באַפרייען פון חוב אָנצווייזן אויף דעם טראַגישן סאָציאַלן פּראָבלעם, וואָס דער שווידערלעכער פאַל שטרייכט אונטער אויף אַזאַ אומברחמנותדיקן אופן.

די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט ביז איצט ניט געשאַפן קיין נאָרמאַלע עקאָנאָמישע אַחיזה פאַרן קינסטלערישן שרייבער. מיר האָבן אויף דעם פעלד ניט שטאַרק פּראָגרעסירט זינט די צייטן, ווען די פּאָעטן פלעגן אויסזינגען, אָדער רעציטירן זייערע שאַפונגען אויף די מערק צי פון שטוב צו שטוב און קריגן לוינען, וואָס זענען געווען האַלבע נדבות. אָדער ווען די שרייבערס זענען געווען אָנגעוויזן אויף דער מתנת־יד פון די רייכע „מעצענאַטן״. מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז די היינטיקע, אומגלייכע און אומרעגולערע „האָנאָראַרן״ קריגן די שרייבערס בלויז פאַר זייטיקע, אומקינסטלערישע איינגעשאַפטן פון זייער שאַפן — אַזעלכע איינגעשאַפטן, וואָס ברענגען פאַרווייַלונג, אָדער אַנדערע נוצן. ניט פאַר דעם שרייבערס קונסט. אַדרבא, פאַרן שולחן־ערוך פון פרנסה זענען קינסטלערישע מחשבות און בילדער ניט מער ווי מחשבות זרות, וואָס פירן אַראָפּ פון גלייכן וועג. דעם שרייבערס קונסט פירט אים גיכער אַוועק פון פרנסה, און אין טאָטאַליסטישע לענדער שטעלט זי אים נאָך דערצו אויס צו פיזישע סכנות. די עקאָנאָמישע מערכה פונעם קינסטלער אין דער

געזעלשאַפט, אונטער אַלע ביז איצט איַינגעשטעלטע אָרדענונגען, קלעקט פאַר זיך גופא ווי אַ ניט אָפּפרעגלעכער באַוויַיז פון קרומ־קייט. פאַרן קינסטלער איז אַט די אומנאָרמאַלקייט אַ קוואַל פון אַלערליי פּיַינען, קאָמפּלעקסן און מאָראַליש־גיַיסטיקע פאַרקריפּ־לונגען.

אָבער דער שווידערלעך צוגעאיַילטער פינאַל פון דער דראַמע בערל גרינבערג וואַרפט אַ שניַידיקן ליכט אויף די גאָר באַזונדערע דראַמאַטישע אומשטאַנדן אין וועלכע עס מאַטערט זיך די יִדישע ליטעראַטור אין אונדזער אַרגענטיניש־יִדישער געזעלשאַפט.

דער פּריציַיפּיעקער און דראַסטישער סוף איז געקומען פאַרן זייער באַגאַבטן און זייער באַליבטן שריַיבער, נאָך אַ יאָרנלאַנגן שעפערישן הינערפלעט. אָט דער לעצטער אומשטאַנד צווינגט צו דערמאָנען זיך, אַז בערל גרינבערגס דראַמע איז ניט קיין אויסנאַם, נאָר גיכער דער טרויעריקער כלל אין דער אַרגענטיניש־יִדישער ליטעראַטור. אַדרבא, אויסנאַמען — און גאַנץ זעלטענע! — זענען די קינסטלערישע שריַיבערס אונדזערע, וועלכע האָבן באַוויזן גובר צו זיַין די אומשטאַנדן, וואָס האָבן אונדזערע שריַיבערס געפירט צו אומפּראָדוקטיקייט, צו סטאַגנאַציע און צו דעזערציע.

עס איז שווער צו גראָבן זיך אין פרישע וווּנדן, אויף אויסצו־זוכן יענע מיקראָבן, וואָס האָבן פאַראורזאַכט אָט די ספּעציפישע קרענק פון אונדזער סביבה. נאָך שווערער איז אָפּצוגעבן זיך מיט אַנאַליזן, בעת מיר אַלע גייען אַרום צעטומלטע און צעוויַיטיקטע, אין פרישער אבלות.

אָבער קיינער פון אונדז איז ניט פריַי פון דעם חוב נאָכצו־טראַכטן און צו זוכן די סיבה פון אונדזער טראַגעדיע.

סעפּטעמבער 1961

צו נתן חפשין

איך בין זייער דאַנקבאַר חבר נתן חפשין דערפֿאַר, וואָס ער פֿאַרשטייט וואָס פֿאַר אַן אָנשטרענגונג איך האָב געמאַכט אויף אים צו פֿאַרשטיין. צי איך האָב אים טאַקע פֿאַרשטאַנען, בין איך — אַלטער סקעפּטיקער וואָס איך בין — ניט צו שטאַרק זיכער. אויב די פֿאַרשטענדעניש, וואָס חבר חפשי ווײַזט אַרויס פֿאַר די געדאַנקען, וואָס איך האָב געוואָלט אויסדריקן מיט מײַן ענטפֿער צו אים („דאָס פֿרײַע וואָרט" נ' 66) קען מיר דינען פֿאַר אַ שפּיגל — איז האַלטן מיר נאָך ביידע בײַם מאָנאָלאָג. זענען מיר נאָך ווײַט־לעך פֿונעם דיאַלאָג, וואָס חפשים באַרימטער פֿרײַנד פֿונעם איחוד האָט אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן שער פֿון דער הײַנטצײַטיקער מחשבה.

עס פֿעלט מיר אַפֿילו ניט אײַן צו באַשולדיקן אין דעם חבר חפשין. אַדרבא, איך בין זיכער, אַז, אין דעם פּרט (ווי אין אַ סך אַנדערע עיקרדיקע פּרטים), איז ער מײַנער אַ ברודער אין נויט. די „וועלט" ווײַזט שוין אַרויס, זינט לאַנגע יאָרן אויף יעדן פֿאַל, טויבע אויערן פֿאַר אַלע אונדזעריקע, און פֿאַר מיר אויך בתוכם. איך האַלט עס שוין פֿאַר מײַן גורל, וואָס איז אפֿשר, טרייסט איך מיך, ניט טראַגישער ווי דאָס איז דער גורל פֿון די, וואָס די „וועלט" פֿאַרשטייט זיי אויפֿן ווונק.

שטעלט אײַך פֿאָר, אַז איך האָב ערשט ניט לאַנג, פֿאַר אַ מסיבה פֿון פֿרײַנד מיט וועלכע מיר אַרבעטן צוזאַמען פֿאַר אַ זאַך זינט שיינע עטלעכע יאָר, געדאַרפֿט דערציילן אָט די מעשׂה: ניט ווײַט פֿון אַ שטעטל, וואָס געפֿינט זיך בשכנות מיט אַ ייִדישער קאָלאָניע אין ענטרע־ריאָס, האָט געהאַט זײַן פֿאַרם איינער אַ דײַטש פֿון דער וואָלגע־געגנט. ער האָט שוין געוווינט אין אַרגענ־

טינע איבער פערציק יאָר, אָבער ער האָט נאָך ניט געקענט קיין שײַטל שפּאַניש, און ער פּלעגט זיך פאַרשטענדיקן מיט די שטעטלשע קרעמערס, רעגירונג-אָנגעשטעלטע אַאַז״וו אויף שטום-לשון. איין מאָל איז יענער דײַטש אַרויס פון די כלים:

— דאָנערוועטער! שוין פערציק יאָר, אַז איך בין דאָ, און זיי קענען נאָך אַלץ ניט ריידן קיין דײַטש!

נו יאָ, איך אינטערעסיר מיך מיט ווערטן, וואָס וואָלטן מסתמא געקענט ראַטעווען אונדזער אומגליקלעכע וועלט, אָבער די ווערטן זענען ניט אין מאָדע, און — דער עיקר! — קיינער פון די, וואָס האָבן דעם אַפּאַראַט אויף צו מאַכן אַ מאָדע, ניט קיין פּאָליטיקער און ניט קיין קרעמער, איז ניט פאַראינטערעסירט אין שאַפן אַ קליִענטור פאַר מײַנע ווערטן. אַדרבא... דערצו האָב איך אַ טבע צו אַנאַליזירן זאַכן, וואָס אינטערעסירן קיינעם ניט (דער קיינער קען זײַן: דער „נײַער קלאַס" אָדער די „פרײַע אונטערנעמונג" אַאַז״וו). און אַ שפּראַך באַנוץ איך אַזאַ זײַטיקע, אָן אַ ברעקל צו-מיש פון די שברי-סלאָגאַנס, וואָס זייער געווינטע אָנווענקייט פאַרשפּאַרט אָנצושטרענגען דעם מוח: וואָרעם מען דאַרף זיי גאָר-ניט פאַרשטיין! איך האָב מורא, אַז ווען איך וואָלט אַפילו גע-בענטשט געוואָרן מיטן שענסטן, ליכטיקסטן און דורכזיכטיקסטן סטיל פון אַ רעקליִו אָדער אַ קראָפּאָטקין, וואָלט מיר אַלץ איינס גאָרניט געהאָלפן.

אַנטשולדיקט, טײַערער חבר חפשי, וואָס איך האָב אָפּגעגעבן אַזוי פיל צײַט אויף אָראָפּצוריידן זיך פון הארצן (פון מײַנעם און, זיכער, אויך פון אײַערן): איך האָב מיט אַ כיוון אַרויסגעוויזן דעם צומיש פון יאוש אין מײַן האָפענונג — יענעם צומיש, וואָס לײַ-טערט, האַרטעוועט און הומאַניזירט די האָפענונג. עס איז פּונקט ווי יענער נייטיקער צומיש פון ספקות, וואָס לײַטערט דעם גלויבן פון אַטאַווישן געצנדינסט, וואָס פאַרטיפט, פאַרשטאַרקט און פאַר-מענטשלעכט די אמונות. חבר חפשי! איך האָב מורא פאַר די מענטשן, וואָס זענען ניט געבענטשט געוואָרן מיטן נייטיקן צומיש פון יאוש און ספק — זיי זענען אָפט מאָל סכנותדיקער ווי די פאַר-

צווייפלטע (די מרי־נפש) און ווי די וואָס „האָבן ניט קיין גאָט אין האַרצן"!

און, ווי, ערשט איצט מוז איך באַרירן נאָך אַ „זײַטיקן" ענין: וואָס איר רופט „ייִדיש און העברעיִזם". איר שרײַבט, אַז איך „פיל זיך געטראָפן" פון דער באַמערקונג, וואָס איר האָט געמאַכט בנוגע דעם. — עס הייבט זיך גאַרניט אָן! בסך־הכל, האָב איך אין מײַן פריִערדיקן ענטפער, געבראַכט דעם ענין ווי אַ משל. איך האָב אײַך געוואָלט טרייסטן אין אײַער דערקלערלעכער פאַרביטערונג, וואָס מענטשן ריידן ניט גענוג וועגן דער האַרבער שאלה פון די אַראַבישע פליטים, אַן ענין, וואָס לאָזט ניט רוען קיין מינוט אײַער געוויסן און וואָס איז דערצו פאַרבונדן מיט אַזאַ שווערער סכנה פאַרן ישוב. האָב איך אײַך געוואָלט אָנווײַזן, אַז איר גופא זײַט אויך גענייגט צו מינימיזירן די באַדײַטונג פון אַן ענין, וואָס אַנדערע רירט ער אָן ממש ביז צו די וואָרצלען פון זייער נשמה. מײַן כוונה דערבײַ איז געווען צו דערמאָנען אײַך, אַז אַזוי זענען מיר מענטשן באַשאַפן געוואָרן, און עס איז ניטאָ צוליב וואָס צו ווערן צו שטאַרק פאַרביטערט דערפאַר, וואָס אַן אַנדערער ווײַזט ניט אַרויס דעם זעלביקן אינטערעס פאַר אַן ענין, וואָס בײַ אונדז איז ער געקניפּט און געבונדן מיט דער נשמה ממש.

אָבער דאָס מאָל האָט איר מײַן אָרעמען, קראַנקן „ייִדיש און העברעיִזם" באַהאַנדלט אַזוי אומפאַרזיכטיק, אַז אפילו כדי ניט אַראָפּצופירן פון וועג אונדזערע לייענערס, מוז איך זיך אַ ביסל אָפּשטעלן אויפן ענין. איך האָב מורא, אַז איר האָט מײַנע אַרטיקלען וועגן יענער טעמע געלייענט זייער אויבנאויפיק. איך זאָג עס דערפאַר, ווײַל איך האָב זיך לעצטנס בכלל זייער ווייניק אָפּגעשטעלט אויף דעם „ריב הלשונות" גופא. אוודאי פאַרלייקן איך חלילה ניט מײַן „ייִדישיזם", הגם איך האָב מײַן חלק אין העברעיִש אויך קיין מאָל קיינעם ניט אָפּגעטראָטן. אָבער „גראָד" האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז די נשמהלאָזע תקיפים, די גײַסטיקע סריסים פונעם וועלטקאָנגרעס, פון דער אַגענץ און פון דער מלוכה האָבן גענומען צולייגן זייערע ידיים צו דער „קולטור אין די תפוצות", מיט דער זעלביקער בלינדקייט און גראָבקייט, וואָס די באָלשעוויקישע קאָ־

מיסאָרן האָבן אַרויסגעוויזן בנוגע די ליטעראַטורן, קונסטן און דער־ציִונג, אויף וועלכע זיי האָבן געקענט אַרויפֿלייגן אַ לאַפּע. דאָס וואָס די „פּעיִקע" ציוניסטישע „מלוכה־מענטשן" מאַכן איצט בײַ אונדז קאַליע, זענען טיילן פֿון די סאַמע וואָרצלען פֿון אונדזער פֿאָלקסלעבן. די אומגליקלעכע געצנדינערס גראָבן אפֿילו אונטער די יסודות, אויף וועלכע דאָס פֿאָלקסלעבן אין די תּפֿוצות האָלט זיך, האָט זיך געהאַלטן און קען זיך בכלל האַלטן: דאָס טיפֿערע גײַסטיקע לעבן און די אויטאָנאָמע, ספּאָנטאַנע, שפּרודלדיקע, שעפֿערישע איניציאַטיוו.

ריידן וועגן שפּראַכן איז שוין כמעט אַראָפּגיין פֿון דער טעמע. שטעלט אײַך פֿאָר אַ קאָנקורס פֿון תּלמידים פֿון מיטלשולן, שוין דווקא אויף „מײַן" ייִדיש... אָן איין און איינציקער ליטעראַרישער טעמע! אַזוי אויסגעמושטירט, צי אַזוי קאַסטרירט זענען שוין בים־לעכוויִיז געוואָרן אונדזערע לערערס: גאָלער „פּאַטריאָטיזם"! מען האָט די ייִדישע דערציִונג, דעם ייִדישן גײַסט איבערגעגאָסן אויף קוילן! בעת עס איז, חוץ אַלע זאַכן, קלאָר ווי די זון אין מיטן העלן טאָג, אַז ייִדיש לעבן קען פֿאַרגעזעצט ווערן בלויז מיט גײַסט!

חבר חפשי! צווישן מײַן „ייִדיש און העברעיִזם" — ווי איר רופֿט עס — און אײַער קאַמף קעגן דער ככל הגויִמדיקייט איז דער חילוק גאָרנישט אַזאַ גרויסער. אפֿשר שלאָגן מיר זיך אויף באַזונדערע באַריקאַדן, אָבער אין גרונט טאַקע פֿאַר דער זעלביקער אידייע! על־כּל־פּנים, פֿאַרזיכער איך אײַך, אַז איך בין טיף איבער־צײַגט, אַז איך שלאָג מיך פֿאַר „אַ בלוטיק־ערנסטן פּראָבלעם פֿון טויט און לעבן, פֿון לעבן אָדער אונטערגאַנג" פֿונעם ייִדישן פֿאָלק אין די תּפֿוצות.

איך מוז נאָך מאַכן נאָך אַן אָנשטרענגונג צו פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר אײַך — אײַער פֿאַרגלײַכן מיך מיטן לייטענאַנט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי פֿאַרלייקנט ממש איטלעכן טראָט אין מײַן לעבנס־גאַנג! איך בין ניט געווען גליקלעך מיט דער לייזונג, וואָס האָט אונדזער אַלט טראַגיש פֿאָלק פֿאַרוואַנדלט אין אַ וועלפּעלע — „לײַטן גלײַך"! פֿאַרקערט, איך האָב מיך געפֿילט טיף אומגליקלעך: איך געדענק די נאַכט, ווען עס איז אָנגעקומען אַהער די ידיעה וועגן

דער אומאָפּהענגיקייט־דערקלערונג. די שכנים פון מײַן געגנט, דאָס רוב אַראַבישע ייִדן, האָבן געהוליעט ביז פאַרטאָג. מיר איז געווען דווקא זייער שווער אויפן הארצן — די סכנה, וואָס איז געהאַנגען אויפן ישוב! דערצו האָבן מענטשן דעמאָלט געדעדט פון „אתחלתא דגאולה", און עס איז טרויעריק געווען פונעם פאַרגלײַכן די פּיצע־מאָנטשיקע און ככל־הגוייִמדיקע „פאַרווירקלעכונג"... מיט די טויזנט־יעריקע חלומות פון דער אומה. עס איז מיר שווער געווען אויפן האַרצן אויך דערפאַר, וואָס איך האָב מיך ניט געקענט מיטפרייען מיטן פאָלק. אין דער שלאָפלאָזער און — עס איז אפשר אַ חרפה צו דערציילן — קאַשמאַרער נאַכט, זענען מיר אַרויף אויפן געדאַנק אַלטע מדרשים: איין מדרש האָט צוגעזאָגט, אַז די, וואָס טרויערן אויפן חורבן, וועלן זיך פרייען מיטן אויפבוי. ווו זשע איז מײַן פרייד? אַ צווייטער מדרש דערציילט, אַז ווען די עולי־בבל האָבן געענדיקט אויפבויען דעם בית־המקדש, האָבן זיך די ייִנגערע ייִדן שטאַרק געפרייט. די עלטערע אָבער, וואָס האָבן געדענקט די פּראַכט פון ערשטן בית־המקדש און אים פאַרגליכן מיטן אָרעמ־לעכן נײַעם בנין, האָבן געוויינט.

איך, חבר חפשי, האָב מיטגעוויינט מיטן פאָלק אויף אַלע זײַנע חורבונות און מיטגעחלומט אַלע זײַנע חלומות — איך קען מיך ניט פרייען מיט דעם, וואָס ייִדן האָבן שוין אייגענע הערשערס, אייגענע פּקידים, אייגענע מיליטער, אייגענע פּאָליציי, אייגענע תּפיסות... אַלץ־אַלץ, זאָל עס פעלן אַ האָר, ווי די אַלע פעלקער־פּריצים, וואָס האָבן אונדז נעכטן געטראָטן מיט די שטיוול אויפן האַלדז! איך חלום פון אַן אַנדער „אתחלתא דגאולה" פאַר מײַן פאָלק און פאַר אַלע פעלקער אויף דער וועלט.

איך האָב געהאַט דעם גורל צו לעבן אין אַ תּקופה, בעת ייִדישע מענטשן האָבן מיטגעמאַכט די פריידיקע שאַפונגס־ווייען פון אַ קול־טורעלער „גאָלדענער עפּאָכע". און איך האָב געהאַט דעם גורל צו לעבען אין אַ צײַט, ווען מען האָט אויף קיין רגע ניט געקענט פאַרלירן דעם באַוווסטזײַן פון איינעמס ייִדישקייט — פּונקט ווי מען קען ניט אויפהערן צו פילן די עקסיסטענץ פון אַ ווייטיקדיקן אבר.

ניט צוליב גלײַכגילטיקייט צו מײַן פֿאָלקס גורל בין איך ניט געווען קיין ציוניסט און עס ניט געוואָרן ביז איצט!

יאָ, איך בין גוט און פֿײַן. און נאָך קיין ייִדישער מלוכה האָב איך גראָד אויך ניט געבענקט. און ווען איך בין בעת מײַן ערשטער באַקאַנטשאַפֿט מיט די היגע קאָרדאָבער בערג, אין מיטן פֿון אַן עקסטאַטישן אַרויפֿשטײַג, איבערגעשלאָגן געוואָרן פֿון אַ דראָט־פּאַרצאַמונג, האָט אָט די געשעעניש געמאַכט אויף מיר אַ דערשיטערנדיקן אײַנדרוק: איך האָב ערשט דעמאָלט באַנומען דעם גאַנצן גרויל, וואָס דאָס פּריוואַט־אייגנטום האָט אָפּגעטאָן צו אונדזער געוועזענעם גן־עדן, די ערד, און צום מענטשן אויף דער ערד. די „אינטערנאַציאָנאַלע" גרענעצן זענען נאָך שווידערלעכער און בלוטיקער און אומפֿאַרשטענדלעכער און געצנדינערישער ווי די „פּריוואַטע" דראָטצוימען.

און פֿון דעסט וועגן האָב איך אַ שאַרפֿן זכרון, און דערצו וויל איך ניט נאַרן ניט זיך און ניט אַנדערע. איך געדענק די אומשטאַנדן, אין וועלכע אונדזער מדינה איז אויפֿגעקומען. די גרויליקסטע און די בלוטיקסטע וועל איך דורכלאָזן: סײַ־ווי, האָבן מיר דאָך זיי ביידע פֿאַר זיך אין די טעג און אין די נעכט. אָבער איך וועל דערמאָנען אַ רײַזע אין אַן אויטאָ אין היגן אימיגראַציע־אַמט, צוזאַמען מיט אַן אַדוואָקאַט, וואָס ער האָט געשטאַמט פֿון גאָר „הויכע פֿענצטער", אָבער וואָס, מחמת שיכרות און שוואַכקייט צו אַזאַרטשפּילן, האָט ער זיך „אַראָפּגעלאָזט". דאָס געוויסן האָט אים אָבער געפּלאָגט, און עס האָט זיך אַרויסגעריסן בײַ אים: „ווײ, פֿאַר עטלעכע טויזנט פּעזעס פּועל איך, אַז מען זאָל אַרײַנלאָזן אין לאַנד אַרײַן נײַן ייִדן!" דאָס איז געשען אין 1939.

נאָך דער מלחמה, האָבן זיך טויזנטער ייִדן „אַרײַנגעשמוגלט" אין לאַנד, ווי טריפֿהנע סחורה. אַ סך זענען אַריבער דעם טײַך לאַ־פּלאַטאַ (אין שמאָלסטן אָרט האַלט ער 30 קילאָמעטער) אויף קליינע שיפֿעלעך. עס האָט געטראָפֿן, אַז אין מיטן טײַך (און אין מיטן נאַכט, פֿאַרשטייט זיך) האָט מען געבעטן די „גנבים בײַ נאַכט" אַראָפּצוגיין אין די כוואַליעס אַרײַן און העלפֿן אַראָפּשטופּן דאָס שיפֿל פֿון אַ זאַמדבאַנק. דער מלך־חסד פּעראָן האָט זיבן מאָל

עפנטלעך צוגעזאָגט צו געבן וויזעס פאַר אַן אַנדערהאַלבן טוץ יידישע שרייבערס און קינסטלערס, ביז ער האָט — נאָך אַ סך לאַנגע חדשים — איין מאָל דורכגעפירט (ווי אונדז, אַ דריטל פון יענע שרייבערס און קינסטלערס רוען שוין ביים מאָנומענט פון די קדושים!).

געווען לענדער וווהין יידן האָבן זיך געקענט אַריינכאַפּן מיט אַ שמד-צעטל. אַנדערע „גוטע" לענדער האָבן געטאָן חסדים צו יידן און אַריינגעלאָזט געוויסע צאָלן. אַנדערע לענדער זענען לפחות ניט געווען אַזוי אַכזריותדיק, אַז מען זאָל זיך פון זיי ניט קענען אַרויס-כאַפּן. מער ווי אַ האַלבער מיליאָן יידן האָבן געוואַרט אין די איי-ראָפּעישע לאַגערן, ס'רוב אין דייטשלאַנד.

דאָס אַלץ האָט פּאַסירט אויפן פּאָן פון צעשטורעמטער און פאַרבלוטיקטער וועלט. אַ סך צענדלינגער מיליאָנען טויטע. מיליאָ-נען אויסגעוואָרצלטע. שנאה האָט געפלאַקערט. מענטשן זענען גע-ווינט געוואָרן צו בלוט-פאַרגיסונג. די „קאַלטע מלחמה" האָט גע-צונדן שרפות.

ארץ-ישראל איז געשטאַנען אין מיטן פון אָט דעם בלוטיקן שטורעם, און דאָרטן האָט מען עס געדאַרפט געפינען רו פאַר אונדזער טראַגישער שארית-הפליטה. מען האָט דעבאַטירט: מלוכה צי ניט מלוכה, אַ בינאַציאָנאַלער שטאַט אָדער אַ חלוקה. איך בין ניט בקי גענוג צו וויסן, צי די דאָזיקע דעבאַטעס האָבן דעצידירט דעם באַשלוס. אָבער איך וועל אייך ניט זאָגן קיין ליגן: מיר ווייזט זיך אויס, אַז דער אָנגענומענער באַשלוס איז געווען דער רעאַלים-טישסטער. מיר ווייזט אויס, זאָג איך, איך בין ניט זיכער אין דעם, און איך גופא בין טויט-מיד פון די מיליאָנען עמי-הארצים, וואָס פּסקנען שאלות, מיט אַזאַ אויטאָריטעטן טאָן, וועגן ענינים, וואָס זיי זענען ניט גענוג באַקאַנט מיט זיי. אָבער עס האָט זיך מיר דעמאָלט אויסגעוויזן, און איצט נאָך מער, אַז מען האָט די צוויי שוין דעמאָלט מער ווי צעקריגטע אומות, די יידן און אַראַבער, געדאַרפט האַלטן וואָס ווייניקער נאָענט איינער פונעם אַנדערן. סיי-ווי, האָט זיך דאָך די מלחמה אָנגעהויבן איידער דאָס פּראָבלעם פון פּליטים איז אויפגעקומען! און ווערדליק דעם חשק, וואָס די

שכנים וווינען אַרום צו שלום, איז מסתמא גלײַכער, וואָס די איצטיקע פּליטים זיצן נישט אין ישראל:

איר האָט ניט פאַרשטאַנען מײַן משל פון אַלזשיר. וואָס איך האָב געמיינט מיט דעם איז, אַז ווען די אַראַבער וואָלטן געהאַט אין ישראל אַזאַ באַזע פאַר אַ פּאַרטיזאַנער-קריג (די אינעווייניקסטע גרויסע אַראַבישע באַפעלקערונג), ווי זיי האָבן עס אין אַלזשיר — דעמאָלט וואָלט מסתמא ניט אָנגעהאַלטן אַפילו דאָס שטיקל וואָפנשטילשטאַנד, וואָס איז פול מיט סכנה אָבער וואָס לאָזט נאָך אויך צו אַ האָפענונג אַז, אין אַ ביסל אַ באַרויִקטערער וועלט, וועלן זיך די צוויי ברידער-פעלקער איבערבעטן.

סײַ-ווי, ווארעמען זיך בײַ די שרפהס אין יענעם טייל וועלט בלויז פרעמדע, רוצחישע אימפּעריעס. אין דעם איצטיקן מאָמענט, בין איך זיכער, אַז ווען עס פּאַסירט חלילה, און די ביידע פעלקער דאַרטן קוילן, שונאי-ציון, אויס איינע די אַנדערע, וואָלטן די הערשערס פון אַ געוויסער אימפּעריע זיך געריבן די הענט פאַר שמחה: אויף זייער יעזויִטישער שפּראַך וואָלט עס געהייסן, אַז „די סתירות אין קאַפּיטאַליסטישן לאַגער, צעשטערן דעם קאַפּיטאַליזם און פאַרשנעלערן זײַן סוף״.

כל-זמן, אָט דער אימפּעריאַליסטישער פאַקטאָר וועט עקסיסטירן, וועלן אונדזערע גוטע כוונות מוזן גיין צוזאַמען מיט פאַרזיכטיקייט.

פאַרזוכט מיך פאַרשטיין, אַז דאָס מיינט ניט, אַז איך שאַץ ניט אָפּ, אין זײַן גאַנצן אומגעהײַערן ווערט, אײַער הערויִשן קאַמף פאַר ברידערלעכקייט, פאַר הומאַניזם, פאַר יושר, פאַר אמת, פאַר שלום... זאָל אײַער אַרבעט זײַן געבענטשט!

אָקטאָבער 1961

געשניטן וואָס מען האָט פֿאַרזײַט

דעם טאָג פֿון די וואַלן, פֿאַר נאַכט, זענען מיר צוגעפֿאָרן אין צענטער צו „זען וואָס עס הערט זיך". פֿאַרן אַרויסגיין האָבן מיר אויפֿגעזוכט אין ביכער־שאַפֿע פּרודאָנס „ווידוי פֿון אַ רעוואָלוציאָנער" און אַוועקגעלייגט עס אויפֿן טיש, מיט אַ סימן בײַם קאַפּיטל „10טער דעצעמבער — לוי באָנאַפּאַרט". איז דאָס געווען אַ בייזער פֿאָרגעפֿיל? — ס'איז געווען ווי איינער וואָלט, ניט פֿאַר קיינעם געדאַכט, געפֿאָרן באַזוכן אַ קראַנקן פֿרײַנד אין שפּיטאָל און, באַצײַטנס, זיך פֿאַרגרייט מיטן ספֿר „איוב".

אין דרויסן האָט דער פֿאַרנאַכט ניט געוואָלט אָפּשטעלן דאָס פֿאַרשפּעטיקטע פֿונאַנדערצאַלן זיך פֿאַרן קילן זומער: 30 גראַד היץ מיט 56 פּראָצענט פֿײַכטקייט! אַ גליק, עס איז זונטיק און אַ טאָג פֿון וואַלן — אַלץ איז צוגעמאַכט, אַרײַנגערעכנט די קאַפֿייען און קינאָס. די גאַסן זענען ליידיק, און קיינער פֿאַרשטעלט ניט דעם שטיקל ווינטל. אַ הויכריידער האָט מיט אַ מאָל גענומען אַראָפּשרײַען די ערשטע ציפֿערן פֿון די וואַלן. מיר האָבן אַ קוק געטאָן אַרויף: עפּעס אַזאַ קענטלעך הויז. יאָ, פּונקט אויף אַזאַ ערשטן שטאָק, נאָר מיט צוויי קוואַדרעס ווײַטער, האָט זיך מיט פֿערציק יאָר צוריק געפֿונען דער סינדיקאַט פֿון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע. דאָרט האָט אויך געהאַט איר דירה די „ליגאַ דע עדוקאַסיאָן ראַסיאָנאַליסטאַ". די „יִדישע אַנאַרכיסטישע גרופּע" פֿלעגט דאָרטן זייער אָפֿט אָפּהאַלטן פֿאַרזאַמלונגען. אָבער דער סינדיקאַט, פֿון וואַנען עס שרײַט דער הויכריידער, איז ניט קיין פֿאַרפֿערציקיעריקער, נאָר אַ הײַנטיקער און... אַ פּעראָניסטישער. מיר וואָלטן געווען בעלנים צו זען, ווי די טעאָרעטיקערס פֿון פּראָגרעס, פֿון 19טן י"ה, וואָלטן

אונדז אויסגעטײַטשט דעם פּראָגרעס, וואָס די אַרגענטינער סינדיקאַטן האָבן דורכגעמאַכט פאַר די פערציק יאָר.

אָבער די פאַר הונדערטיאָריקע טעאָרעטיקערס פון פּראָגרעס זענען שוין אַלטוואַרג. די ראָד פון דער געשיכטע האָט זיך היפּש אַ דריי געטאָן און האָט אונדז געגעבן נײַע דורות, וואָס פרייען זיך קענטיק שטאַרק מיט דער פּערספּעקטיוו פון פּראָגרעס צוריקקער.

יאָ, עס פרייען זיך אַלע קאַליע-געוואָרענע 14-15 יאָריקע מיידלעך. עס פרייען זיך סוחרים, וואָס האָבן געמאַכט אַרום פּעראָנען אַ כשרן גראָשן. עס פרייען זיך סינדיקאַלע פירערס, וואָס זענען בײַ אים געוואָרן נײַע גבירים. ווײַ, עס פרייען זיך אויך אַרבעטערס — עס איז טאַקע קיין ראיה ניט, אַז זיי וועלן האָבן בײַ אים עפּעס מער צו עסן איצט, ווען די קאַרטע איז אויסגעליידיקט און צעבראָכן. אָבער זיי וועלן האָבן אַ באַלעבאָס, און זיי וועלן פאַרשפּאָרן צו זאָרגן זיך. מען וועט הונגערן, ווײַנען אין די „ווײַזשאַ מיסעריאָס", אָבער מען וועט זײַן פּטור פון אחריות! גאָר שטאַרק צופרידן זענען כרושטשאָווס אַגענטן, וואָס האָבן טאַקע געעצהט דעם פאָלק צו שטימען פאַר פּעראָנען: זאָל דרייען נאָך ערגעץ אין בויך פון דער „מערבדיקער וועלט"! און אפשר וועט זיך טאַקע אײַנגעבן צו עפענען דאָ נאָך אַ וויעטנאַם, ציִ אַ קאָרעע, ציִ גאָר אַ קובאַ! סײַ-ווי, דעם רוסישן אימפּעריאַליזם וועט לוינען די טירחה אפילו, אויב דאָס זאָל שטערן, אַז דאָ זאָל חלילה ווערן „גוט", אָדער אַפילו ניט מער ווי רויִק!

עס פּראָגרעסירן שנעל די אויטאָמאַטן, וואָס זענען פּראָדוקטן פון מענטשלעכן שכל. דער מענטש גופא פּראָגרעסירט שווידערלעך לאַנגזאַם. אַז איר ווילט גוט, איז פאַראַן אַ גאָר קנאַפּער חילוק צווישן די מאַסן, וואָס דינען צו פּעראָנען אָדער צו די אַנדערע הײַנט-צײַטיקע דיקטאַטאָרישע מיטאָסן, און די אָפּנעמערס פון „ברויט און צירק" בײַ קאַליגולאַ, נעראָן אאַז"וו. און אַוודאי איז בלויז פאַראַן אַ נישטיקער חילוק צווישן דעם טייל פון די אַרגענטינישע מאַסן, וואָס „איבערראַשן" אונדז איצט מיט זייער היפּער-שונדישן אויסוואַל, און די פראַנצייזישע מאַסן, וואָס האָבן, דעם 10טן דעצעמבער 1848, אַזוי ווייטיקדיק איבערראַשט פּרודאָנען.

אויסטערליש איז נאָר געווען אין 1848, וואָס דאָס געשעעניש האָט אָנגעטראָפן אויפן זשעני, וואָס האָט פון דעם פאָרגעקומענעם געלערנט אַ דעפיניטיווע לעקציע. פונקט ווי ער האָט פון דער רע־וואָלוציע אין 1848 קלאָר אַרויסגעלערנט, אַז די מלוכה טויג ניט פאַר קיין אינסטרומענט אויף דורכצופירן סאָציאַליזם, אַזוי האָט פּרודאָן אויך דורכגעבליקט דעם גאַנצן מהות פון די וואַלן, און ער איז געווען דער ערשטער אַנאַרכיסט, וואָס האָט פּראָפּאַגאַנדירט קעגן אָנטייל נעמען אין וואַלן.

דער קלאַפּ איז באמת געווען אַ שווידערלעכער: דאָס פאָלק, וואָס האָט נאָר וואָס אָפּגעשטורעמט דעם רויטן יאָר 1848, האָט אָפּגעגעבן פינף מיט אַ האַלבן מיליאָן שטימען פאַרן אומבאַקאַנטן לוי באָנאַפּאַרטע. בעת וויינינקער ווי צוויי מיליאָן שטימען זענען איינגעטיילט געוואָרן צווישן די דריי קאַנדידאַטן פון די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע שטרעמונגען. פּרודאָן שרײַבט מיט ביטערניש:

„מען דאַרף ניט וועלן דערקלערן אַלץ אין דער געשיכטע: דאָס וואָלט געווען אַ פּרעטענזיע, וואָס איז פול מיט סכנות און איז גאָר ניט פילאָסאָפיש. די חכמה האָט אירע גרענעצן, האָט דער אַפּאָסטאָל געזאָגט, און אַריבער יענע גרענעצן איז דאָס נאָכטראַכטן און דער שכל ניט מער ווי גאווה און שוואַכקייט פון גײַסט. פון דעסט וועגן, זענען פאַראַן אַזעלכע פאַקטן, וואָס אויפן ערשטן קוק, זעען זיי אויס ווי אומדערקלערלעכע צופאַלן, וואָס דאַרפן בלויז צוגעשריבן ווערן אויפן חשבון פון מזל, אָבער אויב מען פאָרשט זיי נאָר מיט געדולד, געפינט מען לסוף אויס זייער סיבה. די וואַלן פון 10טן דעצעמבער געהערן צו אָט די פאַקטן.“

מיר קענען דאָ ניט איבערשרײַבן אַלע ביטערע, אָבער שוווּנ־גיקע און מונטערע נאָכטראַכטונגען פּרודאָנס. אָבער מיר ווילן נאָך איבערגעבן אַ טייל פון זײַן בליציקן אויספיר:

„צום סוף, האָט לוי באָנאַפּאַרט גערעדט. ער האָט זיך אַליין אויפגעדעקט, אָבער די וועלט האָט עס נאָך ניט פאַרשטאַנען.

„פראַנקרײַך, האָט ער געזאָגט, איך ווייס ניט צו וואָס, איך

ווייס שוין ניט ווען, פראַנקרייַך האָט מיך אויסגעקליבן, מחמת איך בין ניט קיין שום פּאַרטיי!... זעצט עס איבער: פראַנקרייַך האָט מיך אויסגעקליבן, מחמת זי וויל מער נישט האָבן קיין רעגירונג.

„יאָ, פראַנקרייַך האָט באַשטימט לוי! באַנאַפּאַרטען פאַר פּרעזי־דענט פון דער רעפּובליק, מחמת זי איז מיד פון די פּאַרטייען, מחמת אַלע פּאַרטייען זענען געשטאָרבן, מחמת צוזאַמען מיט די פּאַרטייען איז די מאַכט גופא געשטאָרבן און עס פעלט נאָר זי צו באַגראָבן. מחמת, ווי מיר האָבן געזען אין משך פון דער גאַנצער דערציילונג, זענען די מאַכט און די פּאַרטייען סיבה און פועל־יוצא: נעמט צו איין זאַך און איר צעשמעטערט די צווייטע."

אין אונדזערע נאָכטראַכטונגען זענען מיר געקומען צו אַ שלום, וואָס, אויבנאויפיק לפּחות, איז ער אין עקסטרעמער סתירה מיט איין טייל פון פּרודאָנס שלום: מיר האָבן אויסגעטייַטשט דעם הייַנט־צייַטיקן קולט פון די דיקטאַטאָרישע געצנדינסטן ווי אַ בענקשאַפט צו אַ באַלעבאָס, ווי אַ קרענקלעכן פאַרלאַנג אַראָפּצוואַרפן פון זיך אחריותן. מאָדערנע פּסיכאָלאָגן באַשטעטיקן דעם רעזולטאַט פון אונדזער נאָכטראַכטונג. פאַראַן פּסיכאָלאָגן וואָס, חוץ דעם פאַרלאַנג צו באַפרייַען זיך פון אחריותן, גיבן זיי צו קרענקלעכע מאַזאָכיס־טישע נייגונגען און נאָך אַזעלכע פּסיכישע אַבעראַציעס, פאַר וואָס מענטשן זוכן איבער זיך די רעגירונג. בעת פּרודאָן האָט זיך דער־בליצט צו אַ פּאַראַדאָקסאַלער אויסטייַטשונג, אַז מענטשן האָבן אויסגעוויילט אַ לוי! באַנאַפּאַרטען, מחמת זיי ווילן אין גאַנצן קיין מלוכה ניט. די צוויי עקסטרעמע באַאָבאַכטונגען באַגעגענען זיך אין דער אָפּשאַצונג, אַז רעגירונגען האָבן שוין אָפּגעלעבט זייער פּאָזיטיווע ראָלע.

אין סעפּטעמבער 1943, בעת פּעראָן האָט אָנגעהויבן אויסצו־וויקלען זייַן טעטיקייט צווישן די אַרבעטערס פון דעם סטראַטעגישן „נאַציאָנאַלן אַרבעט־דעפּאַרטאַמענט" (די שפּעטערדיקע אַרבעט־סעקרעטאַריע), האָבן מיר געשריבן אין „דאָס פרייַע וואָרט":

„מיט אַ פופצן־צוואַנציק יאָר צוריק, איידער דער יד־אחת צווישן סאָציאַליסטישע פּאָליטיקערס, סטאַלינישע כאַמאַלעאָנען און געל־

סינדיקאַליסטישע ביוראָקראַטן האָט באַוויזן אויסצונוצן די „גינציקע" קאָניונקטור, וואָס אוריבורוס שטאַטקלאַפּ האָט געשאַפן, אויף צו פאַרשטופּן אין די אומלעגאַלע קעלערס די אויטענטישע אָרגענטינער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָלט אויסגעזען אומזיניק צו דענקען, אַז מ׳זאָל קענען קאָנטראָלירן, צי גאָר אָנפירן סינדיקאַטן דורך פונקציאָנאַרן, וואָס די אַרבעטערס אַליין האָבן ניט אויסגעוויילט. דעקרעטן וועגן לעגאַליזאַציע און געצוווּנגענע אונטערוואַרפונג צו באַשלוסן, וואָס שטאַמען ניט פון אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון סינדיקאַטן, וואָלטן געבליבן טויטע בוכשטאַבן, מחמת זיי וואָלטן ניט געקענט דורכגעפירט ווערן אין לעבן.

„אַ יאָרצענדלינג קלאַפּן אין אַלע פויקן וועגן „געזעצן נומער אַזעלכע און אַזעלכע", אַ יאָרצענדלינג שתדלנותן אין די מיניסטער־יומס האָבן דערפירט די אַרבעטערס צו אַזאַ מין גוואַלטיקן צושטאַנד, אַז זיי וואָלטן ניט געקאָנט באַוויזן דעם קלענסטן זשעסט אויף אַנט־קעגנצושטעלן זיך אַן עפּנטלעכן פּאַשיזם."

מען האָט געוואָלט האָבן אַ לײַכטערן רעגירן. אָרגאַניזאַציעס, בעסער געזאָגט מאַשינעס, ווי די סע־כע־טע, איז לײַכטער צו קאָנ־טראָלירן. מען גיט פּאָליטישע קאָנצעסיעס פאַר די סינדיקאַלע שעפן און מען וואַרפט צו אַן אילוזיע פון אַ פאַרבעסערונג פאַר די אַרבע־טערס, און מען קען ווײַטער אָנגיין מיט דער פּאָליטיק פון לייזן אַלע שוועריקייטן און אַלע פּראָבלעמען אויפן חשבון פון דעם אַר־בעטערס הונגער. געפינט זיך דאָך דער פּראָטאָטיפּ פון די סע־כע־טעס אין די לענדער, ווו מען שמועסט אײַן די אַרבעטערס, אַז אַלץ איז זייערס, און געבן גיט מען אַלעמען — חוץ זיי!

מען האָט געוואָלט האָבן אַ פאַרשקלאַפטן אַרבעטער, מחמת אַזוי האָט געלוינט די אינטערעסן פון די בעסער סיטויִרטע קלאַסן און די אַמביציעס פון די כלערליי פּאָליטיקערס. אָבער פרײַהייט קען מען שוין מער ניט צעטיילן, און עס קענען שוין מער ניט זײַן קיין פרײַע לענדער מיט פאַרשקלאַפטע טיילן פון דער באַפעלקערונג.

דאָרטן, ווו טיילן פון דער באַפעלקערונג זענען דעגראַדירט און פאַרשקלאַפט, מעגן הוליען די פּעראָנס, און דאָרטן מעגן טאַנצן האָפּקעס די כרושטשאָווס.

מאַרץ 1962

תוכן

יונה גאָראָדיסקי — 7
אַנשטאָט אַן אַרײַנפיר — אַ וויכוח — 11
דעסיאַמאָס אַזשער — 21
ניט מיט כוח און ניט מיט רמאות — 29
ש. ניגער — 37
דער ערשטער מײַ דאַרף רעגענערירט ווערן — 42
40 יאָר נאָך דער קולטור־קאָנפערענץ אין לאַ פּלאַטאַ — 47
40 יאָר ייִדישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט — 56
קולטור־פּלוראַליזם — 61
„די געשיכטע איז מיט אונדז" — 66
ס׳איז נאָרמאַל — 68
ד״ר יצחק־נחמן שטיינבערג — 71
די זוכער פון אמת — 79
ד״ר יצחק־נחמן שטיינבערג (הספד־וואָרט) — 84
אָנגריף אויף דער ייִדישער דערציִונג — 92
אַ כעלעמער חינוך־קאָנגרעס — 97
טאָזשע סאַמאָיע — 103
דער ניט שלימותדיקער פאַרברעכן — 105
כיבוש הקהילות — 114
ייִדישע קולטור אין די תפוצות — 120
דער מלך און דער נביא — 132
נאָכן וואַלפּראַצעס — 138
סעכעטיסטישע שטרײַקן — 141
צו רודאָלף ראָקערס 85סטן געבוירנטאָג — 146
10 יאָר מדינת ישראל — 152

קרעכצן פון אַ לייענער — 157
דרײַ חדשים נאָך דער חופּה — 163
רודאָלף ראָקער — 172
ה. לייוויק איז אַלט געוואָרן 70 יאָר — 177
פּראָנדיסי האָט צרות פון זײַנע ווײלערס — 180
אַ נײַער אַנאַרכיסט — ד״ר נחום גאָלדמאַן! — 186
דער עקאָנאָמישער פּלאַן און די ייִדישע קולטור — 188
חנוכת־הבית אין דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט — 195
אַ מענטש טראַכט — 203
נבואה און אַפּאָקאַליפּסיס — 209
פראַנסיסקאָ פערער — 216
„פּיתום ורעמססן אין דער פאַרשפּרייטקייט" — 223
אַ יום־טוב אין „דאָס פרײַע וואָרט" — 228
יעקב בירנבוים — 237
הײַנט אין קובאַ — 241
ווהין פירט אונדזער מלוכה־קולט? — 246
העגעמאָניע דורך מלוכה — 251
בערל גרינבערג — 256
צו נתן חפשין — 258
געשניטן וואָס מען האָט פאַרזייט — 266